בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת שופטים תשפ"ו

### פון כ"ו אב - ביז ב' אלול

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## זונטאג - כ"ו אב

רבינו הקדוש רשכבה"ג רבינו יואל ב"ר חנני' יום טוב זי"ע, (טייטלבוים), **בעל ויואל משה, מסאטמאר.**

## מאנטאג - כ"ז אב

הרה"ק רבי שמואל צבי ב"ר אברהם אביש זי"ע, (הורוויץ), **בעל תפארת צבי, אדמו"ר מספינקא.**

הרה"ק רבי משולם פייש ב"ר מרדכי הלוי זי"ע, (לאווי), **בעל עבודת עבודה, אדמו"ר מטאהש.**

## דינסטאג - כ"ח אב

הגה"ק רבי נפתלי צבי יהודה ב"ר יעקב זי"ע, (ברלין), **בעל העמק שאלה, הנצי"ב, מוואלוזין.**

## מיטוואך - כ"ט אב

הרה"ק רבי אליעזר זוסיא ב"ר ישראל אברהם זי"ע, (פורטגאל), **בעל נועם אליעזר, אדמו"ר מסקולען.**

## דאנערשטאג - ל' אב

הרה"ק רבי מרדכי ב"ר אלימלך מטאהש זי"ע, הי"ד, (לאווי), **אב"ד דעמעטשער.**

## פרייטאג - א' אלול

הרה"ק רבי חנוך העניך דוב ב"ר שמואל זי"ע, (מייער), **בעל לב שמח, ראש שושלת אלעסק.**

## שבת קודש - ב' אלול

הרה"ק רבי אליעזר ב"ר ישראל זי"ע, (האגער), **בעל דמשק אליעזר, אב"ד ווישניץ.**

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט כ"ו אב**

**רבינו הקדוש רשכבה"ג רבינו יואל ב"ר חנני' יום טוב זי"ע, (טייטלבוים)**
**בעל ויואל משה, אדמו"ר מסאטמאר**

ער איז געבוירן אין שטאט סיגוט, **ח"י טבת בשנת תרמ"ז.**

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי חנני' יום טוב בעל קדושת יו"ט מסיגוט** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יקותיאל יהודה בעל ייטב לב מסיגוט** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלעזר ניסן מדרוהוביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבינו משה טייטלבוים בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת חנה** ע"ה, בת הגה"ק **רבי יואל אשכנזי בעל מהר"י אשכנזי** זי"ע.

ער איז געווען דער רבן של כל בני הגולה און א איש קדוש מאוד צדיק יסוד עולם, דומה למלאך ד', ער איז געווען א בקי בש"ס ופוסקים, און א עילוי וחריף עצום בתורה, און א מתמיד ולמדן עצום און גאון עולם, ער האט געהאט א לב טוב פאר יעדן אידיש קינד, און יעדע איד האט ביי אים געטראפן אן אוזן קשבת, נישט קיין חילוק ווער דער איד איז געווען האט ער ביי דעם צדיק געטראפן אן אפען טיר.

אידן האבן געזען גאר גרויסע ישועותביים רבין און ער האט משפיע געווען תורה וקדושה פאר יעדן איד וואס איז נאר געקומען אין בארירונג מיט דעם צדיק וקדוש.

ער האט זיין גאנץ לעבן לוחם געווען מלחמת ד' מיט א מסירת נפש, און מקיים געווען דעם לא תגירו מפני איש אויפן העכסטן פארנעם, ער האט זיך אוועק געגעבן מיט מסירת נפש ממש, פאר יעדע דבר שבקדושה, און מוחה געווען אויף יעדע פירצה מיט א קול להבת אש דקדושה, ער איז געווען באוויסט אלס א קנאי עצום ממש א יחיד בדורו וואס האט מחמיר געווען בקלה כבחמורה.

ער האט גאר אסאך תורה געלערנט פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע, אויך האט ער מקבל געווען אסאך מנהגים און א דרך אין עבודת השם פון זיין הייליגען טאטן זי"ע.

ווי באקאנט איז דער טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע מיט זיין זיווג שני נישט גלייך געהאלפן געווארן מיט קינדער, ער פלעגט זיך אסאך מזכיר זיין ביי זיין רבין הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע פאר א ברכה געהאלפן צו ווערן מיט זש"ק, אויך איז באוויסט אז דער טאטע דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט אסאך איינגעריסן פאר א ישועה פארן זון דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע.

איינמאל האט די ברודער הגה"ק **רבי משה יוסף** זי"ע מזכיר געווען דעם קדושת יו"ט ביים הייליגען דברי חיים זי"ע פאר א ברכה, האט דער הייליגער דברי חיים צוריק געשיקט א בריוו מיט די ווערטער, "**בציפייתנו ציפינו לזרע ברך ד'**", און פון דעם ברכה האט דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע געהאט צוויי הייליגע קינדער, הרה"ק **רבי חיים צבי טייטלבוים בעל עצי חיים מסיגוט** זי"ע, ואחיו **מרן רבינו הקדוש רבי יואל טייטלבוים מסאטמאר** זי"ע, די חסידים האבן געזאגט, אז פון די דאפעלטע לשון פונעם דברי חיים, "**בציפייתנו ציפינו**", איז אראפ געקומען **צוויי הייליגע קינדער**.

די חסידים פונעם טאטן דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע האבן דערציילט, אז נאך גאר יונג האט מען שוין געזען דעם קינד **יואל'יש** זיך פירן מיט א געוואלדיגע **קדושה וטהרה**, און אפילו ער האט נאך אלס קינד נישט געלייגט קיין תפילין, מיט דעם אלעם האט ער מקדיש געווען א לאנגע צייט פאר טהרות הגוף צום דאווענען, **א מנהג קדוש וואס ער האט אנגעהאלטן מיט א מסירת נפש ממש ביז סוף ימיו.**

ער האט שוין אלס קינד גע'שמ'ט מיט זיין גדלות בתורה, און אויך מיט זיין עבודת השם בקדושה וטהרה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע חריפות, און גרויסע גדולים און גאונים וואס זענען געקומען צום טאטן, האבן הנאה געהאט צו פארברענגען מיט דעם קלוגען יונגל אין תורה, און זענען ממש אלע ארויס פון התפעלות פון זיין געוואלדיגע בקיאות התורה.

ער איז נאך פון אלס קינד געווען באוויסט מיט זיין גרויסע השלמה און **מידות צדקה וחסד און גמילות חסדים**, ער האט נאך פון זיין יוגענט אן פארטיילט גרויסע סכומים פאר צדקה, און ער דאס אנגעהאלטן זיין גאנץ לעבן ביז צו זיין פטירה.

ער האט געגעבן צדקה פאר יעדן איד נישט קיין חילוק צו יענער האט באלאנגט אויף די זעלבע צד ווי אים, אדער גאר געווען פון די קעגנער'ס, ווען עס איז געקומען צו העלפן א איד, האט ער דאס געטון מיטן גאנצן הארץ.

ביי דעם בר מצוה האט ער געזאגט א דרוש נפלא מיט א גאר טיפע און לאנגע פולפל וואס ער האט אליין מחדש געווען אויפן סוגיא המוצא תפילין, וואס אלע גאונים און צדיקים וואס זענען דארט געזעצן זענען ממש ארויס פון התפעלות.

ער האט שוין בעפאר די חתונה באקומען סמיכה פון 8 גדולים און גאונים בדורו ובתוכם הרה"ק **רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם מחוסט** זי"ע, הגה"ק **רבי שלמה יהודה טאבאק בעל ערך שי' מסיגוט** זי"ע, הגה"ק **רבי אליעזר חיים דייטש בעל פרי השדה מבוניהאד** זי"ע, הגה"ק **רבי יהודה גרינוואלד אב"ד סאטמאר** זי"ע.

בשנת תרס"ד ביי די 17 יאר האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חוה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה הורוויץ אב"ד ראזוואדאוו** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע.

און וויבאלד די טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע, איז דאן שוין געווען גאר שוואך, האט דער מחותן מסכים געווען אז מען זאל דעם חתונה ברענגען קיין סיגוט, כדי די טאטע דער קדושת יו"ט זאל קענען זיין ביי די חתונה.

דער צדיק דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע האט פון דעם זיווג ראשון געהאט **דריי קינדער**, וואס אלע זענען ליידער **נעדר געווארן בחייו פונעם טאטן, און ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק**.

כ"ט שבט בשנת תרס"ד איז דער טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע נסתלק געווארן, און מען האט אויף געגומען אלס ממלא מקום אין סיגוט דעם ברודער הרה"ק רבי חיים צבי בעל עצי חיים זי"ע, און דאן איז דער רבי זי"ע אריבער וואוינען אין שטאט **ראדומישל**, פאר בערך א יאר און געזעצן אויף קעסט ביים שווער.

ח' אלול בשנת תרס"ה האט זיך די רבי אריבער געצויגען צום שטאט **סאטמאר**, און אפילו נאך זייענדיג גאר יונג, האבן די חסידים אויף געשטעלט א ביהמ"ד פארן רבין, און דארט האט ער אנגעהויבן פירן דאס רבנות.

בשנת תרס"ו איז געווען דאס ערשטע יאר וואס דער צדיק האט געפירט די ימים נוראים אין שטאט סאטמאר, און די חסידים האבן נאך יארן שפעטער גערעדט פון די ימים נוראים פון יענעם יאר, ער האט שוין דאן אפילו נאך זייענדיג גאר יונג, מעורר געווען אידישע קינדער מיט א קול להבת אש און אויס געוואשן אידישע הערצער מיט זיינע פלאם פייערדיגע דרשות און תפילות, וואס זענען צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע נעימות און מיט א פחד פארן יום הדין, און ווער רעדט נאך פון די געהויבענע הקפות וואס ער האט דארט אפ געראכטן, אז געהויבענע אידן האבן געזאגט, אז די הקפות האט מען נישט געזען ביי אלטע רבי'ס.

אויך הרה"ק רבי יהודה גרינוואלד אב"ד סאטמאר זי"ע האט געשיקט זיינע תלמידים אז זיי זאלן גיין זען דעם גרויסן יראת שמים און קדושה פונעם רבין, און ער אליין האט גאר שטארק מעריץ געווען דעם רבין.

דארט אין סאטמאר האט די רבי שוין אנגעהויבן מרביץ תורה זיין פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים, און ווי באקאנט האט דער טאטע דער קדושת יו"ט זי"ע זיך אמאל אויסגעדריקט אויף זיין זון דער רבי זי"ע, "**וואויל איז פארן שטאט וואס וועט זוכה זיין צו האבן מיין זון יואליש אלס רב**".

בשנת תרע"א האט מען דעם רבין אויף געגומען אלס רב אין שטאט **אורשיוואַ**, און דארט האבן גאר אסאך אידן יראים ושלמים זיך מדבק

געוועז אונעם צדיק הדור, ער האט דארט אין שטאט גאר אסאך מתקן געוועז און שטענדיג געשטאנען על המשמר, אז מען זאל זיך פירן אלעס לויט ווי מען האט מקבל געוועז מדורות הראשונים.

ווי באקאנט איז דער שטאט אורשיווא באשטאנען פון גאר פשוטע אידן, אבער ווען דער רבי איז דארט אנגעקומען, האט זיך אין א קורצע צייט אנגעזען דעם השתנות צורה פון דעם שטאט, עס האבן זיך אהין געצויגען אידן יראים ושלמים, און א יאר שפעטער איז דער שטאט שוין געוועז באוויסט אלס א עיר ואם בישראל, ווי הונדערטער אידן יראים ושלמים האבן זיך דארט באזעצט, און זיך מדבק געוועז אינעם רבין, וואס איז נאך דאן געוועז גאר יונג, אבער זיין דרך אין לערנען תורה, און בפרט זיין הנהגות דקדושה, האט איבער גענומען די אידן.

אויך האט דארט אין אורשיווא דער צדיק עוסק געוועז מיט אלע געברויכען פארן שטאט בעניני הדת, **חינוך**, **כשרות**, **מקוואות**, **צניעות**, **דיני תורה**, און אויך איז זיין ישיבה דארט געוועז באוויסט אלס איינע פון די גרעסטע ישיבות בימיו, און ער האט דארט מרביץ תורה געוועז מיט זיין גאנצע כח, אויך האט ער דארט אסאך לוחם געוועז קעגן פירצת, ווי געמישטע חתונות, וואס אלעס איז צו געגאנגען מיט א מסירת נפש.

ביים ערשטע וועלט מלחמה איז ער צוריק צום שטאט **סאטמאר**, און דארט זיך אויף געהאלטן ביז נאך די מלחמה, אסאך אידן האבן זיך דארט אין סאטמאר ווייטער מדבק געוועז צום רבין, ער האט דאן אסאך עוסק געוועז צו מחזק זיין די פליטים וואס זענען אנטלאפן און זיך אויס באהאלטן פון די מיליטער.

בשנת תרע"ט ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, זענען ליידער געוועז אסאך עגינות, וואס זענען ליידער געבליבן לעבעדיגע אלמנות, נישט וויסענדיג אויב די מענער האבן איבער געלעבט די מלחמה, האט די רבי עוסק געוועז גאר אסאך מיט היתר עגונות צוזאמען מיט נאך גדולים בדורו.

בשנת תר"פ ווען דער גאון הרה"ק רבי יהודה גרינוואלד אב"ד סאטמאר זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען זייער געוואלט אויף נעמען דעם רבין אלס רב אין סאטמאר, אבער למעשה איז דאס נישט צושטאנד געקומען, און ווען הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט געהערט, אז מען האט נישט אויף גענומען דעם סיגוט'ער רב זון אלס רב, האט ער זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**א שאד, א שאד, דעם סיגוט'ער רב'ס זון, איז דאך מלא סייעתא דשמיא, ער איז א גברא דמארי' סייעי**".

בשנת תרפ"ו האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט **קראלי**, אלס ממלא מקום אויפן פלאץ פון הרה"ק **רבי שאול בראך** זי"ע, וואס איז אריבער קיין **קאשוי**, און גלייך ווען ער איז אנגעקומען האט ער אנגעהויבן מתקן זיין זאכן וואס האבן געברויכט תיקון אין דעם שטאט.

מען דערציילט, אז שפעטער איז דער פריערדיגע רב רבי שאול בראך זי"ע אריבער דעם שטאט קראלי, האט ער זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**איך דערקען נישט די שטאט**", צוליב די גרויסע תיקונים וואס דער רבי האט דארט אויפגעטון, אויך האט ער דארט אויף געשטעלט א ישיבה וואס גרויסע תלמידי חכמים זענען דארט געקומען לערנען פון דעם רבין תורה און עבודה און קדושה, און דער רבי האט נאך יארן שפעטער געדעדט פון די שבתים דארט אין קראלי.

בשנת תרצ"א איז זיין טאכטער די **צדקת מרת רחל** ע"ה אשת הגה"ק **רבי יקותיאל יהודה ט"ב אב"ד סיגוט** זי"ע, פלוצלונג נפטר געווארן, מען קען זיך נישט פארשטעלן דעם צער וואס רבינו הקדוש האט געהאט, מיטן פארלירען דעם טאכטער, און ער האט דאן געזאגט בזה"ל, "**כאטש היינט איז ראש חודש און מען טאר נישט מספיד זיין, אבער ס'ווערט געברענגט אין של"ה הקדוש, אז איינער וואס איז א חוטא מעג זיך מתוודה זיין, און זי איז נישט נפטר געווארן נאר אין מיינע חטאים, און ער האט אויס געפירט מיט א קול געשטיקט מיט טרערן**, "**חטאתי עויתי פשעתי**", און דער גאנצער עולם האט אויס געבראכן אין א געוויין.

בשנת תרצ"ב האט ער באזיכט אין ארץ ישראל, צום חנוכת הבית פאר א בנין **לזכר נשמת זיין טאכטער**, און דאן איז נסתלק געווארן הגה"ק **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זי"ע, און מען האט דאן

געוואלט אויף נעמען דעם רבין אלס ממלא מקום, אבער צום סוף האט מען אויף גענומען הגה"ק **רבי יוסף צבי דושינסקי** זי"ע אלס ממלא מקום.

בשנת תרצ"ד האט מען אויף גענומען דעם רבין אלס רב אין שטאט **סאטמאר**, און פון דאן האט מען אים אנגעהויבן רופן **"סאטמאר רבי"**.

ער איז שוין דאן געווען באקאנט אלס א גרויסע קנאי, דער צדיק האט זיך ארויס געשטעלט מיט א מסירת נפש און מוחה געווען אויף יעדע זאך וואס איז געווען קעגן די הלכה, אדער אפילו נאר קעגן א מנהג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

ער איז געווען באקאנט פון די גרעסטע לוחמים קעגן די **ציונים** און אויך קעגן די **אגודת ישראל**, וואס דער צדיק איז ארויסגעקומען ברבים מיט א גאוואלדיגע שטארקייט, און לוחם געווען קעגן די אלע וואס האבן געשטיצט דעם אגודת ישראל, און כמה פעמים זיך אויסגעדריקט מיט זייער שארפע ווערטער, קעגן די וואס שטעלן זיך צו און זענען מחזק די ציונים.

ה' שבט בשנת תרצ"ו איז די רעבעצין הצדקת מרת חוה ע"ה נפטר געווארן.

י"ג אלול בשנת תרצ"ז האט די רבי חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת אלטא פייגא** ע"ה.
וואס האט געשטאמט פון אסאך גרויסע צדיקים הקודמים.
בת הגה"ק **רבי אביגדור שפירא מצנסטוחוב** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי קלונימוס קלמן מווידאמא** זי"ע, נכד הרה"ק **רבי ישעי' מפשעדבורז** זי"ע, ונכד הרה"ק **בעל מאור ושמש מקראקא** זי"ע)
בן הרה"ק **רבי שלום מפריסטיק** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי דוד מקשאנוב** זי"ע, בן הרה"ק **בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע)
בן הרה"ק **רבי יעקב יצחק מבלענדוב** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי לייבוש נייהוז** זי"ע, חתן הרה"ק **בעל אור לשמים מאפטא** זי"ע)
בן הרה"ק **רבי חיים מאיר יחיאל השרף ממוגלניצא** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי אלעזר מליזענסק** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע)
בן הרה"ק **רבי אבי עזרא זעליג** זי"ע, (חתן הרה"ק **המגיד מקאזניץ** זי"ע).

די רעבעצין הצדקת מרת אלטא פייגא ע"ה האט זיך אוועק געגעבן פארן רבין מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און מסירת נפש נישט צום באשרייבען, פון די חתונה ביז צום פטירה **האט זי זיך נישט אוועק געריקט פון איר הייליגער מאן**, אפילו אין די שווערע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה, **האט זי משמש געווען איר מאן מיט א מסירת נפש ממש**.

אויך איז באקאנט די גרויסקייט פון די רעבעצין אין **מידות הצדקה וחסד**, די רעבעצין אלטא פיגא ע"ה האט אויף געשטעלט דעם **ביקור חולים אין וויליאמסבורג**, וואס האט געשיקט עסן פאר קראנקע אידן אין שפיטאל, וואס איז געווען א מוסטער פאר אלע אנדערע אידישע געגענטער, אויך האט די רעבעצין עוסק געווען אין צדקה פאר ארימעלייט און צובראכענע אידן פון די גאנצע וועלט.

דעם רבין'ס השפעה איז געווען גאר גרויס, ער איז געווען באוויסט צווישן די גדולים בדורו וואס האבן געהאט אן השפעה אויף רומעניה און רוסלאנד און אונגארין, און אלעס ארום, ביי דעם צדיק איז נישט געווען אזא זאך ווי פשרות, ווען עס איז געקומען צו סיי וואסערע זאכן וואס זענען געווען פארבינדן בעניייני הדת.

בשנת תש"ג ווען עס איז נאך געווען במציאות צו ראטעווען אידן פון אונגארן, האט זיך די רבי פארבינדן מיט גרויסע עסקנים און אסאך עוסק געווען צו ראטעווען אידישע קינדער פון די נעגל פון די נאציס ימ"ש.

חודש אדר בשנת תש"ד ווען די דייטשן ימ"ש האבן איין גענומען אונגארן, און עס האבן זיך אנגעהויבן די ביטערע צייטן פאר די אונגארישע אידן, האט זיך די רבי באהאלטן אין א בונקער, און חודש ניסן האבן די מקורבים ערלעדיגט **א אמבולאנס פון די רויטע קרייץ**, וואס זאל אריבער טראגן דעם רבין קיין קלויזנבורג, מיטן חשבון אז ער וועט זיך אריבער שווערצן דעם רומענישע גרעניץ, און ער איז אינמיטן די נאכט אנטלאפן פון סאטמאר קיין אונגארן.

אבער ער איז פארהאלטן געווארן דורך די אונגארישע זשאנדארן, און מען האט אים איינגעזעצט אין תפיסה, און דערנאך איז ער אנגעקומען אין דארטיגן **געטא**, און פון דארט איז ער אנגעקומען קיין **בערגן בעלזן**.

מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי דער צדיק האט זיך מוסר נפש געווען די גאנצע פונעף חדשים וואס ער איז געווען אין בערגן בעלזן, ער האט מיט מסירת נפש ממש ווייטער עוסק געווען אין זיין עבודת הקודש און נישט משנה געווען קיין זיז כל שהוא, מן השמים האט מען געפירט אז די רבי זי"ע איז מיט זיין געוואלדיגע מסירת נפש געבליבן חוץ לדרך הטבע מיט זיין **בארד דער דיוקנא קדישא**.

ח"י כסלו בשנת תש"ה איז דער צדיק וקדוש ארויף אויפן באן אין **בערגן בעלזן**, אויפן וועג קיין **שווייץ**, וואס דאס איז געשען ממש מיט ניסים, און מען האט געזען דעם יד השם, אז דער גרויסער באשעפער האט ברוב רחמיו וחסדיו, רחמנות געהאט אויף די שאריות הפליטה, און ער האט איבער געלאזט דעם מנהיג ישראל צדיק יסוד עולם רבינו הקדוש זי"ע פארן דור יתום, ער זאל אונז מחזק זיין און צוריק אויפבויען אידישקייט אין די וועלט נאכן גרויסן חורבן.

נאך דריי טאג פארן איז די באן אנגעקומען קיין שווייץ, און **כ"א כסלו בשנת תש"ה יום הצלה והשחרור**, איז דער הייליגער רבי, דער צדיק הדור אנגעקומען קיין שווייץ, און געראטעוועט געווארן פון די נעגל פון די דייטשן ימ"ש, און ער האט זיך אויפגעהאלטן פאר א שטיק צייט דארט אין שווייץ.

**י' אלול בשנת תש"ה** איז דער צדיק ארויס געפארן קיין **ארץ ישראל**, און **כ"ד אלול** איז דער שיף אנגעקומען קיין **חיפה**.

דער צדיק האט זיך גלייך גענומען עוסק זיין, אין אויף שטעלן אידישקייט אין ארץ ישראל, ער האט מיט א מסירת נפש אויפגעמאכט תלמוד תורת פאר די קינדער וואס זענען ניצול געווארן פון די מלחמה, ער האט ממש געדינט ווי א טאטע צו די אלע קינדער און זיי מחזק געווען, דער צדיק איז דאן ארום געפארן אין שטעט אין ארץ ישראל, און אויף געשטעלט מוסדות התורה, ווי די קינדער זאלן ווערן ערצויגען על דרך ישראל סבא.

בשנת תש"ו איז דער רבי שוין געווען א גרויסער בעל חוב, פון די אלע פעילות וואס ער האט עוסק געווען אן קיין חשבון, און מיט א מסירת נפש געטון אלעס, נאר כדי צו ראטעווען כלל ישראל אין צוריק אויפשטעלן אידישקייט, און חודש אלול בשנת תש"ו איז דער צדיק געפארן קיין **אמעריקע**, כדי צו צאמשטעלן געלט פאר די מוסדות התורה אין ארץ ישראל.

**ראש השנה בשנת תש"ז איז די שיף אנגעקומען קיין אמעריקע**, דער רבי איז געבליבן אויפן שיף ביז נאך יו"ט, און מוצאי יו"ט האבן די אידן אין אמעריקע מקבל פנים געווען דעם צדיק, און דאן איז דער רבי אנגעקומען דאס ערשטע מאל אין שטאט וויליאמסבורג דער עיר ואם בישראל, וואס איז דאן נאך געווען אן **ארץ שוממה**.

יענעם יאר האט די רבי געגרינדעט זיין **קהילה קדושה קהל יטב לב ד'סאטמאר**, פאר די אידן יראים ושלמים, וואס האבן זיך דאן מדבק געווען אונעם צדיק הדור, דער רבי האט גאר שווער געארבעט צוזאמען שטעלן געלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל.

ליידער בשנת תש"ח האט זיך געגרינדעט די **מדינה הטמיאה**, און דאן האט זיך דער צדיק ארויס געשטעלט כמעט איינער אליין קעגן די מדינת הציונות, און לוחם געווען קעגן די מכחישי האמונה און עוקרי הדת, און ליידער זענען טאקע אסאך אידן געווארן מיט געשלעפט מיט די דעות כוזבות פון די ציונים און זיך מיט געפרייט אויפן הקמת המדינה הטמיאה.

דער צדיק איז ארויס בחרב ובחנות און זיך נישט אפגעשראקן פון קיין רדיפות און שטרויכלונגען וועלכע זענען אינטער געקומען, און עד זבולא בתריתא האט ער לוחם געווען מיטן גאנצן כח, און מפרסם געווען שמו יתברך און כבוד תורתו הקדושה בכל העולם, און מיט זיין גרויסן כח האט ער אפ געראטעוועט א גרויס חלק פון כלל ישראל, פון ח"ו אריינפאלן אין נעץ פון די כופרים, און מפרסם געווען דעם איסר פון האבן אן אייגן מדינה בעפאר ביאת המשיח.

אויך האט דער צדיק ארויס געגעבן אן איסור אנטייל צו נעמען אין די **בחירות הטמאות אין ארץ ישראל פאר דעם שלטון הכופרים**, און געזאגט אז דאס איז איינע פון די עבירות החמורות שבתורה.

בשנת תש"ט וויבאלד עס האט זיך געגרינדעט די מדינה הטמיאה, און אויך צוליב וואס דאס צוזאמען שטעלן געלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל איז געגאנגען גאר שווער, איז דער רבי שוין געבליבן וואוינען אין **וויליאמסבורג**, און דאן האט דער צדיק צוזאמען גענומען די רעשטלעך פון די אידן, וואס זענען געבליבן נאכן גרויסן חורבן, און ער איז געווארן פאר די אלע אידן ווי א טאטע פאר קינדער.

ווי ערוועגט איז דער שטאט וויליאמסבורג געווען אן ארץ שוממה, און געווען גאר שוואך אין אידישקייט, און דער צדיק האט זיך אריינגעווארפן מיט א מסירת נפש, צו אויפהייבן אידישקייט אין אמעריקע, ער האט דאן אויף געשטעלט א **תלמוד תורה** און א **ישיבה**, ווי מען האט מחנך געווען קינדער און בחורים אויפן דרך ישראל סבא, און ער האט אליין זיך אפגעגעבן מיט אלע צרכים וואס האט זיך אויסגעפעלט, אידן פון דעם געגענט האבן געזען אין דעם די יד השם, און זיך מדבק געווען אונעם רבין מיט א געוואלדיגע קשר.

אמעריקע איז געווען א פלאץ וואס אסאך גדולים און צדיקים האבן פראבירט צו אויף שטעלן אידישקייט, אבער ליידער האט דאס נישט געהאלטן און אסאך אידן זענען ליידער אוועק געפאלן.

אבער דער צדיק מיט זיין געוואלדיגע מסירת נפש און מיט זיין מידות האמת, האט מיטן באשעפער'ס הילף מצליח געווען צו מייסד זיין א שטאט אין אמעריקע, ווי מען זאל **היטן שבת קודש מיט אלע חימרות**, **כשר'ע עסן**, **חלב ישראל**, **בתי מדרשים שוהל'ן תלמוד תורות**, **מיידל שולעס**, **מקוואות**, און נאך אסאך אנדערע אידישקייט געברויכן, און אלעס האט ער געטון מיט איין מטרה, כדי צו מפרסם זיין שמו יתברך, אז אידישע קינדער זאלן קענען דינען דעם באשעפער אויפן ריכטיגען וועג, און זיך נישט אוועק רירן פונעם דרך התורה קיין זיז כל שהוא.

בשנת תשי"א האט מען דעם רבין אויף גענומען אלס **נשיא העדה החרדית אין ארץ ישראל**, און בשנת תשי"ג ווען דער רב הגה"ק **רבי זעליג ראובן בענגיס** זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען דעם רבין אויף גענומען אלס ממלא מקום צו זיין **מרא דארעא ישראל ואב"ד ירושלים**.

ער האט זיין גאנץ לעבן לוחם געווען אויף יעדע זאך וואס די מדינה הטמיאה האט גוזר געווען, אנגעהויבן מיט די **גזירת גיוס**, וואס די שלטון הכופרים האבן דאן געוואלט נעמען אידישע מיידלעך אין מיליטער, האט די רבי לוחם געווען, און געמאכט גרויסע פראטעסטן און אויסגעשריגן דעם דבר השם אין די גאנצע וועלט.

אויך איז דאן פאר געקומען דעם פרשה, ווען די מדינה האט פארשפרייט אין ארץ ישראל, אז אלע אידן זאלן ניצן **די אתרוגים פון ארץ ישראל אין א שמיטה יאר**, וואס עס איז געווען א גרויסע צומישעניש, איז דער רבי ארויסגעקומען מיט א קלארע פסק הלכה אז דאס איז אסור, אפילו נאכדעם וואס מען האט פארשפרייט די אלע התיירים, אז מען האט עס פארקויפט פאר אראבער'ס.

אויך האט דער צדיק לוחם געווען קעגן דעם היתר, פון נישט אויסגעהאלטענע מחיצות אין ביהמ"ד, וואס אסאך רבנים האבן דאס מתיר געווען, וועלענדיג מקרב זיין די אמעריקאנעזירטע אידן צו תורה, אבער דער צדיק האט מפרסם געווען דעם דעת תורה אז דאס איז אסור בתכלית האיסור.

אויך האט די רבי דאן מתקן געווען דעם ענין פון **זמן מוצאי שבת קודש**, אז מען זאל זיך פירן **אויפן שיטת ר"ת און רוב פוסקים און אחרונים**, ער האט אריין געלייגט גאר גרויסע כוחות, צו צוזאמען נעמען אלע רבנים און ער האט מרעיש עולמות געווען קעגן די מקילים.

אויך האט דאן געגרינדעט די **התאחדות הרבנים**, וואס אלע ערליכע אידישע קהילת האבן זיך פאראייניגט אינטער איין פאן, כדי עס זאל זיין א גרויסע כח הרבים פון די ערליכע רבנים, ער האט דאן געגרינדערט דעם **פלייש געשעפט**, וואס איז

געווען פון די ערשטע פלייש געשעפטן, וואס איז געווען מיט די העכסטע דרגות אין כשרות, און דער רבי האט אליין געהאלטן א עינא פקיחא, אז אלעס זאל געפירט ווערן מיט העכסטע סטאנדארט אין כשרות.

בשנת תשי"ז האט אויס געבראכן די רעוואלאציע אין אונגארן, און טויזענטער אידישע קינדער זענען אנטלאפן פון אונגארן, האבן די ציונים דאן געשיקט זייערע שליחים, וואס זאלן איבער רעדן די אידן, אז מען זאל ארויף קומען קיין ארץ ישראל, אבער דער צדיק וואס האט גאנץ גוט געוויסט וואס זייער מטרה איז, אז די גאנצע מטרה איז ליידער מעביר על הדת זיין די אלע אידן, האט דער צדיק מיט מסירת נפש לוחם געווען און אויס געשריגן דעם דעת תורה, צו אויף וועקען די אידן, אז זיי זאלן זיך נישט לאזן ח"ו אפ פירן, און דורך דעם זענען טויזענטער אידישע קינדער געראטעוועט געווארן און געבליבן יראים ושלמים.

אויך האבן די ציונים יענע צייט מלחמה געהאלטן מיט די אראבער'ס אין צו נעמען מדבר סיני, און די רבי האט דאן מרעיש עולמות געווען אז מען זאל ח"ו נישט נתפעל ווערן פון די נצחון וואס די ציונים האבן, ווייל דאס איז זיכער נישט מצד הקדושה, נאר פארקערט עס איז אן התגרות באומות, און דאס איז קעגן די הארבע **איסור שלש שבועות**.

בשנת תש"כ צוליב די צעמישעניש וואס האט זיך געטון צווישן כלל ישראל מיטן הקמת המדינה, האט דער צדיק ארויסגעגעבן דעם ערשטן **מאמר שלש שבועות** וואס איז שפעטער געדריקט געווארן אין **ספר ויואל משה**, ווי די רבי ברענגט דארט אראפ אומצאליגע פלעצער פון ש"ס ופוסקים, די איסורים חמורים **פון נעמען א מדינה בעפאר ביאת המשיח**, און ער ברענגט ארויס אז דאס עקזיסטענץ פון אזא מדינה, איז א סכנה פאר כלל ישראל, און אויך ברענגט ער דארט ארויס דעם איסור פון זיך משתתף זיין אין די בחירות און ער איז דארט מברר אז דאס איז **אסור מן התורה**.

די מאמר האט בשעתו אויף גערידערט די גאנצע אידישע וועלט, וויבאלד רוב רובם פון כלל ישראל זענען ליידער דאן געווען פארשיכורט פון די כסדר'דיגע ניצחונות פון די ציונים, אבער מיט דעם מאמר האט די רבי זי"ע געראטעוועט א גרויס חלק פון כלל ישראל, פון ח"ו אריינפאלן אונעם נץ פון די ציונים וואס זענען געווען דא מיט איין מטרה, אויסרייסן אידישקייט פון כלל ישראל.

בשנת תשכ"ז ווען די וועלט איז ליידער געווען פאר'שיכור'ט פון דעם **זעקס טאג'יגע מלחמה**, וואס די ציונים האבן געהאט א גרויסע נצחון, איז דער צדיק מיט וויטאג ארויס געקומען מיט א קול להבת אש, און מרעש עולמות געווען אז מען טאר נישט נתפעל ווערן פון דעם נצחון, ווייל דאס איז ליידער **התגרות באומות** און **כוחי ועוצם ידי**, און דער צדיק האט ליידער גאר שטארק געקלאגט אויף דעם און געזאגט אז דאס קען נישט ברענגען קיין טובה פאר כלל ישראל.

דאן האט דער צדיק ארויסגעגעבן זיין הייליגען חיבור **על הגאולה ועל התמורה**, ער האט דעם ספר מחבר געווען מיט בלוט און שווייס און דארט מברר געווען דעם דעת תורה, אז א איד טאר ח"ו נישט נתפעל ווערן פון די נצחונות פון די ציונים, און טאקע מיט דעם געוואלדיגע חיבור האט דער צדיק וקדוש ארויס געברענגט מיט א קלארקייט די חימרות הענין, און טאקע אסאך אידן האבן זיך דאן צו געשטעלט צום צדיק מיט די מלחמה כבידה קעגן די מדינת הציונים.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.

**ספר ויואל משה, מאמר שלש שבועות, ומשנתו על הציונות,**
**ספר על הגאולה ועל התמורה, בעקבות הניצחון במלחמת ששת הימים,**
**ספר דברי יואל, על התורה ומועדים,**
**שו"ת דברי יואל,**
**חידושי תורה מהר"י ט"ב.**

ליידער האט דער צדיק געבליטיגט פארן עגזיסטענץ פון כלל ישראל, און די אלע שמועות וואס זענען אנגעקומען צו דעם צדיק, האט לויידער געריסן שטיקער פון זיין הייליג הארץ וואס האט נישט געקענט אויסהאלטן אויף יעדן אידישע נשמה וואס ווערט לויידער פארכאפט אונעם נץ פונעם שטן.

ליידער **פרשת משפטים בשנת תשכ"ח**, האט די אלע צער און עגמת נפש צו גערירט צום הייליגען הארץ פונעם צדיק הדור, און בעוה"ר **פרייטאג צו נאכטס פרשת משפטים בשנת תשכ"ח** האט דער צדיק הדור געהאט **א שווערע סטרוק ל"ע**, און דער צדיק הדור איז ליידער געלעגן על ערש דוי.

אין די גאנצע וועלט ווי די בשורה איז אנגעקומען איז מען אויף געטרייסלט געווארן, מען האט אין די גאנצע וועלט מרעיש עולמות געווען אז דער באשעפער זאל שיקן א רפואה שלימה פאר "**יואל בן חנה**", אידן זענען געלאפן צו קברי צדיקים, און אלע בתי מדרשים האט מען געזאגט תהילים אן א אויפהער, להעביר רוע הגזירה.

חודש אדר בשנת תשכ"ח האט מען געהערט די גוטע בשורה, אז ב"ה דער באשעפער ברוב רחמיו וחסדיו האט רחמנות געהאט אויף אונזער דור, און דער געזונט צושטאנד פונעם צדיק הדור האט זיך פארבעסערט.

**חודש אלול בשנת תשכ"ח צו סליחות** איז דער צדיק דאס ערשטע מאל צוריק אריין געקומען צום עולם, מען קען זיך נישט פארשטעלן די שמחה און התרגשות וואס האט זיך דאן אפגעטון אין ביהמ"ד, דער עולם האט געדאקנט דעם באשעפער, פארן געבן די זכי' צו קענען ווייטער מיט האלטן די עבודת הקודש ביי דעם צדיק, וואס האט ווייטער פראשיינט די וועלט פאר נאך 11 יאר.

בשנת תשל"ג האט די רבי אויף געשטעלט די הייליגע **שטעטל מאנרא**, און דער רבי האט אריין געלייגט כוחות עצומות, אז דער עולם זאל זיך דארט אריבער ציען, און זיך געהאלטן און איין נאך פרעגן אויפן וואוקס פונעם שטאט, אויך האט די רבי אסאך פארברענגט אין דעם שטעטל, און ער האט איינמאל געזאגט די ווערטער, "**וועו נישט וואס איך האב ווען א שטעטל, וואלט איך גארנישט אויפגעטאן אויף די וועלט**".

בשנת תשל"ד האט די רבי געגרינדעט די **מוסד רב טוב**, וואס האט געהאלפן אחינו בני ישראל וואס זענען אין יענע צייטן ארויס געקומען פון אונטער דעם רוסישן הערשאפט, און די מוסד האט גאר אסאך אידן ארויס געהאלפן.

בשנת תשל"ז ווען די רעגירונג פון ארץ ישראל האט אנגעהויבן טיילן גרויסע געלטער פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, איז דער צדיק ארויס בחרב ובחנות, און אפילו זייענדיג גאר שוואך האט ער לוחם געווען ברבים, און מחזק געווען די מוסדות התורה, אז מען זאלביישטיין דעם ביטערן נסיון און ער האט געשריבן בזה"ל, "**להשמר ולהזהר שלא להלכד ולא להכשל ח"ו ברשת הכפירה של המדינה הציונות בכל צורה שהיא, כי פיגול הוא לא ירצה**".

און א יאר שפעטער בשנת תשל"ח חודש סיון, האט די רבי מייסד געווען דעם **מוסד קרן הצלה**, וועלכע האט געשטיצט די מוסדות התורה על טהרת הקודש וואס האבן נישט גענומען קיין געלט פון די מדינה, און די רבי האט שוואכערהייט געבעטן, אז יעדער זאל זיך משתתף זיין מיט סכומים הגונים, כדי די אלע מוסדות התורה זאלן קענען ביישטיין די ניסיון.

שבת קודש פרשת ראה בשנת תשל"ט שבת מברכים חודש אלול איז די רבי אפילו זייענדיג גאר שוואך, אריין געקומען צו די תפילות און געדאווענט פארן עמוד, אויך האט די רבי עולה געווען צו די תורה און געבענטשט ר"ח.

אבער ביי שלש סעודות איז אנגעקומען די ידיעה לא טובה, אז מען האט דעם רבין געברויכט אריינטראגן אין שפיטאל, און די מצב איז געווען גאר שווער, מוצאי שבת קודש ווען די ידיעה איז אנגעקומען אין די גאנצע וועלט, האבן אידן זיך געשטעלט זאגן תהילים צו איינרייסן פארן צדיק הדור.

אבער ליידער איז שוין נגזר געווארן די גזירה, און זיבן אזייגער זונטאג אינדערפרי **כ"ו מנחם אב בשנת תשל"ט**, איז די הייליגע נשמה צוריק למקור מחצבתה, און דער צדיק הדור האט איבער געלאזט דעם דור פאר'יתום'ט כצאן בלי רועה, פארלירענדיג דעם צדיק וקדוש וואס האט מגין געווען אויפן דור, א צדיק וואס איז געווען פונעם פריערדיגן דור, אידן האבן באמת נישט געגלייבט

אז דאס קען פאסירן, און זענען געווען פארזיכערט, אז דער צדיק וועט שוין פירן כלל ישראל קעגן משיח צדקנו.

זונטאג נאכמיטאג איז פאר געקומען די לוי' אין גרויסן ביהמ"ד אין קרית יואל מאנרא, ווי דער צדיק האט אזויפיל שופך שיח געווען צום הייליגער באשעפער, **עס האבן באגלייט דעם צדיק העכער הונדערט טויזנט מענטשן**, און עס זענען געהערט געווארן הספידים פון רבנים און גדולים, וואס האבן יעדער באוויינט דעם הסתלקות פון דעם צדיק דער טאטע פון זיינע קינדער, עס איז נישט צום באשרייבן די צובראכן קייט וואס האט געהערשט ביי כלל ישראל, און נאנט צום שקיעה, האט מען געברענגט דעם גוף קדוש פון רבינו הקדוש זי"ע על מקום מנוחתו, **אין דעם נייעם ביה"ח אין קרית יואל, וואס מען האט יענעם טאג מקדש געווען**.

עס איז ממש נישט מעגליך צו באשרייבן און באמת ארויס ברענגען דעם טרויער און צער וואס האט זיך דאן אראפ געלאזט אויף כלל ישראל, מיטן הסתלקות פון דעם צדיק הדור, דער רבן של כל בני הגולה, דער צדיק וואס האט אויף זיין הארץ געטראגן אלע צרות ישראל, און זיך אוועק געגעבן בלב ובנפש פאר יעדן אידיש קינד מיטן גאנצן הארץ, אידן פון די גאנצע וועלט און סאטמאר חסידים בפרט און אויך סתם ערליכע אידן, האבן גאר שטארק באוויינט דעם אבידה וואס כלל ישראל האט דאן פארלוירען.

אידן האבן ממש געוויינט בכיות נוראות פון גרויס צער, און דעם קומענדיגן טאג, **זענען אידן געשטאנען אין גאס און נישט געגלייבט אז די זון האט נאכאמאל אויף געשיינט, מען האט ממש געשפירט ווי די וועלט האט זיך געענדיגט**, ווייל די חסידים פונעם צדיק זענען געווען ביים צדיק ממש ווי אייגענע קינדער, און דאס איז געווען אן אבידת הכלל.

לאנג האט געגומען, ביז די חסידים האבן זיך געקענט צוזאמען קלויבען, און ווייטער אנגיין מיט דעם דרך ישראל סבא, וואס דער צדיק האט אזויפיל יארן אריין געבאקען אין זיינע תלמידים קרויים בנים, און פון דעם צדיק איז געבליבן זיין דרך אין צדקה וחסד, וואס ער האט כסדר אריין געלייגט אין זיינע תלמידים, אויך האט מען ממשיך געווען מיטן ווייטער אויף שטעלן זיינע הייליגע מוסדות התורה, וואס דאס איז געווען זיין לעבן, און בחסדי השם יתברך האט זיך דער דור יתום מחזק געווען, און ווייטער ממשיך געווען זיינע מעשים טובים.

ליידער האט רבינו הקדוש זי"ע נישט איבער געלאזט קיין זש"ק נאך זיך, אבער דאס געוואלדיגע השפעה וואס דער צדיק האט איינגעבאקען אין זיינע תלמידים, זענען געבליבן אויף דורו דורות, סיי זיין דרך לימוד התורה, סיי בגדרי הצניעות, און אויך זיין דרך פן צדקה וחסד, וואס דער צדיק האט כסדר אריינגעבאקן אין זיינע תלמידים און חסידים, און אויך אונעם דרך הקנאות, דאס אלעס איז געבליבן אלס זכר און אלס תולדות פונעם הייליגען צדיק.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**דער צדיק איז דאך געווען א יחיד בדורו און אלע הינזיכטן.**

**צדיק יסוד עולם**

נאך פון אלס קליין קינד, האט מען שוין געזען דאס קדושה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט, ער האט געדינט דעם באשעפער כזקן ורגיל אזוי ווי די צדיקים בדורות הראשונים, און צדיקים האבן אויף דעם רבין געזאגט, אז ער האט געהאט הייליגע אויגן און געווען א **צדיק יסוד עולם**.

אויך זיין עבודת התפלה פון זיינע יונגערע יארן, זענען געווען מיט דעם זעלבן התלהבות וואס מען האט געזען אויף די עלטערע יארן, מיט א מתיקות און א התלהבות דקדושה, וואס האט מעורר געווען יעדן וואס איז געשטאנען אין זיינע ד' אמות, אפילו גדולי עולם האבן געהאט א געוואלדיגע הערצה צום רבין, און אן געגומען זיין חוות דעת אויף אלעם, ווייל מען האט באמת געשפירט דעם ריינעם אמת וואס דער צדיק הדור האט פארמאגט.

**תורה**

דער רבי איז געווען באוויסט אלס א בקי בש"ס ופוסקים אין ראשונים און אחרונים, אויך האט דער צדיק געקענט כמעט אלע חסידישע ספרים בעל פה, אבער ער האט דאס שטארק באהאלטן, אסאך מאל איז אויס געקומען אז א גדול האט נאך געזאגט א שטיקל חסידיש ספר, און די רבי האט געקענט זאגן, אז דארט שטייט אביסל אנדערשט ווי ער האט געזאגט, און ווען מען האט נאכגעקוקט, האט מען געזען אז די רבי איז געווען גערעכט, אויך האט ער געקענט נאך זאגן גאר אסאך מאל גאנצע שטיקלעך פון ספרים בעל פה, כאילו ער האט ממש יעצט געלערנט דעם ספר, **ער איז ממש געווען א גאון וגדול הדור במלוא מובן המילה**.

**לב טוב**

דער צדיק האט געהאט א הארץ וואס האט מיט געפיעלט ווען א איד איז געווען בצער, מען האט געזען בחוש ווי עס טוט דעם רבין וויי יענעמס ווייטאג, און ער האט נישט גערועט ביז יענעם איז גרינגער געווארן, און אוודאי ווען א איד האט געהאט א שמחה אין שטוב האט זיך דער צדיק מיט געפרייט מיט א געוואלדיגע שמחה, אז ביי יענעם איז פריילעך.

ווער רעדט נאך ווען א איד איז אריינגעקומען מזכיר זיין, אז עס איז אים געבוירן א קינד האט דער צדיק געשטראלט פאר שמחה, אז עס איז אראפ געקומען נאך א נשמה אויף די וועלט וואס וועט דינען דעם באשעפער.

ווער רעדט נאך פון די צייטן ביי די מלחמה, ווען דאס אידיש פאלק האט אזויפיל מיט געמאכט ביי די רשעים ימ"ש, האט דער צדיק יומם ולילה פראבירט צו העלפן און מאכן גרינגער פאר אידן, עס האט אים ממש צו געטראטן צום הארץ די צרות ישראל, און ער האט די גאנצע צייט איינגעריסן ביים גרויסע באשעפער אז די צרות זאל זיך שוין ענדיגן.

נאך די מלחמה איז דער צדיק געווען צובראכן נאכן פארלירען אלעס וואס ער האט געהאט פון זיין משפחה און אלע צרות וואס ער איז דורך, אבער אן טראכטן וועגן זיך האט ער זיך מיט א מסירת נפש ממש אריינגעווארפן ארויס צו העלפן אידישע קינדער זיך צוריק אויפהייבן און אנהייבן צוריק בויען כלל ישראל.

וויפיל יתומים און יתומות האבן ביי דעם צדיק געטראפן זייער פארלוירענע טאטע אדער מאמע, ווען קליינע קינדער זענען ליידער געבליבן אן קיין פארזארגער, איז דער צדיק געווען זייער טאטע און זיי מחזק געווען און זיכער געמאכט אז מען איז ממשיך זיך צו פירן אויפן ריכטיגן וועג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

**גמילות חסדים**

דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א פארנעם וואס עס איז ממש נישט שייך צו פארשטיין, ער האט גלייך נאך די מלחמה אויף געשטעלט צענדליגע ארגאנעזאציעס ארויס צו העלפן די צובראכענע אידן, וואס האבן איבער געלעבט די מלחמה, מיט א מסירת נפש אפילו נישט וויסענדיג פון ווי ער וועט נעמען דאס געלט צו אנגיין, אבער מיט דעם אלעם איז ער אריין געטאנצען און פראיעקטן איינס נאכן אנדערן וואס האבן אים געמאכט פאר א גרויסן בעל חוב.

ווער רעדט נאך פון די חינוך וואס זיינע חסידים און תלמידים האבן באקומען פון דעם רבין, ער האט יעדן בחור אדער יונגערמאן געשיקט גיין נאך געלט, און אפילו אן עושר וואס איז געווען גרייט צו געבן א שיינעם סכום און זיך פראבירט ארויס צו דרייען פון דארפן גיין נאך געלט, האט די רבי געזאגט פארן עושר, אל**עס פיין און וואויל די געבסט צדקה, אבער דאס נעמט נאך נישט אוועק דאס גיין אליין עוסק זיין אין צדקה וחסד, נאר גיין אויף די פיס ממש און צוזאמען שטעלן געלט פאר א צדקה צוועק דאס הייסט באמת געטון חסד**.

און דאס איז וואס איז פארבליבען אלס ירושה פונעם הייליגען רבין זי"ע, פאר זיינע תלמידים און חסידים, דאס חסד וואס יעדער איד האט געזען ארויסגיין פונעם שטוב פונעם רבין, דאס וועט אונז פירן בקרוב קעגן גואל צדק בב"א.

## קַנֹּא קִנֵּאתִי לַד' אֱלֹקֵי צְבָאוֹת

די רבי איז געווען א לוחם מלחמת השם מיט א מסירת נפש, און זיך ארויס געשטעלט פון די ערשטע אויף יעדע פירצה און סיי וואס האט אנגערירט בחומת הדת, ווי ער איז אנגעקומען, האט ער זיך גלייך אריינגעלייגט אין מתקן זיין תיקונים, צו ווען עס האט אויס געפעילט צו בויען א מקו', צו איז דאס געווען אויף שטעלן א תלמוד תורה פאר קינדער, אדער א ישיבה פאר בחורים, אדער א מיידל שולע פאר די בנות ישראל, האט זיך דער צדיק אריינגעלייגט מיטן גאנצן כח, און גארנישט האט דעם צדיק אפ געשטעלט פון אויס שרייען דעם דבר השם און פון זיך אנעמען פאר כבוד השם.

דער צדיק איז געווען איינער אליין ווען ער האט אנגעהויבן לוחם זיין קעגן ציונות, יעדער האט באטראכט דעם רבין ווי ער פארשטייט באמת נישט אז די וועלט האט זיך געטוישט און עס איז נייע צייטן, אבער דער צדיק האט מיטן גאנצן כח אויס געשריגן דעם דבר השם, און מסביר געווען פאר די וועלט וואס די ציונים ווילן באמת און דאס איז ח"ו להעביר את הדת און ר"ל ווייזען אז עס איז נישט דא קיין מנהיג לבירה.

אבער דער צדיק מיט זיין כח דקדושה האט ער אויס געשריגן פאר כלל ישראל, אז מען זאל זיך ח"ו נישט מחבר זיין צו די רשעים, נאר מען זאל געדענקען אז עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט, און עס איז אסור צו האבן א מדינה בעפאר משיח קומט, און ציביסלעך האבן די ערליכע אידן געזען אז דער צדיק איז גערעכט.

אפילו יארן נאכדעם זעהט מען דעם כח פונעם הייליגען צדיק, ווי ליידער זעהט מען וואס די ציונים האבן געוואלט, און ליידער איז זיי געלונגען אראפ צו פירן אסאך אידישע נשמות פון דעם דרך התורה, אבער מיט זיין הייליגע כח האט די רבי אפגעראטעוועט דורות וואס פירן זיך על דרך ישראל סבא און היטן זיך פון נתחבר זיין צו די רשעים.

### מעשיות

**מען דערציילט**, אז הרה"ק **מופת הדור רבי ישעי'לע מקרעסטיר** זי"ע, איז אמאל געווען אין שטאט סאטמאר ביי זיין שוואגער הרה"ח רבי טובי' מאיר ווייס ז"ל, און רבי ישעי'לע האט געזאגט פאר זיינע מקורבים, **"גיי מיר צו ר' יואל'יש"**, וואס די רבי איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, און די שטוב מענטשן וואס האבן נישט געוויסט פון די גדלות פונעם רבין, און רבי ישעי'לע איז שוין דאן געווען פון די זקני צדיקי הדור, האבן געוואלט אפ האלטן רבי ישעי'לע פון גיין באזיכען דעם יונגערמאן.

האט רבי ישעי'לע זי"ע געזאגט פאר זיי, **"ער איז סיגוט'ער רב'ס קינד, און א יונגערמאן א ירא שמים"**, און ווען רבי ישעי'לע איז אנגעקומען צו רבין'ס שטוב, האט ער געטראפן דעם רבין ווי ער גייט ארויס פון שטוב, און די רבי זאגט פאר רבי ישעי'לע, אז ער איז יעצט געווען אויפן וועג אים צו באזיכן, האט רבי ישעי'לע געזאגט פארן רבין, חז"ל זאגן דאך, **"מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה"**, קומט דאך אויס, אז איר האט מיך שוין באזיכט, **און יעצט קום איך צוריק אייך צו באזיכען**.

• • •

**מען דערציילט**, אז עס איז געווען א משפחה אין וויליאמסבורג, וואס האט ליידער געהאט א בחור שוין אין די עלטערע יארן, וואס האט זיך ליידער **נישט געפירט אידישלעך**, די עלטערן האבן געהאט גאר אסאך צער און עגמת נפש דערפון, איינמאל זענען די עלטער אריין צום רבין, און זיך אויס גערעדט וועגן דעם בחור, אז ליידער היט ער נישט קיין אידישקייט.

האט די רבי געבעטן, **אז מען זאל זאגן פארן בחור אז ער זאל קומען צום אים, ווייל ער וויל זייער רעדן צו אים**, דער בחור האט געהאט א ביזנעס וואס ער האט שיין פארדינט דערפון, און פארשטייט זיך אז דער בחור האט נישט מסכים געווען אריבער צו גיין צום רבין, טראכטענדיג אז די רבי וויל זיכער זאגן מוסר פאר אים אויפן זיך נישט פירן אידישלעך, אבער די עלטערן האבן נישט נאך געלאזט, ביז איין טאג האבן די עלטערן גע'פועל'ט ביים בחור, און ער איז אריבער צום רבין, זיך גרייטנדיג **אז די רבי גייט אים אנהייבן זאגן מוסר, היתכן ער פירט זיך אזוי נישט ערליך**.

אבער לפלא, ווען דער בחור איז אריין געקומען צום רבין, און זיך פאר געשטעלט ווער ער

איז, האט אים די רבי אויף גענומען מיט א שמייכל, און זיך נאכגעפרעגט ווי אזוי זיין געשעפט גייט און ווי אזוי אלעס איז, דער בחור האט זיך זייער געוואונדערט אויפן רבין, און געענטפערט אז ב"ה ער מאכט שיין פרנסה.

דאן האט די רבי געזאגט פארן בחור, **איך האב ביי מיר דא אין די קהלה אסאך יונגעלייט וואס זיי האבן קיינמאל זיך נישט געלערנט קיין פאך, אבער זענען גאר פלייסיגע ארבעטער**, וויל ער וויסן, אויב ער איז מסכים אריין צו נעמען די יונגעלייט פאר ארבעטער, **און ער די רבי נעמט אחריות אויב ער האט סיי וואסערע פראבלעמען מיט די יונגעלייט**.

פארשטייט זיך אז דער בחור האט גלייך מסכים געווען צו דעם, און אריין גענומען די יונגעלייט ארבעטן צו זיך, און פארשטייט זיך אז ער האט דורך דעם באקומען א גאר שטארקע קשר מיטן רבין, און עס האט נישט גענומען אסאך צייט, **ביז דער בחור האט אנגעהויבן זיך צוריק קערן צו אידישקייט, און דער בחור האט נאך אפאר יאר חתונה געהאט מיט א ערליכע אידישע פרוי, און אויף געשטעלט א ערליך אידיש שטוב**, און דאס אלעס האט דער צדיק געטון מיט זיין שמייכל און אהבת ישראל.

•••

**מען דערציילט**, אז בעפאר די רבי זי"ע איז געפארן פון ארץ ישראל קיין אמעריקע, איז הגה"ק רבי אשר זעליג מרגליות זי"ע אריין צום רבין, און געפרעגט פונעם רבין, ווען די רבי איז נישט דא אין ארץ ישראל, צו וועם קען מען אריין גיין מיט א קוויטל פאר א ברכה, האט די רבי געזאגט, **ווען מען גייט אריין אין ביהמ"ד ביים דאווענען, און מען זעהט ביים לייגען די תפילין, ווי א איד שלעפט ארויף זיינע ארבעל, און ער האט די נומערען אויף די האנט פון די דייטשן ימ"ש, פאר אזא איד קען מען געבן א קוויטל**.

•••

**גאנץ אנפאנג ווען די רבי איז אנגעקומען קיין וויליאמסבורג**, איז געווען א בחור וואס האט געלערנט אין די ווינער ישיבה, איין טאג איז ער אריבער אין ביהמ"ד צום רבין, און די רבי האט דאן געענדיגט דאווענען שחרית, און דער מנהג ביים רבין איז געווען, אז די תלמידים האבן צוזאמען געלייגט די תפילין פונעם רבין, איז דער תלמיד פון וויען אריין געקומען, **און עס האט זיך אים פארשמעקט צו צוזאמען לייגן דעם רבין'ס תפילין**.

אזוי אינמיטן צוזאמען לייגן די תפילין, איז דער רבי אריין געקומען, און ווען ער האט געזען דעם בחור, האט ער געפרעגט דעם בחור ווי אזוי ער הייסט און וועמענס זון ער איז, און די רבי פרעגט אים אויב ער לערנט ביי אים אין ישיבה, ענטפערט דער בחור אז ער לערנט אין ווינער ישיבה, האט זיך די רבי צוקאכט און רופט זיך אן, **"דיין טאטע האט דיך געשיקט לערנען אין ישיבה, און די קומסט אהער אן רשות, אויף מיין חשבון"**.

דער בחור האט זיך זייער דערשראקן, ער האט אראפ געלייגט די תפילין, און אפגעיאגט פון דארט, אבער שפעטער נאכמיטאג **קומט אריין אין ישיבה ר' יוסל אשכנזי ז"ל דעם רבין'ס גבאי**, און ער זאגט פאר דעם בחור, **אז די רבי רופט אים**, דער בחור האט זיך זייער דערשראקן און נישט געקענט טראכטן וואס די רבי וויל פון אים, אבער בלית ברירה איז ער אריבער צום רבין.

ער קומט אריין צום רבין, און די רבי זאגט אים, **איך וויל דיך מפייס זיין, ביסט מיר מוחל**, פארשטייט זיך אז דער בחור האט גלייך געענטפערט יא זיכער איז ער מוחל דעם רבין, אבער די רבי האט נישט נאך געלאזט, נאר זיכער געמאכט אז דער בחור איז אים מוחל בלב שלם.

און דאן האט די רבי געזאגט פאר דעם בחור, איך וויל עס זאל זיין א אמתע פיוס, זאג מיר וואס די דארפסט און איך וועל דיר דאס געבן, אבער דער בחור האט געזאגט, אז ב"ה ער האט אלעס און ער ברויך גארנישט, האט אים די רבי געזאגט, **זיי וויסן מיין טיר איז אייביג אפען פאר דיר אויב די ברויכסט עפעס קום צו מיר**.

אפאר יאר שפעטער און דער בחור איז געווארן א עלטערער בחור, און די טאטע האט נישט געהאט קיין פרנסה און דער בחור האט געוואלט גיין ארבעטן, איז ער אריבער צום רבין און זיך מזכיר געווען אז ער ברויך א פרנסה, האט די רבי געהייסן רבי אברהם ווערצבערגער ע"ה אז ער זאל אריבער גיין צו הרה"ח ר' פישל רובינשטיין ע"ה **און ערלעדיגען א גוטן ארבעט פאר דעם בחור**,

און די רבי האט זיך כסדר געהאלטן און איין נאכפרעגן אויף דעם בחור, און דאס אלעס איז געווען כדי צו איבער בעטן א בחור.

אויך דערציילט מען, אז די רבי זי"ע פלעגט כסדר איבער בעטן זיינע שטוב מענטשן און גבאים און שמשים, ווייל ווי נישט ווי קומט אמאל אויס אז מען רעדט שארף אדער מען זאגט עפעס וואס מען מיינט באמת גארנישט דערמיט, האט אבער דער צדיק מיט זיין געוואלדיגע ערליכקייט און קדושה ממש מורא געהאט, אז ער זאל ח"ו נישט ווי טון פאר א אנדערן איד אפילו בטעות.

• • •

**מען דערציילט**, אז די ערשטע בילדינג וואס סאטמאר האט געהאט פאר די מוסדות, איז געווען צעטיילט אויף האלב, **איין זייט איז געווען די מיידלעך, און אויף די אנדערע זייט איז געווען יונגלעך**, און ווען מען האט געוואלט קויפן א נייעם בילדינג, איז מען געקומען צום רבין וויזן די אפציעס וואס עס איז דא, כדי מען זאל וויסן וואס מען זאל קויפן, האט די רבי געזאגט, **אז מען זאל קויפן צוויי עקסטערע בילדינג'ס, איינס פאר די יונגלעך, און איינס פאר די מיידלעך**, און מען זאל מאכן זיכער אז די צוויי בילדינג'ס זענען אביסל ווייטער איינס פונעם אנדערן, האבן די ראשי הקהלה געפרעגט דעם רבין די סיבה.

האט די רבי געזאגט, אז ער האט געהערט, אז אין איינע פון די שטעט האט מען געקויפט א בילדינג פאר די מוסדות, און עס איז געווען א דין ודברים אויב מען זאל קויפן איין בילדינג פאר די יונגלעך צוזאמען מיט די מיידלעך, און די תירץ איז געווען, "**אז סאטמאר האט דאס אויך געטאן**", און דערפאר האט די רבי געזאגט, אז אויב סאטמאר איז דער וואס ווייזט וואס מען דארף טון, דארף מען אכטונג געבן וואס מען טוט, דאס איז געווען זיין געוואלדיגע זהירות אין יעדע זאך, און וויסענדיג אז מען רעכנט זיך זייער אין די וועלט ווי אזוי מען פירט זיך אין סאטמאר, האט די רבי זי"ע געמאכט זיכער צו זיין נזהר מיט יעדע זאך.

• • •

**עס ווערט דערציילט א מעשה נורא** וואס ווייזט דעם געוואלדיגע אהבת ישראל וואס דער רבי זי"ע האט געהאט פאר א יעדן איד, עס איז געווען א איד א גאר ערליכער איד, אבער דער איד האט גארנישט געהאט מיט סאטמאר, ער האט געהאט א שוועסטער א מיידל וואס האט געוואוינט אין מאראקא, און א ברודער וואס האט געוואוינט דא אין אמעריקע, און דער ברודער האט זייער געוואלט ברענגען דעם שוועסטער קיין אמעריקע, אבער דער ברודער האט נישט געהאט דאס געלט.

זאגט אים איינער, גיי אריין צום הייליגען סאטמאר רבי און ער וועט דיר שוין העלפן, דער איד האט נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און איז אריבער צום רבין, דער איד האט נאר געקענט רעדן לשון קודש, און די רבי האט אים אויס געהערט די מעשה, און גלייך גייט די רבי אריבער צו זיינע לעדלעך, און נעמט ארויס פון דארט א גרויסע סכום, און זאגט פארן איד, **דא האסטו דאס געלט און ברענג דעם שוועסטער אריבער קיין אמעריקע**, זאגט דער איד, אז ער קען נישט נעמען דאס געלט, ווייל צו קענען אריינקומען קיין אמעריקע ברויך מען האבן א **וויזע** אז מען גייט דא לערנען ערגעץ, האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, **די גיי ערלעדיג די וויזע און די גאנצע קאסטן פון אריבער ברענגען וועל איך באצאלן**.

דער איד שפאצירט אריין צו שחרית דעם קומענדיגן טאג אין מירער ישיבה, און הגה"ק **רבי אברהם קאלמאנאוויטש** זי"ע קומט צו צו דעם איד און זאגט אים, **די נאכט 3:30 רופט מיך אן דער סאטמאר רבי, און בעט מיך איך זאל איינשרייבן דיין שוועסטער אין מירער ישיבה און אזוי וועט זי קענען באקומען א וויזע**.

און כך הוה, אזוי ווי ער האט געהאט די וויזע איז ער אריבער צום רבין זי"ע, און די רבי האט אים געגעבן די גאנצע קאסטן, אז די שוועסטער זאל קומען קיין אמעריקע, און די שוועסטער **איז פון די איינציגסטע פון די משפחה וואס האט אויפגעשטעלט א ערליכע אידישע שטוב**, און די אנדערע האבן נעבעך געפירט א פרייע לעבן אין ארץ ישראל.

• • •

**הרה"ח רבי בעריש וויינבערגער ז"ל האט דערציילט**, אז ער האט איינמאל מסדר געווען די ספרים ביים רבין אין שטוב, און פון די גרויסע וואג פון די ספרים האט זיך די טיש צובראכן, און עס האט געמאכט א שטארקע גרידער, און די רעבעצין

איז געקומען צו לויפן צו זעהן וואס עס איז געשען, און ווען די רעבעצין האט געזען דעם טיש, האט זי געזאגט אז מען זאל באשטעלן א נייעם טיש.

אבער די רבי האט געזאגט, אז ער וויל מען זאל ענדערשט פאריכטען דעם טיש, **ווייל אויף דעם טיש האט ער געלערנט יארן לאנג, און אויך אויף דעם טיש האט ער געשריבן דעם הייליגען ספר ויואל משה**, און מען האט טאקע פאראכטען דעם טיש, און פון דעם האט מען טאקע געמאכט דעם ארון הקודש אין וואס די רבי איז באערדיגט געווארן.

• • •

**ס'געווען א בחור וואס האט געלערנט ביים גרויסן גאון הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זי"ע**, וואס די דאקטוירים האבן געזאגט, אז מ'דארף אים אפערירען, אז נישט איז ער אין א גרויסע סכנה, איז דער בחור געקומען צום הייליגען סאטמאר רבי'ן זי"ע פאר א ברכה, און די רבי האט אים געזאגט, ער זאל זיך נישט אפערירען, כך הוה, **מען האט געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן און ב"ה דער בחור איז געזונט געווארן אן א אפעראציע**.

דער גאון רבי מיכאל בער זי"ע וואס האט דאס מיט געהאלטען, איז אריבער געפארן צום רבין און געפרעגט דעם רבין מסיח לפי תומו, צו ס'נאך דא היינט **רוח הקודש**, האט די רבי געזאגט ניין, האט ער געזאגט פארן רבין, ס'געווען דא א בחור וואס די דאקטוירים האבן געהייסן אפערירען, אין די רבי האט געזאגט אז ניין, **די רבי איז ווייס געווארן און זיך פארטראכט פאר א ווייל״**, און זיך אנגעריפען צום גאון רבי מיכאל בער זי"ע, **"א איד וואס גיבט זיך אכט וואס גייט אריין אין זיין מויל, און וואס גייט ארויס פון זיין מויל, העלפט דער אייבערשטער ער זאל האבן סייעתא דשמיא און זאגן וואס איז ריכטיג**", און די רבי האט נאך צו געלייגט, **"ווייסט וואס איך וועל אייך זאגן, איר קענט אויך"**.

• • •

**איינמאל האט א איד וואס איז געקומען צום רבין וועגן א שידוך**, און אזוי בתוך הדברים האט ער געזאגט פארן רבין, אז די וועלט זאגט אז קינדער קען א מענטש נישט **קלויבען**, נאר וואס מען האט דאס האט מען, אבער אן איידעם אדער א שניר **קען מען זיך יא קלויבען**.

האט די רבי זי"ע געזאגט, באמת איז דאס פונקט פארקערט, ביי א איידעם קען א מענטש נישט קלויבען, ווייל די גמרא זאגט דאך, "**ארבעים יום קודם יצירת הולד בת קול יוצאת ואומרת בת פלוני לפלוני**", קומט דאך אויס אז די שידוך איז שוין אויסגעריפען געווארן נאך בעפאר דאס קינד איז געבוירן געווארן, אבער די אייגענע קינדער, דאס קען א מענטש זיך קלויבען, **ווייל לויט וויפיל דער מענטש איז מתפלל און לאזט טרערן פאר זיינע קינדער, און לויט וויפיל חינוך א מענטש לייגט אריין, דאס ברענגט אז דאס קינד זאל זיין ערליכער**.

• • •

**הרה"ח רבי משה מאיר וויינבערגער ע"ה האט געוואוינט אין שטאט סאטמאר**, און עס איז אים געבוירן געווארן א מיידל, אבער די רבי איז דאן נישט געווען אין שטאט, נאר איז געווען אין קיט דאטשע, איז דער ר' משה מאיר ע"ה אריבער געפארן אויף שבת צום רבין, אז די רבי זאל אים זאגן וועלכע נאמען ער זאל געבן.

שבת קודש צופרי ביים עולה זיין, ווען עס איז געקומען צו **ויקרא שמה בישראל**, האט די רבי געזאגט **נא**, ווי מען פרעגט וואסערע נאמען ער וויל געבן, אבער ר' משה מאיר האט צוריק געזאגט **נו**, ווי מען זאגט די רבי זאל זאגן וועלכע נאמען צו געבן, האט זיך די רבי אנגערופן, "**ווייסטו וואס, זאלסט האבן א ברכה אין שטוב**", דערציילט זיין זון הרה"ח ר' אהרן הערש וויינבערגער, אז פון דאן אן האט די טאטע געהאט **א גרויסע שפע אין פרנסה, עס האט זיך געגאסן די שפע ביים טאטן, געלט ווי בלאטע**.

• • •

**די משמשים בקודש ביים הייליגען רבין זי"ע האבן דערציילט**, אז סוף ימיו פונעם רבין ווען ער איז שוין געווען גאר שוואך, און די ארבעט אין שטוב איז געווען אסאך שווערער, און עס האט זיך געקענט מאכן אז די רבי האט מקפיד געווען אביסל מער ווי געווענליך, האט ער כסדר איבער געבעטען די גבאים און משמשים, און כסדר געבעטן אז זיי זאלן אים מוחל זיין אויב ער האט זיי ח"ו ווי געטון, **ווייל דער צדיק וקדוש האט ממש מורא געהאט צו ווי טון א אנדערע איד**.

• • •

**מען דערציילט**, אז אויף די עלטערע יארן, האט מען נישט אזוי גרינג צו געלאזט צום רבין צוליב

זיין שוואכע כוחות, האט אמאל פאסירט, אז ערב ראש השנה האט זיך איינע פון די חסידים אריין געכאפט צום רבין אין שטוב מיט א קוויטל, אבער איינע פון די גבאים האט געכאפט דעם קוויטל, און אראפ געווארפן פון טיש, און געהייסן דעם איד ארויס גיין פון שטוב און נישט מטריח זיין דעם רבין.

לפלא ערב יו"ט ממש סמוך לכניסת יו"ט, איז דער משמש בקודש אריין אין ביהמ"ד, און ער האט אויף געזיכט דעם איד, און געט אים איבער, **אז די רבי בעט אים זייער אז ער זאל אים מוחל זיין אויף דעם וואס מען האט אים פארטריבן פונעם שטוב**, און אפילו אז די רבי האט דאך דא גארנישט געטון, האט ער אבער מורא געהאט, אז אפשר האט ער דא ווי געטון פאר א אנדערן איד, און בעפארן אריין גיין צום דאווענען, האט ער נאכאמאל איבער געפרעגט דעם משמש, **אויב ער האט טאקע געטראפן דעם איד און איבער געבעטן**.

• • •

**דאס גרויסע כוחות פון דעם צדיק איז ממש נישט צום פארשטיין**, דער משמש בקודש הרה"ח רבי יוסף אשכנזי ז"ל, וואס האט זיך אוועק געגעבן פארן רבין זי"ע, און זיך ממש נישט אוועק גערירט פונעם רבין, און ממש אוועק געגעבן פארן רבין אלעס, און ווי באקאנט האט ער ממש מיט א מסירת נפש זיך אפ געגעבן מיטן רבין ביי די צווייטע וועלט מלחמה.

דערציילט ר' יוסל אשכנזי ז"ל, אז נאנט צו די ימים נוראים ביי די צווייטע וועלט מלחמה, האט מען מיט א מסירת נפש פארשאפט פארן רבין א פרי "**פלאם**", און מען האט געמיינט אז די רבי וועט דאס גלייך עסן צו דערכאפן זיין הונגער, אבער לפלא האט דער צדיק געהייסן פארן משמש, **אז מען זאל דעם פרי גוט אוועק לייגן, כדי ער זאל דאס האבן פאר דעם שהחיינו דעם צווייטן טאג ראש השנה**, און דער צדיק האט יעדן טאג בודק געווען די פרי אויב עס האלט זיך פריש לכבוד ראש השנה.

אויך דערציילט מען, אז מען האט דאן פארשאפט פארן רבין, **א קען סארדינען**, אבער דער צדיק האט דאס נישט געוואלט עסן, ווען די גבאים האבן געפרעגט דעם רבין, פארוואס ער וויל די סארדין נישט עסן, האט דער צדיק געזאגט, **איך האב דעם מאכל נישט געזען ביי מיין טאטן אין שטוב, און דערפאר וויל איך דאס נישט עסן**, בכלל דערציילט מען, אז די רבי האט דאס ביסל עסן וואס מען האט שוין פארשאפט, אוועק געגעבן מיט א מסירת נפש פאר אנדערע אידן, צוליב זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט פארמאגט.

• • •

**די רבי זי"ע איז געווען באוויסט**, אלס א גאר הייליגער איד וואס איז געווען ממש אויס געטון פון די וועלט, אבער מיט דעם אלעם האט מען געזען ווי דער צדיק האט מיט זיין געוואלדיגע חכמה פארשטאנען צו אלעם אויף די וועלט, און אפילו אין וועלטליכע זאכן, דערציילט הרה"ח רבי סענדר דייטש ע"ה, וואס איז פארן רבין געשטאנען צו די רעכטע האנט מיטן פירן די מוסדות הקדושה און די קהלה קדושה אין אמעריקע, האט רבי סענדר ע"ה פארציילט א מעשה נפלא.

אז ביי די מלחמת ששת הימים, האט די אגודת הרבנים געשיקט א דעלעגאציע קיין וואשינגטאן, צו בעטן די אמעריקאנער רעגירונג, **אז זיי זאלן נישט פארקויפן געווער פאר די אראבער, ווייל עס האט הערשט א געפערליכע סכנה אויף אידן אין ארצנו הקדושה**, האט מען געשיקט הרה"ג ר' אברהם קאלמענאוויטש ז"ל צום רבין אז דער רבי זאל אויך מיט קומען מיט די רבנים קיין וואשינגטאן, כדי צו פועלען ביי די ממשלה אין אמעריקע, אז זיי זאלן נישט פארקויפן קיין געווער פאר די אראבער'ס.

אבער דער רבי זי"ע האט אים מסביר געווען, אז ס'איז גארנישט קיין טובה, אז דער אמעריקאנער רעגירונג זאל נישט פארקויפן קיין געווער פאר די אראבער, **ווייל ווילאנג זיי קויפן פון די אמעריקאנער, ווייס מען אז ס'וועט זיין מיט רחמנות, ווייל די אמעריקאנע וועלן דאך נישט אהין געבן זייערע בעסטע וואפען**, אויב אבער וועט מען זיי נישט פארקויפן דא, וועלן זיי גיין צו די רוסן, און ווער ווייסט וואס זיי וועלן דארט באקומען, און דערפאר האט זיך דער רבי נישט געוואלט באטייליגן.

שפעטער ווען די רבנים זענען געפארן קיין וואשינגטאן, און באקומען טאקע דעם זעלבן

ענטפער, איז ר' אברהם צוריק געקומען און פארציילט פארן רבין אז ער איז גערעכט געווען, און ר' סענדר ע"ה האט ארויס געבערענגט ווי דער רבי, אפילו זייענדיג דבוק אין די תורה און מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם, האט אבער מיט דעם אלעם פארשטאנען צו פאליטיק און געוואוסט ווען יא און ווען נישט.

• • •

**א גאליציאנער איד האט אמאל ביומא דהילולא פון רבי ישעי'לע מקערעסטיר זי"ע** געגעבן תיקון אין סאטמארער בית המדרש, אויף די פראגע וואס האט ער מיט רבי ישעי'לע'ס יארצייט, האט ער דערציילט, אז ער וואוינט אין דער איסט סייד, און פלוצים האט פאסירט, אז זיין פרוי האט אן געכאפט א פחד און א מורא, יעדע נאכט דאכט זיך איר, אז עמיצער קומט אריין אין זייער הויז און וויל איר שעדיגן רח"ל, ס'איז געווארן ערגער דער פאניק פון טאג צו טאג, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן.

האט איינער אים געראטן, אז ער זאל אריין גיין קיין וויליאמסבורג צו הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע און דארט וועט ער האבן א ישועה, דער איד איז אריין צום רבי'ן זי"ע און דערציילט זיין צרה רח"ל, האט דער רבי זיך אנגערופן צו אים, **"הער מיך אויס, ס'איז דאך היינט די יארצייט פון רבי ישעי'לע זי"ע, צינד אן לעכט און געב לעקעך און ברוינפן לכבוד די יארצייט, וועסטו געהאלפן ווערן"**.

אומר ועושה, ער האט אזוי געטון און איז אהיים געגאנגען, ביינאכט, הערט ער פלוצים ווי מ'קלאפט אין די טיר, זיין פרוי האט ערשט יעצט מורא געהאט, אז מן הסתם איז דאס וואס זי טראכט, און מיט גרויס פחד האט מען געעפענט די טיר, **ס'באווייזט זיך א איד מיט א שיין געשטעל, מיט א ברייטן ביבער הוט און א לאנגע בעקישע**, און רופט זיך אן צו זיי, **"פון היינט און ווייטער דארפט איר מער נישט מורא האבן פאר גארנישט"**, און ער איז זיך געגאנגען זיין וועג.

כך הוה, די פרוי האט מער נישט געוואוסט פון קיין שלעכטס, מיט א צייט שפעטער איז די פרוי געווען ביי איינעם אין שטוב, און האט באמערקט הענגען אויף די וואנט דאס בילד פון **רבי ישעי'ל זי"ע**, קוקנדיג אויפ'ן בילד רופט זי זיך אן מיט גרויס איבערראשונג, **"דאס איז די זעלבע צורה, ווי דער וואס האט זיך באוויזן ביי מיין טיר יענע נאכט, און מיר געזאגט אזוי און אזוי"**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע**, וואס איז שוין געבוירן געווארן יארן שפעטער, נאכן הסתלקות פון הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, האט ער זיך אבער נוהג געווען צו שרייבן אין זיינע הייליגע ספרים בזה"ל, **"מורי ורבי ה'עטרת צבי"**, און געזאגט, אז ער איז אזוי דבוק אין די הייליגע ספרים פונעם עטרת צבי, **כאילו ער וואלט ווען געלעבט אין זיינע צייטן**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט געזאגט** בשם זיין זיידן דער הייליגער ייטב לב מסיגוט זי"ע, דער טעם פארוואס דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, האט גאנץ אנפאנג, אין די יונגע יארן געהאט גאר אסאך חסידים וואס זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו, אבער שפעטער יארן האט דער צדיק נישט געהאט אזויפיל חסידים וואס זענען געקומען זיך מסתופף זיין ביי אים אין קאמארנא, נאר ווען דער צדיק איז געפארן פראווענען האט ער געהאט א גרויסע סכום חסידים וואס זענען געקומען.

האט דער הייליגער ייטב לב זי"ע געזאגט, אז די סיבה צו דעם איז געווען, ווייל אין הימל האט מען אזוי געפירט, כדי דער צדיק וקדוש וואס איז געווען א מקובל נורא, זאל קענען עוסק זיין צו מחבר זיין זיינע הייליגע חיבורים, און דער ייטב לב זי"ע האט געזאגט בזה"ל, **"אין הימל גלייכט מען זייער זיין שרייבן"**, און דערפאר האט מען געפירט, אז די חסידים זאלן נישט קומען שטערן דעם צדיק פון שרייבן זיינע הייליגע חיבורים.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע האט כסדר געזאגט**, אז בעפאר תקיעת שופר **איז מסוגל צו רעדן פון צדיקים קדמונים**, אז דער זכות זאל אונז ביישטיין און זיין פאר אונז א מילץ יושר צום יום הדין, אסאך מאל האט רביה"ק גערעדט פון דעם גדלות פונעם הייליגן צדיק **רבי הערשעלע ליסקער** זי"ע, און כמה פעמים האט ער נאר געזאגט בזה"ל, **"הרה"ק מליסקא איז געווען א ערליכער איד, און א צדיק אמת"**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט איין יאר הושענא רבא** ביי די הושענות דערציילט, אז

אמאל האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אליעזר'ל מדזיקוב זי"ע געשיקט א בריוו צום צאנזער רב זי"ע, אז די פילעסאפן זאגן אז צוויי שטערן'ס לויפן איינער קעגן דעם אנדערן, און ווען די צוויי וועלן זיך צוזאמען טרעפן, וועט ח"ו די וועלט חרוב ווערן, און ער רבי אליעזר'ל האט זייער מורא דערפון.

איז צוריק געקומען די תשובה פונעם הייליגען צאנזער רב זי"ע, **מען האט פאר מיר פון הימל גארנישט געזאגט, דערפאר קען דאס נישט זיין אז עס וועט געשען**, ווי די פסוק זאגט (עמוס ג' ז') **כִּי לֹא יַעֲשֶׂה ד' דָּבָר כִּי אִם־גָּלָה סוֹדוֹ אֶל־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים**, און אויב האט מען מיר דאס נישט מגלה געווען, איז דאס זיכער נישט אמת, **כך הוה צום סוף האבן זיי טאקע צוריק געצויגן פון וואס זיי האבן געזאגט**.

און דאס האט רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע אריין געטייטשט אין, "**הוֹשַׁע נָא לְמַעַן סוֹדָךְ**", אז ווען מען האט די הייליגע צדיקים ווי דער צאנזער רב זי"ע, **דארף מען זיך נישט זארגן אויף גארנישט, ווייל דער באשעפער איז מגלה פאר די צדיקים אלעס אויף דער וועלט**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע פלעגט דערציילן** כמעט יעדעס יאר פרשת ראה ביים מעביר סדרה זיין, אז הרה"ק **רבי אשר ישעי' מראפשיץ** זי"ע, פלעגט יעדעס יאר אפאר וואכן ווייל[ן] פאר זיין געזונט און די מרחץ אין שטאט סאבראנץ, און הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, וואס איז דאן געווען אויף קעסט ביים זיידן הרה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זי"ע, פלעגט פארן קיין סאבראנץ זיך מסתופף זיין בצלו פונעם צדיק מראפשיץ זי"ע.

דער זיידע דער אייניקל הרה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע האט אויך געהאט חשק צו פארן צום ראפשיצער רב זי"ע, אבער האט מורא געהאט פון די הקפדה פונעם זיידן דער ישמח משה זי"ע, האט ער געבעטן פונעם דאקטאר, **אז ער זאל זאגן אז ער דארף פאר רפואה פארן קיין סאבראנץ**, (און דער ייטב לב האט געזאגט, אז דאס איז נישט געווען קיין ליגענט, ווייל דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע, **איז געווען א רופא נפשות**), און אזוי האט ער אויך געקענט זיין ביים ראפשיצער רב אין סאבראנץ.

איז פארן אייניקל דער ייטב לב איינגעפאלן א עצה, ווי אזוי צו קענען נאכאמאל זעהן דעם הייליגען ראפשיצער רב, ער האט געבעטן דעם ראפשיצער רב, אז ער זאל אויפן וועג אהיים קומען קיין אוהעל אויף א שבת צום ישמח משה זי"ע, און געוויסט אז ווען דער זיידע די ישמח משה זי"ע וועט זיך באקענען מיט רבי אשר'ל, וועט ער נישט האבן קיין הקפדה אויב דער אייניקל גייט צו אים.

שבת פרשת ראה ווען רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע איז געקומען צום ישמח משה זי"ע אויף שבת, און ער איז געווען ביים טיש פונעם ישמח משה, זענען דארט אין שוהל געזעצן אפאר פשוטע אידן, אין זיך נישט אויפגעפירט מיט קיין דרך ארץ, האט זיך רבי אשר'ל ראפשיצער אויפגעשטעלט און אויסגעשריגען, אין פסוק שטייט, "**ראה אנכי**", און דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט בזה"ל, "**עטץ קוקטס מיך אן, און איך קוק ענק אן ווי מגושם איר זענט**", נאך די ווערטער איז געפאלן א פחד אויפן עולם.

דער הייליגער ייטב לב האט געמיינט, אז זיכער וועט די זיידע דער ישמח משה יעצט האבן א הקפדה אויף אים, פארוואס ער האט אהער געברענגט דעם רבי אש'ל ראפשיצער אויף שבת, ווייל דער רבי אשר'ל ראפשיצער איז געווען אסאך יונגער ווי דעם הייליגען ישמח משה, און דער אייניקעל דער ייטב לב זי"ע האט זיך פאר פחד באהאלטען פונעם זיידען.

אבער מען איז געקומען רופן דעם ייטב לב אז די זיידע רופט אים, איז דער ייטב לב געקומען צום זיידן, און די זיידע האט אים געזאגט, **איך וויל דיר מכיר טובה זיין פארן ברענגען צו מיר דעם ראפשיצער רב, ווייל איך האב זייער הנאה פון אים, ווייל ער איז א אמת'ע ירא שמים**, האט הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, אויס געפירט, "**היינט מען זאל דאס זאגן אויף א רבין אז ער איז א ירא שמים, וואלט ער זיך באליידיגט, און עס וואלט געווען נישט וואר אויך**".

• • •

**מען דערציילט אז דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע** איז געווען דער סנדק ביים ברית פון הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, און דאס לעצטע מאל וואס דער רבי מסאטמאר איז געווען ביים ערוגת

הבושם זי"ע, איז געווען געציילטע וואכן בעפאר די הסתלקות.

האט דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע געזאגט פארן רבין, "**א גוטער ידיד קען טהון א זכות פארן נשמה אפילו נאכן פטירה, דורכ'ן לערנען משניות לטובת הנשמה**", און עס איז באקאנט אז דער סאטמאר רבי האט יעדעס יאר געלערנט אין טאג פונעם יארצייט משניות לע"נ דעם ערוגת הבושם זי"ע, און ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה שרייבט, אז ער האט אליינס געזען, אז אין די יאר פונעם רבינ'ס פטירה **בשנת תשל"ט**, אינעם טאג פונעם יארצייט פונעם ערוגת הבושם (דאס מיינט דריי וואכן פארן רבינ'ס הסתלקות), **האט ער געלערנט משניות לע"נ דעם ערוגת הבושם זי"ע**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע האט דערציילט**, אז דער טאטע דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע פלעגט אסאך פארן קיין צאנז צום הייליגען דברי חיים זי"ע, און ער פלעגט יעדן טאג אלס הכנה צום דאווענען דערציילן, וואס ער האט יענעם טאג געזען אין צאנז, איינמאל איז דער קדושת יו"ט זי"ע געפארן **אויף אפאר טאג קיין צאנז**, און ווען ער איז צוריק געקומען, האט מען אים געפרעגט, פארוואס ער איז יעצט פונקט געפארן קיין צאנז, האט דער הייליגער קדושת יו"ט זי"ע געזאגט, **אז עס האט אים נאך געפעלט די פאר טאג כדי צו האבן געווען ביים רבין אלע טעג פונעם יאר, און דערפאר איז ער געפארן דאס משלים צו זיין**.

• • •

**עס איז געווען אינמיטען די צווייטע וועלט מלחמה אין א שטאט אין רומעניע**, און מען האט נישט געטארט זיין ביינאכט אויפן גאס, א תלמיד חכם איז דאן נפטר געווארן, און א קבוצה פון 4 אידן האבן זיך איינגעשטעלט דאס לעבן צו גומל חסד זיין מיטן נפטר, און אים ברענגען לקבר ישראל.

צווישן די 4 אידן איז געווען הרה"ק רבי יוסף חנוך העניך קליינמאן זי"ע, א גרויסע חסיד פונעם עצי חיים, אינמיטן די ארבעט איז א דייטש ימ"ש אנגעקומען, און דער גאנצער עולם איז אנטלאפען, אבער הרה"ק רבי העניך קליינמאן זי"ע איז יא געכאפט געווארן, **און מען האט אים איינגעזעצט און די תפיסה פון די רומענישע**.

זיצענדיג אין תפיסה און וויינענדיג אויף זיין ביטער גורל, איז דער ר' העניך איינגעשלאפן, פלוצלונג זעט ער אין חלום זיין רבי **דער הייליגער עצי חיים מסיגוט** זי"ע, און דער עצי חיים זאגט אים, איך בין שוין נישט בין החיים, **אבער גיי צו מיין ברודער הרה"ק מסאטמאר ער וועט דיר העלפן**, האט ער געזאגט פארן עצי חיים, איך בין דאך אין תפיסה איך קען נישט גיין, האט די עצי חיים געזאגט, איך וועל דיר עס ערלעדיגען, די האסט א ברודער וואס וואוינט נעבן מיין ברודער הרה"ק מסאטמאר זי"ע, **איך וועל אים שיקן ער זאל דיך גיין מזכיר זיין**.

לפלא די קומענדיגע טאג איז אריין געקומען א רומענישע וועכטער און געפרעגט דעם ר' העניך וואס זיכסטו דא, האט ער געזאגט, אז די דייטשן האבן אים דא אריין געזעצט, זאגט דער וועכטער מיט כעס, וואס די דייטשן ווילן דא איינטיילען וואס צו טון, און ער האט דעם ר' העניך גלייך ארויס געלאזט, און ר' העניך האט טאקע נאכדעם גאר אסאך מיט געמאכט אינטער די נעגל פון די דייטשן ימ"ש, אבער בחסדי השם איז ער ניצול געווארן און געבליבן לעבן נאך די מלחמה, אבער דער ברודער פון ר' העניך איז ליידער אומגעקומען ביי די מלחמה.

נאך די מלחמה איז ר' העניך געפארן צום שטאט סאטמאר, צו זעהן אויב עס איז איבער געבליבן עפעס פון די משפחה, ליידער האט ער געטראפן דעם שטוב פון זיין ברודער אינגאנצען חרוב פונעם חורבן וואס די דייטשן ימ"ש האבן אנגעמאכט, אבער צווישן די זאכן וואס ער האט יא געטראפן, **איז געווען א ספר אויפן טיש אינעם שטוב פון זיין ברודער**.

ווען רבי העניך האט דעם ספר אויפגעמאכט, איז ער נבהל ונשתומם געווארן, דארט אויפן שער בלאט איז געווען פארשריבן די ווערטער, "**ראיתי בחלומי את הגה"ק בעל עצי חיים זצ"ל מסיגעט ואמר לי: "הן אחיך ר' יוסף העניך נקלע למצב קשה והוא בצרה גדולה, על כן מהר קום ולך לאחי הר"ר יואל'יש, ותזכיר לפניו את אחיך שינצל מכל צרה" בתחילה לא שמתי לב לזה ואמרתי חלומות שוא ידברון, אבל אחר השנות החלום פעם ופעמיים קמתי ועליתי לבית מרן הגה"ק מסאטמאר וסיפרתי**

**לו את החלום אשר ראיתי, ורבינו איחל מברכותיו הטהורות שיעבור את המלחמה וישאר בחיים**", און די דאטום איז געווען ממש יענעם נאכט.

• • •

**דער הייליגער ישמח משה זי"ע** אפילו ער האט געלעבט אין די צייט פונעם צדיק דער הייליגער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, האט ער זיך קיינמאל אין לעבן נישט געטראפן מיטן **הייליגן רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע.

איינמאל איז ער שוין געווען אויפן וועג, אבער איינע פון די מתנגדים האט אים געפרעגט ווי ער גייט, און ווען ער האט יענעם געזאגט ווי ער גייט, האט אים יענער אפגערעדט פון גיין און ער האט זיך צוריק געדרייט.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט עס שטארק באדויערט און געזאגט, **ווען איך וואלט מיך מיט אים געטראפן, וואלט איך אים געקענט טון א טובה עד סוף כל הדורות**, און ווען הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט פאר קיין שום איד געדאכט, פארלוירן זיין טאכטער הצדקת רחל ע"ה, האט ער געזאגט, **ווער ווייסט אויב דער זיידע דער ישמח משה זי"ע וואלט זיך ווען געטראפן מיטן רבי אלימלך, וואלט דאס נישט פאסירט**.

• • •

**מרן רביה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט דערציילט**, וואס ער האט געהערט מקובל מפי מגידי אמת, אז דער ישמח משה האט אמאל שמחת תורה ביי די פערטע הקפה זיך אנגערופן, "**ברוך הבא משה רבינו, דו ביסט עדות אז איך האב קיינמאל נישט פארפעלט עפעס מקיים צו זיין פון דיין תורה, אפילו כקוצו של יו"ד, און פארוואס האט מען מיך אזוי פארשעמט פון הימל, איך האב אזוי געווארט אויף די גאולה און ס'איז נאך נישט געקומען**".

• • •

**א איד איז אמאל געקומען צו רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע**, און ער האט געזאגט, אז ער איז ליידער א חשוך בנים, און די רבי מוז אים העלפן, און מסביר געווען פארוואס די רבי מוז אים העלפן, ווייל זיין זיידע איז געהאלפן געווארן מיט קינדער דורך דעם ישמח משה זי"ע, ווען ער האט אויך יארן נישט געהאט קיין קינדער, און דערפאר האלט ער אז די רבי מיז אים אויך העלפן מיט א ישועה.

און דער איד האט דערציילט די מעשה, אז די זיידע זיינער האט פאר יארן נישט געהאט קיין קינדער, און ער איז כסדר געקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגען ישמח משה זי"ע, אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, איין יאר ראש השנה האט דער הייליגער ישמח משה זי"ע געהייסן פארן זיידן, אז ער זאל עולה זיין מפטיר די ערשטע טאג ר"ה, און דער זיידע איז יענעם יאר געהאלפן געווארן מיט א קינד.

האט דער איד גע'טהנע'ט, אז וויבאלד ער איז אראפ געקומען אויף די וועלט דורך א ברכה פון ישמח משה, ממילא מוז די רבי אלס אן אייניקל ממשיך זיין די ברכה, האט די רבי געזאגט, **וואס קען איך דען טון, פאר צום זיידן קיין אוהעל און לייג אים פאר די טענה, האט דער איד טאקע אזוי געטוהן, און פארשטייט זיך אליינס אז ער איז געהאלפן געווארן מיט א קינד**.

• • •

**הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן אב"ד טענקא זי"ע האט דערציילט**, אז זיין טאטע הגה"ק רבי יהושע זי"ע האט דערציילט, אז ער איז געווען בשעת מעשה, ווען הגה"ק רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם מחוסט זי"ע איז געווען ביים צדיק הרה"ק רבי חנני' יו"ט בעל קדושת יו"ט מסיגוט זי"ע, און דארט איז געווען דער זון הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע אלס יונג קינד פון בערך 10 יאר אלט, און דער הייליגער קדושת יו"ט האט געבעטן דעם ערוגת הבושם, אז ער זאל פארהערן זיין יואליש אין שו"ע חושן משפט.

דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע האט טאקע פאר הערט דעם קינד יואליש מיט גאר שווערע שאלות אין חושן משפט, און דער הייליגער ערוגת הבושם איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם חריפות און בקיאות פונעם קינד קענענדיג חו"מ מיט אזא קלארקייט, און ער האט געזאגט פארן קדושת יו"ט בזה"ל, "**און אונזער דור האב איך נישט געגלייבט אז עס קען זיין אזא גדלות**".

האט דער הייליגער טאטע דער קדושת יו"ט זי"ע געזאגט פארן ערוגת הבושם זי"ע בזה"ל, "**וואס איז די חידוש, אז מען וועט זעהן די ברכת התורה וואס דער קינד זאגט יעדן טאג אין זיין אהבה רבה וואס ער לייגט אראפ יעדן טאג ביי שחרית, וועט מען שוין אלעס פארשטיין**".

• • •

**בשעת הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע איז ליידער געזעצן שבעה** נאך זיין איינציגסטע איבער געבליבענע טאכטער, וואס איז ליידער אוועק אן לאזן דורות, איז דער צדיק געווען גאר שטארק צובראכן, איז א רב אריין געקומען ביי די שבעה, און וועלענדיג מחזק זיין און טרייסטן דעם רבין, האט ער נאך געזאגט א ווארט פונעם הייליגען צדיק **רבי שלום מקאמינקא** זי"ע.

איין יאר תשעה באב האט דער צדיק רבי שלום מקאמינקא זי"ע געזאגט, **אז תשעה באב איז א גרעסערע יו"ט ווי פורים**, ווייל מה דאך פורים וואס מען ליינט איין פסוק מיטן ניגון פון איכה, "**אֲשֶׁר הָגְלָה מִירוּשָׁלַיִם עִם הַגֹּלָה אֲשֶׁר הָגְלְתָה עִם יְכָנְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה**", איז די טאג א גרויסע יו"ט, כל שכן וכל שכן תשעה באב, **ווען מען ליינט דעם גאנצן איכה מיט דעם ניגון, איז דאס אסאך א גרעסערע יו"ט**.

דער הייליגער סאטמאר רבי איז זייער נתרגש געווארן, און זיך גאר שטארק מחזק געווען און געזאגט, **ווערטער פון קאמינקא רב זי"ע האט א גרויסע קדושה, ווייל עס איז געזאגט געווארן מיט א אמת**.

• • •

**הרה"ח ר' ישראל בריעף ע"ה האט געזאגט**, אז ער האט געהערט פון הרה"ק רבי יוזעף גליקלעך זי"ע, אז ער האט געהערט פון הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע אויפן רבין רבינו יואל מסאטמאר זי"ע בזה"ל, "**די צורה געפעלט מיר זייער, איך האב שוין לאנג נישט געזעהן אזא צורה**".

• • •

**אידן פון לאנדאן האבן אויף געשטעלט א גרויסע ביקור חולים אין לאנדאן**, און די אידן זענען געקומען פרעגן דעם רבין הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, אויב זיי קענען דעם ביקור חולים געבן א נאמען אויפן רבין "**ביקור חולים דרבינו יואל מסאטמאר**", האט דער צדיק געזאגט, אז ער איז מסכים מען זאל דאס ריפן אויף זיין נאמען מיט איין תנאי, **אז אין דעם ביקור חולים זאל מען געבן צו עסן פאר יעדן איינציגע איד נישט קיין חילוק ווי יענער באלאנגט**.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט אמאל געזאגט אויפן ספר בני יששכר**, אז אלע צדיקים זענען מסכים **אז דער ספר הקדוש איז געשריבן ברוח הקודש**, האט דער ראש הקהל הרה"ח ר' ליפא פריעדמאן ע"ה געפרעגט דעם רבין, וואס מיינט דער רבי, אז אלע צדיקים זענען מסכים אז דער ספר בני יששכר איז געשריבן ברוח הקדוש, דער ספר האט דאך אפילו נישט קיין הסכמות פון צדיקים.

האט די רבי דערציילט די מעשה, ווי באקאנט אז אלס יונגערמאן איז דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי הירצקא מראצפערט זי"ע און דער צדיק הרה"ק רבי שמואל קאמאדער זי"ע געווען ביים הייליגען צאנזער רב זי"ע אויף ראש השנה, און דעם צווייטען טאג בעפאר תקיעות שופר איז דער דברי חיים געזעצן ביי זיך אין שטוב, און עוסק געווען מיט הכנות פאר תקיעות שופר.

האבן די צוויי צדיקים געוואלט זען מיט וואס דער הייליגער דברי חיים גרייט זיך אויף תקיעות שופר, האבן זיי זיך אריינגעכאפט אין שטוב פונעם דברי חיים ווען ער איז ארויס, און די צוויי האבן געזען, אז דער דברי חיים האט געלערנט דעם ספר בני יששכר, עס איז זיי געווען א גרויסע וואונדער, וויבאלד דער ספר איז נאך דאן געווען א נייער ספר, און זיי האבן זיך געוואונדערט, אז פונקט אין דעם ספר קוקט דער הייליגער דברי חיים אריין בעפאר שופר בלאזן.

ביים סעודה נאכן דאווענען האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט, **א העזה פון יונגעלייט, זיי קוקען נאך זייער רבין מיט וואס ער גרייט זיך אויף תקיעות שופר, אבער איינער וואס האט שכל ווייסט, אז איך קוק נישט אריין אין קיין ספר, נאר אויב דער מחבר איז געווען א ריינער בעל רוח הקודש**, קיינער דארט אין שוהל האט נישט פארשטאנען וואס דער הייליגער דברי חיים האט געמיינט מיט די ווערטער, אויסער די צוויי צדיקים האבן שוין גאר גוט פארשטאנען וועם די רבי האט געמיינט מיט די ווערטער.

• • •

**הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע האט דערציילט די מעשה**, אז ביים זיידן דער הייליגער ישמח משה מאוהעל זי"ע אין ביהמ"ד, איז געווען א איד וואס האט געטראגן **אויגן גלעזער**, און ער האט ממש נישט געקענט זעהן אן די גלעזער, איין

יאר ראש השנה בעפארן דאווענען, האט דער איד פארלוירן זיינע אויגן גלעזער, און דער איד האט זיך זייער מצער געווען, אז פונקט יעצט דעם הייליגען טאג ראש השנה, וועט ער נישט האבן זיינע גלעזער צו קענען דאווענען, און פון גרויס צער האט דער איד זייער געוויינט.

דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז דורך דעם איד און געזען אז ער וויינט, האט דער ישמח משה געפרעגט דעם איד וואס גייט פאר, האט דער איד זיך אויס גערעדט פארן ישמח משה, אז ער האט פארלוירן זיינע גלעזער, און ער ווייסט נישט ווי אזוי ער וועט קענען דאווענען ראש השנה, האט דער הייליגער ישמח משה זי"ע געזאגט פארן איד, **ווער זאגט די ברויכסט גלעזער, אפשר קענסטו זעהן אן די גלעזער**, לפלא זייט דעמאלט האט דער איד נישט מער געברויכט קיין גלעזער און זיינע אויגן האבן געארבעט ביז סוף ימיו גאר גוט.

• • •

**איינע פון די משמשים ביים רבין זי"ע האט דערציילט**, אז איין טאג צופרי האט ער געהערט ווי איינער לויפט אראפ די טרעפ ביים רבין אין שטוב, דער משמש איז גלייך אריין געלאפן אינעם ביהמ"ד אינטן פונעם רבין'ס דירה, און ער זעהט לפלא, **אז דער וואס איז אזוי אראפ געלאפן די טרעפ איז געווען נישט קיין אנדערער ווי די רבי אליין, וואס איז שוין דאן געווען אויף דער עלטערע יארן.**

צו זיין וואונדער זאגט אים די רבי מיט א פחד, די זייגער האט זיך מיר אפ געשטעלט, און פון גרויס פחד אז אפשר האט ער **פארפאסט די זמן קר"ש**, איז דער צדיק אראפ געלאפן איינער אליין די טרעפ, כדי צו זעהן דעם זייגער צו ער האט פארפאסט דעם זמן קר"ש, און אזוי ווי די רבי האט געזען אז עס איז נאך 7 אזייגער צופרי, האט ער זיך בארואיגט, אבער די וועג ארויף האט די רבי שוין נישט געקענט גיין אזוי גרינג, ווייל באמת איז דאס גיין געווען גאר שווער פארן רבין, **נאר פון גרויס פחד אז ער האט פארפאסט דעם זמן קר"ש, איז ער מיט זיין שוואכע כוחות אראפ געלאפן די טרעפ.**

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא וואס האט פאסירט ביים רבין זי"ע**, אין אמעריקע איז אמאל געקומען א איד וואס איז געווען פון די גרויסע מאכער'ס אין די מדינה, דער איד האט געברויכט א גרויסע סכום פון געלט פאר א אפערעציע פאר זיין ווייב, און אזוי ארום דרייענדיג זיך פאר אפאר וואכן, האט ער ממש נישט געמאכט קיין גרויס געלט.

האט אים איינער גע'עצה'ט, אריין צו גיין צום רבין וואס איז געווען מפורסם אלס א בעל חסד נפלא, און בעטן געלט פונעם רבין, דער איד האט ביי זיך געטראכט, אז ער וויל נישט אריין גיין, וויבאלד ער איז דאך פון די קעגנער'ס פונעם רבין, אבער קיין גרויסע ברירות האט ער דאך נישט געהאט, און ער איז אריין צום רבין, און ער האט דערציילט פארן רבין די גאנצע מעשה לגבי די אפערעציע וואס ער ברויך מאכן פאר זיין ווייב, און ער ברויך גרויס געלט פאר דעם.

די רבי האט דעם איד אויס געהערט און געזאגט פאר דעם איד, **קומט צוריק מארגען און איך וועל זעהן וואס איך קען טון**, דער איד איז ארויס פונעם רבין'ס שטוב, און ער זאגט פאר זיין חבר, די זעהסט די רבי האט מיך פארשיקט אן גארנישט, עס איז געווען ממש א שאד אריין צו גיין.

אבער ווי פארוואונדערט איז דער איד געווען, ווען ער איז צוריק געקומען דעם קומענדיגע טאג צום רבין, **און דער רבי האט אים אהין געגעבן דאס גאנצע סכום וואס ער האט געברויכט**, אבער דאן האט די רבי געבעטן פון דעם איד, **אז ער זאל ארויס גיין פון שטוב**, **וויבאלד די רבי האט גאר גוט געוויסט ווער דער איד איז און ווי ער באלאנגט**, אבער העלפן א איד בעת צרה האט ביים רבין בכלל נישט געמאכט קיין חילוק ווער יענער איז, אבער אזוי ווי ער האט געענדיגט די מצוה, האט ער מער נישט געוואלט האבן קיין פארקער מיט יענעם איד.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען די רבי זי"ע איז געווארן רב אין שטאט סאטמאר, האט ער זיך גאר שטארק גע'חבר'ט מיטן "**מילך טרעגער**" פון שטאט און מיטן "**פלייש האקער**" פון שטאט, עס איז געווען א גאר גרויסע וואונדער פאר די אידן פון שטאט, אז דער רב חבר'ט זיך אזוי מיט די צוויי פשוטע אידן.

אבער שפעטער איז מען געוואר געווארן וואס דאס איז געווען, די רבי זי"ע האט זיך מיט זיי

גע'חבר'ט, ווייל ער האט געוואלט וויסן ווער פונעם שטאט האט נישט קיין געלט צו קויפן מילך און פלייש, און דער צדיק האט צוזאמען געשטעלט גרויסע געלטער צו העלפן די שטובער פון די אידן וואס האבן נישט קיין געלט אליין צו קויפן די געברויכן ביי זיך אין שטוב.

• • •

**הגה"צ רבי יצחק טובי' ווייס גאב"ד ירושלים זי"ע האט דערציילט**, אז אמאל האט זיך געהאנדלט אין אנטווערפן וועגן א שידוך, וואס עפ"י צוואת רבי יהודה החסיד זי"ע האט מען געברויכט חושש זיין דערויף, דער איד האט אנגעפרעגט ביים רבין מסאטמאר זי"ע וואס ער זאל טאן, האט אים די רבי זי"ע געענטפערט, אז ער איז מסכים מען זאל טון דעם שידוך, אבער נאר בתנאי אז מען וועט פרעגן נאך צוויי רבנים און זיי זאלן אויך מסכים זיין.

דער איד איז טאקע אריבער צו הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק** זי"ע וואס האט דאן געוואוינט אין אנטווערפן, און ער האט אנגעפרעגט איבער דעם שידוך, און האט צוגעלייגט, אז מען האט שוין אנגעפרעגט דעם סאטמאר רבי איבער דעם שידוך, און די רבי זי"ע האט מסכים געווען צום שידוך.

ווי נאר דער צדיק רבי איציקל האט געהערט די ווערטער, האט ער אויפגעהויבן זיין קול און פארגעהאלטן דעם רב מיט וואונדער, "**איך פארשטיי נישט, וואס איז די שאלה, אז דער סאטמארער רבי איז מסכים, זאל איך נישט מסכים זיין**", דער צדיק רבי איציקל האט פשוט נישט פארשטאנען וואס די שאלה איז בכלל, ווייל דעם חוות דעת פונעם רבין איז ביי אים געווען ווי אן הלכה.

• • •

**הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש בעל צלותא דשלמה זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל אין די טעג פון עשרת ימי תשובה איז ער אריבער צום רבין זי"ע אין שטוב דורך צו רעדן א געוויסע וויכטיגע ענין, ער האט געטראפן דעם טיר פונעם רבין'ס שטוב אביסל אפען, אבער ער האט געזעהן ווי די רבי איז שטארק פארטיפט אין א געוויסע ספר מיט א געוואלדיגע דביקות, און די רבי האט בכלל נישט באמערקט אז ער שטייט דארט ביים טיר, ער האט זייער געוואלט וויסן אין וועלכע ספר די רבי איז אזוי מעיין.

נאך א שטיק צייט איז אים געלונגען און ער האט געזעהן מיט גרויס וואונדער, אז די רבי איז אזוי מעיין אינעם מוסר ספר "**מסילת ישרים**", און די רבי האט דורך געבלעטערט די גאנצע ספר מיט די פינגער ווארט ביי ווארט, ווען די רבי האט געענדיגט האט ער זיך אויפגעכאפט און באמערקט ווי איך שטיי דארט ביים טיר, האט ער מיר געזאגט בזה"ל, "**ווי מער אים קוק אריין אינעם ספר מסילת ישרים, טרעף איך אלץ חדשות**", און דאס איז געווען אין די פארנומענע ימי הרחמים והרצון וואס די רבי איז דאן געווען פארנומען מיט די תפילות און מיטן אויפנעמען הונדערטער אידן, מיט דעם אלעם האט ער נישט פארפאסט צו לערנען דעם הייליגען מוסר ספר מסילת ישרים.

• • •

**הרה"ח ר' אהרן צבי סאמעט ע"ה האט דערציילט א מעשה נורא**, וואס איז פארגעקומען מיט זיינס א קרוב הרה"ח ר' יעקב יצחק סאמעט ע"ה, ער האט געוואוינט אין שטאט קערעסטיר, און ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ער געווען א "**טמיר ונעלם'ניק**", וואס דאן האבן די אונגארישע זשאנדארן כסדר ארומגעזיכט בחורים וואס באהאלטן זיך און דרייען זיך ארויס פון די מיליטער, וואס אויב האט מען אזא בחור געטראפן איז געווען אחת דתו.

ביי רבין אין ביהמ"ד אין שטאט **אורשיווא** האבן זיך צענדליגע אזאנע **טמיר ונעלם'ניקעס** באהאלטן, עס איז כסדר געשטאנען א שומר ביים טיר צו זעהן אויב די זשאנדארן קומען, און אויב זיי זענען געקומען האט מען געהייסן אלע בחורים זאלן אנטלויפן און זיך באהאלטן, איין טאג זענען אנגעקומען א גאנצע קבוצה זשאנדארן, און זיי האבן באלאגערט דעם גאנצן ביהמ"ד אז עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט צו אנטלויפן.

דער בחור ר' יעקב יצחק איז גלייך אריינגעלאפן צום רבין זי"ע און מיט טרערן געוויינט און געפרעגט וואס ער זאל דא טון, דער רבי האט אים געענטפערט מיט א רואיגן קול, "**גיי זעץ זיך אריין אין ביהמ"ד מיט א ספר און לערען רואיג און געלאסן ווי גלייך גארנישט וואלט פארגעקומען**", ער האט טאקע געטון וואס די רבי האט געהייסן, און ווען די זשאנדארן זענען אריינגעקומען, האבן זיי איבער געזיכט די גאנצע

ביהמ"ד פאר חברה וואס האבן זיך ארויסגעדרייט פון מיליטער, **זיי זענען דעם בחור יעקב יצחק אריבער אפאר מאל, אבער לפלא האבן זיי אים בכלל נישט באמערקט**.

• • •

**הרה"ח ר' אהרן צבי סאמעט ע"ה האט דערציילט**, אז זייענדיג אויפן שיף בשנת תשי"ב אויפן וועג אהים פון ארץ ישראל, האט ער ר' אהרן צבי געהאלטן אין די האנט און געבלעטערט אינעם ספר "**ליקוטי תפילות**" וואס האט אנהאלטן תפילות און בקשות געבויט **עפ"י די ספרים פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע**, דער רבי האט געפרעגט פון איינעם דארט, אין וואסערע ספר איך בין מעיין, האט יענער געזאגט פארן רבין, "**ער קוקט אין עפעס א ברעסלאווער ספר**".

האט די רבי געבעטן מען זאל אים ברענגען דעם ספר, דער רבי האט אנגעהויבן אריינקוקן אינעם ספר מיט גרויס אינטערעסע, און דאן האט זיך די רבי אנגערופן בזה"ל, "**רבי נחמן האט שוין בשעתו געשריבן, אז פאר משיח וועט קומען וועט אראפקומען אויף די וועלט א מבול פון כפירה ומינות, אנדערע צדיקים האבן דאס אויך געזען מיט זייערע הייליגען אויגן, נאר זיי האבן נישט געטרויט דאס צו זאגן, אבער רבי נחמן האט דאס אפן געזאגט און געשריבן**".

ר' אהרן צבי האט דאן געפרעגט דעם רבין, אויב עס איז ראטזאם צו זאגן די אלע תפילות, האט דער רבי געזאגט בזה"ל, "**אלע תפילות וואס א איד ברויך האבן, האט שוין דוד המלך ע"ה כולל געווען אין די מזמורי תהלים, עד סוף כל הדורות, אינעם ספר תהלים קען מען טרעפן אלצדינג**".

• • •

**הרה"ח ר' משה אייזענבערג ז"ל פון בארא פארק האט דערציילט**, אז אמאל האט א גוי א רשע אים פאר'מסר'ט איבער א נישט לעגאלע ענין, און ער האט זיך געגוויטיגט אין א גרויסע ישועה, ער איז דאן אריבער צום רבין זי"ע און זיך מזכיר געווען ביים רבין, לפלא האט די רבי דאס גלייך אוועק געמאכט מיט זיין הייליגע הענט, און ער האט אים אנגעוואונטשן א ווארעמע ברכה אז ער זאל זיך ארויסדרייען פון דעם פלאנטער, צום גרויסן וואונדער, **האט דער גוי דער מסור א טאג שפעטער פלוצלונג געכאפט א הארץ אטאקע און ער איז געשטארבן**, ויהי לפלא.

אבער די צרה איז נאכנישט פאריבער, וויבאלד עס האט זיך אונטער געריקט א צווייטער גוי א מסור, וואס יענער איז געווען אנפאנג די פארמיטלער צווישן מיר און דער ערשטער מסור, און יענער האט געהאט עפעס פאפירן וואס האבן נישט געטויגט, איך בין דאן אריבער צום רבין און דערציילט פארן רבין די צרה, אז איך האב דא געטון זאכן וואס מען טאר נישט עפ"י חוקי המדינה, אבער יעצט ברויך איך אז די רבי זאל מיר פועלן א ישועה, דער רבי האט מיר טאקע שיין אנגעוואונטשן, און לפלא אפאר טאג שפעטער **האט מען געטראפן ביי יענעם גוי די ביטערע מחלה, און אפאר טאג שפעטער איז דער צווייטער גוי אויך געשטארבן**, און מיט דעם איז צעפאלן די גאנצע קלאגע, מען האט ממש געזעהן ווי עס איז מקוים געווארן "**צדיק גוזר והקב"ה מקיים**".

• • •

**הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן בעל חמד שלמה אב"ד טענקא זי"ע האט דערציילט**, אז בשנת תרע"ז, איז דער רבי זי"ע געקומען אויף א באזוך קיין גרויסווארדיין, און דער רבי איז דארט מכובד געווארן מיט סנדקאות ביי א ברית, אין יענער תקופה, איז מיין עלטערער ברודער, ר' מאיר אברהם פריעדמאן, קראנק געווארן אויף די אויגן און האט אינגאנצן פארלוירן די זע-קראפט ל"ע, מען איז ארומגעגאנגען צו אסאך דאקטוירים, אבער לײדער האט אים קיינער נישט געקענט העלפן, איינער פון די דאקטוירים איז געווען א אידישער דאקטער אין גרויסווארדיין מיט'ן נאמען דאקטער גרויס, און ער האט געזאגט, אז "**אין רפואה למכתו**", עס איז ניטאמאל דא וואס צו פרובירן צו טון.

מיטאמאל איז אנגעקומען די ידיעה צו מיין טאטן, אז דער רבי איז אצינד געקומען צו זיין סנדק ביי א ברית אין גרויסווארדיין, הערנדיג אז דער רבי געפינט זיך אין שטאט, האט דער טאטע זיך באלד אנגערופן צו די מאמע, "**איך נעם אברהמ'ען מיט מיר, און איך גיי אריין צום אורשיווער רב**!", מיין מאמע האט געזאגט אז זי וויל אויך מיטקומען און אינאיינעם פרובירן אויס'פועל'ן א ישועה ביים רבי'ן, זענען מיין טאטע און מאמע ביידע געגאנגען, און מען האט מיך אויך שוין מיטגענומען, ווען מיר זענען אריינגעקומען צום רבי'ן, האט מיין מאמע באלד אויסגעבראכן אין

א געוויין און זיך אויסגערעדט דאס הארץ איבער'ן צושטאנד פון איר זון, ווען מען די דאקטוירים זאגן אף די האפענונג, אז ער וועט מער קיינמאל נישט קענען זען אויף די אויגן.

דער רבי האט זיך געוואנדן צו מיינע צעבראכענע עלטערן און געפרעגט, "**אלע דאקטוירים זאגן אזוי**", האט מען געענטפערט אז יא, זאגט דער רבי, "**אפשר פארט מען אויף פעסט**", האט מען געענטפערט, אז די דאקטוירים האבן קלאר געזאגט אז אויך אין פעסט וועט מען נישט געהאלפן ווערן, און איבערהויפט אז עס זענען יעצט קריגס-צייטן, וואס עס איז זייער א שווערע אונטערנעמונג צו פארן קיין פעסט, און די דאקטוירים זאגן אז עס איז א שאד צו פרובירן.

רופט זיך אן דער רבי, "**יעצט, אין די מלחמה-צייטן, איז מעגליך אז עס זאל דורכפארן דא אין גרויסווארדיין א מחנה פון דייטשע סאלדאטן, און געווענליך נעמען זיי איבעראל מיט א דאקטער, אויב אזוי, איז אפשר יעצט דא א דאקטער וואס איז אויך אן אויגן-ספעציאליסט, פרובירט און גייט געוואויר ווערן, צי עס איז מעגליך יעצט דא אין גרויסווארדיין א מיליטערישע באזע, און צי עס געפינט זיך דארט א דאקטער, וואס איז באקאנט אויך אין אויגן-פראבלעמען**".

פאר מיין טאטן איז דער ענטפער געווען א רעטעניש, ער האט געפרעגט דעם רבי'ן, צי יענע דאקטוירים זענען עפעס בעסער ווי די איינפאכע דאקטוירים, האט דער רבי קורץ אפגעענטפערט, "**אמאל יא!**" און דער רבי האט אונז צוגעאיילט, זאגנדיג, "**פארזוימט זיך נישט, שוין זאלט איר גיין!**", דער פארשלאג פונעם רבי'ן האט ארויסגערופן א גרויס וואונדער, אבער וויבאלד דער רבי האט געהייסן מ'זאל זיך נישט פארזוימען, האט מיין טאטע פארשטאנען אז ער דארף זיך צואיילן כדי נישט צו פארפאסן די געלעגנהייט.

מיין טאטע האט זיך באלד פארבונדן מיט איינעם פון די גרויסווארדיינער איינוואוינער, ר' אברהם העניג ע"ה, וועלכער האט געהאט גוטע פארבינדונגען מיט דער ארטיגער הערשאפט, ר' אברהם האט זיך פאראינטערעסירט צי עס איז אפשר פונקט דא אין שטאט א מיליטערישע איינהייט, און צו אלעמענ'ס וואונדער האט זיך ארויסגעוויזן **אז פונקט היינט איז טאקע דורכגעפארן אין גרויסווארדיין א מיליטערישער באטאליאן**.

עס איז גארנישט אזוי לייכט אנגעקומען זיך צו פארבינדן מיט דער מיליטערישער אפטיילונג, ערשט נאכ'ן אנווענדן אלערליי מיטלען מיט פראטעקציע, האט זיך איינגעגעבן צו שאפן מיט איר א פארבינדונג, אויף דער פראגע, צי דער דאקטער וועלכער באגלייט זיי איז צופעליג אויך **אן אויגן-ספעציאליסט**, האבן די פארשטייער פון דער מיליטערישער גרופע צו אלעמענ'ס שטוינונג געענטפערט אז יא, מיין טאטע האט באלד גענומען מיין ברודער, מאיר אברהם, און אריבערגעגאנגען מיט אים צום מיליטערישן דאקטער, ער זאל אים אונטערזוכן, צוגעבנדיג דערביי די שווארצע נבואות'ן מיט וואס די אנדערע דאקטוירים האבן אונז איבערגעשראקן.

דער דאקטער האט אים אונטערזוכט און זיך באלד אנגערופן, "**עס איז גארנישט מיט נישט, ער האט פשוט א הייטל אויפ'ן אויג**", ער האט אונז אנגעוויזן אריינצוגיין אין אן אפטייק און בעטן א געוויסע סארט פליסיגקייט, וואס מען קען קויפן אן קיין שום רעצעפט, צוגעבנדיג, "**מיט דעם פליסיגקייט זאל ער זיך וואשן דאס אויג צוויי-דריי מאל און זען צי עס ווערט בעסער, אויב עס וועט נישט העלפן, זאלט איר צוריקקומען**".

אינגאנצן א געפלעפטער פונעם דאקטער'ס דיאגנאז, איז מיין טאטע באלד געגאנגען אין אפטייק קויפן דאס פליסיגקייט, מען האט דערמיט אויסגעוואשן מיין ברודער'ס אויגן צוויי-דריי מאל, און וואונדער איבער וואונדער, **דער ברודער מאיר אברהם האט צוריק אנגעהויבן זען אויף די אויגן!** מ'האט געוואלט צוריקגיין זאגן פאר'ן דאקטער אז ער האט אנגעהויבן זען, אבער אזוי ווי מיין טאטע איז צוריקגעגאנגען אהין, האט מען אים געזאגט, **אז די גאנצע מיליטערישע קאמפאניע מיט'ן דאקטער זענען שוין פון דארט אוועקגעפארן**.

מיין טאטע האט נישט געקענט איינהאלטן זיין וואונדער, ער האט זיך נאכגעפרעגט, ווי עס איז מעגליך אזא זאך, ער איז דאך נאר-וואס געווען

ביי דעם דאקטער, און ווי קען עס זיין אז ער איז שוין אזוי שנעל אוועקפארן, האט מען אים דערציילט, **אז די גאנצע אפטיילונג האט בכלל נישט געדארפט זיין אין גרויסווארדיין, זיי האבן געדארפט גיין אינגאנצן אן אנדערן וועג, נאר צוליב עפעס אן אומגעראכטענער סיבה האבן זיי פארקירעוועט אין וועג און אנגעקומען קיין גרויסווארדיין, זיי האבן אבער נישט געהאט וואס זיך לאנג אויפצוהאלטן דארט און זענען באלד ווייטער געגאנגען**.

ערשט יעצט האט מיין טאטע פארשטאנען פארוואס דער רבי האט זיי צוגעאיילט און געזאגט, "**פארזוימט זיך נישט, שוין זאלט עטץ גיין**", שפעטער זענען מיינע עלטערן געגאנגען צו דעם דערמאנטן דאקטער גרויס און אים געוויזן דעם לעבעדיגן פאקט אז מיין ברודער זעט אויף די אויגן, האט ער זיך אנגערופן צו מיין טאטן מיט התפעלות, "**ג-ט איז גרויס, אבער 'גרויס' [דאקטער גרויס] איז נישט קיין ג-ט**".

און דער טענקא רב ז"ל האט דערציילט, אז ער אליין האט מיטגעהאלטן די וואונדערליכע געשיכטע, איך בין פערזענליך דעמאלט געווען ביים רבי'ן, אויסגעהערט דאס גאנצע געשפרעך און מיטגעהאלטן די שטוינענדע פארזעצונג, ווי נאך באותו היום האט דער ברודער צוריקבאקומען די ראיה אזוי ווי פריער, כאחד האדם.

און מיין ברודער איז שפעטער א חתן געווארן ביי הרה"ח ר' נחמי' כהנא ע"ה פון סיגוט, און נאך דער חתונה איז ער געבליבן וואוינען אין סיגוט סמוך על שולחן חותנו, ער איז דארט געזעסן אויף קעסט צוואנציג יאר און געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגער התמדה, בכוחו ובזכותו פונעם רבי'ן וועלכער האט בגודל קדושתו אים אויפגעלויכטן די אויגן, ער זאל קענען ווייטער נהנה זיין פונעם מאור התורה.

• • •

**הרה"ג ר' עזרי' זושא פאללמאן ז"ל האט דערציילט**, אז ער האט מיטגעהאלטן אן אינטערעסאנטע געשעעניש וואס האט זיך אפגעשפילט מיט זיין טאטן ע"ה ביים רבי'ן זי"ע, עס איז געווען א תקופה וואס מיין פאטער האט זיך זייער נישט גוט געשפירט, ער האט אנגעהויבן צו שפייען בלוט ל"ע, און מ'האט חושש געווען אויף דאס ערגסטע רח"ל, אונזער מחותן הר"ר יוסף שעכטער, וועלכער איז געווען דער אפיציעלער מוהל אין די "**בית ישראל**" שפיטאל, און האט געהאט שטארקע פארבינדונגען מיט די ארטיגע דאקטוירים, האט געראטן פאר מיין טאטן, **אז ער זאל זיך גיין באהאנדלען אין יענעם שפיטאל, און ער וועט אים דארט צושטעלן די בעסטע דאקטוירים**.

איידער מיין טאטע איז אריין אין שפיטאל, בין איך אריינגעגאנגען מיט מיין טאטן צום רבי'ן זיך מזכיר זיין, ווען דער רבי האט געהערט אז מיין טאטע פלאנט צו גיין אין "**בית ישראל**" שפיטאל, האט ער פרובירט אונז אפצורעדן דערפון, ווייל דעמאלט האט דער רבי זייער נישט געהאלטן פון יענעם שפיטאל, נאכדעם וואס די רעבעצין ע"ה איז געווען אין דארטיגן שפיטאל צוליב א געוויסן מיחוש, און מ'איז נישט ארויס צופרידן פון זייער באהאנדלונג, דער רבי האט אונז געראטן אז מ'זאל ליבערשט פארן צו דער "**מאיא קליניק" שפיטאל** וואס געפינט זיך אין **ראטשעסטער, מינעסאטא**.

אבער היות אין יענע צייטן איז מען נאכנישט געפארן מיט קיין פליגערס ביז אהין, נאר מ'האט געדארפט פארן מיט דער באן א וועג פון זעקס און דרייסיג שעה ביז יענעם שפיטאל, האבן מיר געזאגט פאר'ן רבי'ן אז מיר וואלטן יא בעסער געוואלט גיין אין א לאקאלן שפיטאל, איבערהויפט אז מיר האבן דארט איינעם מיט פארבינדונגען מיט די דאקטוירים, און בדוחק גדול האט דער רבי מסכים געווען דערצו, און ער האט אונז געגעבן ברכת קדשו.

אנקומענדיג אין "בית ישראל" שפיטאל האט מען פעסטגעשטעלט אז מיין טאטע ליידט אויף א ביטערע מחלה רח"ל, מ'האט אים דארט געמאכט א שווערע באהאנדלונג, און פאר פסח-צייט איז מיין טאטע אהיימגעקומען פון שפיטאל, צווישן פסח און שבועות האט זיך דער מצב היבש פארערגערט, איין שבת האט מיין טאטע ווידער אנגעהויבן צו שפייען בלוט ל"ע, און ער האט געפילט אז דער מצב איז אומדערטרעגליך, מוצאי שבת, האט מיר מיין טאטע געזאגט, קום, לאמיר אריינגיין צום רבי'ן זיך מזכיר זיין, מיר זענען אריבערגעגאנגען צום רבי'ן שוין גאנץ שפעט.

ווען דער רבי האט באמערקט מיין טאטן, האט ער אים העפליך ענטפאנגען, "**א גוטע וואך, ר' משה אורי! וואס מאכט איר עפעס**" דער רבי האט זיך אויסגעטון די רעזשוואולקע, און האט געבעטן פונעם הויז- בחור ער זאל אים ברענגען די שליסלעך (היות שבת האט דער רבי נישט געטראגן מיט זיך די

שליסלער), און אויך האט דער רבי דאן געבעטן מ'זאל אים ברענגען דעם ספר "תנא דבי אליהו" מיט'ן פירוש "זיקוקין דנורא", וואס דער רבי פלעגט לערנען דערין יעדן מוצ"ש.

דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו שמועסן מיט מיין טאטן איבער זיין מצב, און דער רבי האט ווידעראמאל געזאגט מיט אנטשלאסנקייט: "**איך האב דאך געזאגט אז מ'זאל גיין אין 'מאיא קליניק' שפיטאל, עס איז א שאד יעדן טאג, פאלגט מיך, און פארט שוין אריבער צו דער מאיא קליניק**", דער רבי האט מיר געראטן אז מיין טאטע זאל מיטפארן צוזאמען מיט נאך איינעם, וויבאלד "**אין חבוש מתיר את עצמו מבית האסורים**", און די רבי האט דאן מזכיר געווען די מעשה פון די גמרא, ווי **רבי חנינא איז געגאנגען מבקר חולה זיין רבי יוחנן, און די גמרא זאגט, אז רבי חנינא האט געזאגט פאר רבי יוחנן: "הב לי ידך", גיב מיר דיין האנט, "יהב ליה ידיה ואוקמיה", האט רבי יוחנן אים געגעבן די האנט און ער האט אים אויפגעשטעלט און אויסגעהיילט פון זיין קרענק.**

ווען דער רבי האט דערמאנט אט-דעם מאמר חז"ל, האב איך זיך אנגענומען מיט קוראזש און געזאגט פאר'ן רבי'ן, "**נו, פון דער גמרא זעהן מיר דאך אז עס פעלט נישט אויס מער ווי געבן די הענט, קען דאך דער רבי געבן די הענט פאר מיין טאטן "יהיב ליה ידיה ואוקמיה"**, ווי-נאר דער רבי האט געהערט מיינע ווערטער, איז ער פון איין מינוט אויף דער צווייטער געווארן זייער ערנסט, דער רבי האט גארנישט רעאגירט, נאר ער האט זיך באלד אנגעטאן דעם שטריימל אויפ'ן קאפ און האט זיך צוגעקנעפלט די בעקיטשע, און דאן האט ער געגעבן די האנט פאר מיין טאטן, און אים אנגעוואונטשן, "**פאר געזונטערהייט און קום צוריק געזונטערהייט**", און מיט דער פולסטער האפענונג אז דער רבי האט אויסגע'פועל'ט א פולקאמע ישועה פאר מיין טאטן, זענען מיר אהיים געגאנגען.

אויפצומארגנס האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן ווייטן וועג אין ריכטונג פון דעם "מאיא קליניק" שפיטאל, און זייענדיג אין יענעם שפיטאל האבן מיר די גאנצע צייט געשטוינט, ווי שטארק מיר האבן זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פונעם רבי'נס רעקאמענדאציע, דער חילוק פון די באהאנדלונגען וואס מיין טאטע האט באקומען אין די צוויי שפיטעלער איז געווען א קאנטראסט ווי פון הימל ביז ערד, דארט אין "מאיא קליניק" האט ער באקומען אן אויסגעצייכנטע באהאנדלונג פון גאר-גוטע, ערפארענע פראפעסארן.

און ביז א קורצער צייט איז ער ב"ה גענצליך אויסגעהיילט געווארן, און האט דערנאך זוכה געווען צו לעבן נאך איין און צוואנציג יאר! ווען מיין טאטע איז אהיימגעקומען פון שפיטאל, איז ער באלד צופרי אריבערגעגאנגען צום רבי'ן אפגעבן א הארציגן יישר כח. יענעם טאג, ביי מנחה-מעריב, ווען דער רבי האט מיך באמערקט איז ער צוגעקומען צו מיר און זיך אנגערופן, "**נו, האב איך עובר געווען אויף 'יעצנו רע', אז איך האב אהינגעשיקט דיין טאטן**".

• • •

**הרה"ח ר' משה הענדלער ע"ה האט דערציילט א מעשה** וואס ער אליין האט בייגעוואוינט, עס איז געווען איינע פון די ערשטע יארן פורים, בשעת די סעודת משתה היין, האט הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה, וועלכער איז געווען אביסל אנגעטרונקען זיך אנגערופן צום רבין בזה"ל, "**היינט איז דאך פורים, ונהפוך הוא, יעצט בין איך סאטמארער רב**", דער רבי זי"ע זייענדיג שטארק מבושם ביין האט זיך ארויסגעכאפט בלשון קדשו בזה"ל, "**אויב די וועסט אפרעכטן פערציג יאר אזעלכע נעכט ווי איך, דעמאלט וועסטו זיין סאטמארער רב**", און דאן האט די רבי זי"ע צוגעגעבן מיט אן אש קודש בזה"ל, "**מיום עמדי על דעתי, האב איך נישט פארגעסן אויף א רגע אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט**".

• • •

**הונדערטער תלמידים פונעם רבין זי"ע האבן דערציילט מעשיות** ווי מען האט געזעהן תפיסת המחשבה ממש ביים רבין זי"ע, הרה"ח ר' שלמה בראווער ע"ה האט דערציילט, אז אין די בראשית יארן ווען די רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע, ווען דער הייליגער צעהלימער רב הגה"ק רבי לוי יצחק גרינוואלד זי"ע איז געקומען צום רבין'ס ביהמ"ד פאר שלש סעודות, איז דאן געווען דארט א חתן אינמיטן די שבע ברכות.

אינמיטן שלש סעודות האט דער ר' שלמה געטראכט ביי זיך, **אז עס וואלט געווען א גלייכע זאך אז דער רבי זאל מכבד זיין דעם צעהלימער רב מיט שבע ברכות**, ווייל דער צעהלימער רב איז שוין געווען אפאר יאר בעפאר דעם רבין אין אמעריקע און האט מיט א מסירת נפש ממש באוויזן אסאך אויפצוטון פאר אידישקייט, און וויבאלד ער איז יעצט געקומען צום רבין'ס טיש, וואלט געפאסט אז די רבי זאל אים מכבד זיין מיט די שבע ברכות, ווי פארשטענדליך האט ר' שלמה גארנישט געזאגט פארן רבין.

אבער ווען עס איז געקומען צו שבע ברכות, **האט די רבי מכבד געווען דעם צעהלימער רב מיט די ברכות**, און ווען די רבי האט זיך אויפגעשטעלט צו גיין

דאווענען מעריב, האט ער געזאגט פאר ר' שלמה בזה"ל, "**נו, שלמה, איר זענט צעפרידן אז איך האב מכבד געווען דעם צעהלימער רב מיט שבע ברכות**", דער ר' שלמה איז געבליבן געשטוינט אז די רבי האט מרגיש געווען זיינע מחשבות.

• • •

**א איד פון די ליטווישע סעקטע האט דערציילט**, אז אין די תש"מ יארן האט ער זיך גענויטיגט און א ישועה אין א גאר שווערן פעקל, ער האט זיך נישט געוויסט ווי אהין צו טון פאר גרויס צער, איז ער אריין צו איינע פון די ליטווישע גדולים, און האט געפרעגט דעם גדול, אויב ער זאל זיך אפשר ארויסלאזן קיין אירופה צו מקומות הקדושים צו איינרייסן פאר א ישועה, האט אים דער ליטווישע גדול געזאגט, איך פארשטיי נישט פארוואס דער עולם לויפט אזוי און מאכט דורך אזאנע שווערע וועגן צו מקומות הקדושים אין אירופה.

דא נישט ווייט אין אמעריקע אין **קרית יואל**, ליגט **א איש קדוש מאוד א מלאך אלוקים רבי יואל טייטלבוים מסאטמאר זי"ע**, וואס האט בחייו און אפילו לאחר הסתלקותו גע'פועל'ט ישועות למעלה מדרך הטבע, האב שכל און כאפ דיך אריבער קיין קרית יואל און די וועסט אי"ה בקרוב האבן א ישועה, דער איד האט זיך טאקע אריבער געכאפט צום ציון קדשו פונעם רבין אין קרית יואל, און פארשטייט זיך אז ער איז בקרוב ממש געהאלפן געווארן מיט א ישועה חוץ לדרך הטבע ממש.

• • •

**הרה"ח ר' יוסף פרענקל ע"ה האט דערציילט**, אז די רבי זי"ע איז אמאל געווען ביי זיי אין שטאט דעברעצין אויף א שטיק צייט, אסאך אידן זענען דאן געקומען מיט קוויטלעך זיך מזכיר זיין ביים רבין, צווישן די וואס זענען געקומען איז געווען א איד ר' ארי' בלויא ע"ה, ווען ער האט דערלאנגט דעם קוויטל פארן רבין און די רבי האט אנגעהויבן ליינען דעם קוויטל, האב איך געהערט ווי די רבי פרעגט אים, "**וואו איז די מאמע פון די קינדער, וואו שטייט איר נאמען**", האט ר' ארי' געזאגט, אז די מאמע איז נפטר געווארן ל"ע, האט די רבי געפרעגט, "**ווי אזוי האט זי געהייסן**", האט ער געזאגט פארן רבין די נאמען, האט די רבי געהייסן אז ער זאל איבער שרייבן דעם קוויטל.

שפעטער איז ער געוואויר געווארן וואס דא האט פאסירט, דער איד ר' ארי' האט געהאט אפאר קינדער מיט זיין זיווג ראשון, און ווען די ערשטע ווייב איז נפטר געווארן, האט ער חתונה געהאט מיט א צווייטע פרוי בזיווג שני, יעצט ביים שרייבן די קוויטל האט ער געשריבן "**וזוגתו**" די נאמען פון זיין צווייטע ווייב, און דערנאך האט ער אויסגערעכנט די נעמען פון אלע קינדער, און די רבי האט מרגיש געווען מיט זיינע הייליגע אויגן, אז די נאמען פון די מאמע איז נאר פאר די שפעטערע קינדער, אבער נישט פון די ערשטע דריי קינדער, **און דערפאר האט די רבי געהייסן איבער שרייבן די קוויטל**.

• • •

**הרה"ח ר' יוסף פרענקל ע"ה האט דערציילט די מעשה**, אין שווייץ האט געוואוינט א איד ר' פנחס ראזענבוים ע"ה, וואס איז געווען א איידעם ביי הרה"ח ר' חיים שטערן ע"ה וואס איז געווען א גאר נאנטער מקורב מיטן רבין זי"ע זייענדיג מיטן רבין אין בערגען-בעלזען לאגער, איין יאר ווען ר' חיים איז אריין ערב ראש השנה זיך געזעגענען ביים רבין, האט אים די רבי געפרעגט בזה"ל, "**דיין איידעם פנחס איז געווארן א מיניסטער**", דער ר' חיים האט בכלל נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט מיט די ווערטער, וויבאלד זיין איידעם האט אים דאך גארנישט דערציילט איבער דעם.

ביי די קומענדיגע געלעגנהייט ווען דער שווער האט גערעדט צו זיין איידעם פנחס, האט ער געזאגט פארן איידעם, "**זאג מיר, דו בוסט געווארן עפעס א מיניסטער**", ווי נאר דער איידעם האט דאס געהערט איז ער אויפגעשפרינגען און געפרעגט, "**ווער האט דאס פארציילט פארן שווער**", האט אים די שווער דערציילט די מעשה מיטן רבין ערב ראש השנה, האט דער איידעם זיך אזוי געוואונדערט און געזאגט פארן שווער, "**ווער האט דאס דערציילט פארן רבין, איך האב דאך דאס פאר קיינעם אין די וועלט נישט דערציילט**".

די מעשה איז געווען, אז דער איידעם האט פראבירט צו באקומען א דיפלאמאטישע פאס וואס דאס קען אים שטארק העלפן און געבן גרויסע מעגליכקייטן מיט זיינע געשעפטן, און איינע פון די וועגן איז געווען, אז ער האט פאראַרבעט צו ווערן אנערקענט אלס דיפלאמאט וואס פארטרעט די ציוניסטישע מדינה אין שווייץ, און עס האט זיך אים טאקע איינגעגעבן און ער האט באקומען דעם טיטל "**מיניסטער**", ער האט דאס אבער קיינעם נישט דערציילט צוליב פארשטענדליכע סיבות, אבער יעצט האט ער געזעהן, אז פונעם רבין קען מען גארנישט באהאלטן.

• • •

**הרה"ח ר' לייביש פרענקל ע"ה האט דערציילט**, אז איינמאל אין די שפעטער יארן ווען די רבי האט זיך אסאך אויפגעהאלטן אין בעל-הארבער, נאך א טאג

וואס הונדערטער אידן זענען זיך געקומען מזכיר זיין ביים רבין, האט די רבי צו גערופן דעם גבאי'ן הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה, און די רבי האט אים אנגעהויבן אויספרעגן ווער עס איז היינט געקומען מיט קוויטלעך, ר' עזריאל האט אויסגערעכנט אפאר נעמען, אבער די רבי האט געהאלטן אין איין זאגן "**ניין, נישט אים מיין איך, רעכן אויס נאך**".

ענדליך ווען ר' עזריאל האט דערמאנט איין נאמען, האט די רבי געהייסן פאר ר' עזריאל, אז ער זאל אנרופן דעם איד און פרעגן **וויפיל געלט ער האט געוואלט געבן מיטן קוויטל**, הערענדיג די פראגע, האט דער איד געזאגט, **אז באמת האט ער געוואלט געבן צוואנציג דאלער פארן רבין מיט די קוויטל, אבער שטייענדיג דארט פארענט פונעם רבין האט ער ארויסגענומען א פופציגער, און עס האט אים נישט געפאסט עס צוריקצולייגן**, און דערפאר האט ער געגעבן דעם פופציגער פאר א פדיון, ווען מען האט דאס איבערגעזאגט פארן רבין, האט די רבי געהייסן מען זאל אים צוריקגעבן דרייסיג דאלער.

• • •

**הרה"ח ר' שלמה גפן ע"ה האט דערציילט**, אז איינמאל האט א איד זיך געלאזט שרייבן א קוויטל ביים גבאי'ן ר' יוסל אשכנזי ע"ה, עס איז דעמאלט געווען א גרויסע געדרענג ביים רבין אין שטוב, ווען דער איד איז אריין צום רבין מיט די קוויטל, האט די רבי געקוקט אויף דעם איד און דערנאך אינעם קוויטל, און אזוי האט די רבי געטון אפאר מאל, דער איד האט זיך זייער דערשראקן נישט וויסענדיג וואס די רבי האט אפשר געזעהן אין זיין קוויטל, ארויסקומענדיג האט ער דערציילט די מעשה פאר ר' יוסל'ן און געבעטן ער זאל אריינגיין צום רבין פרעגן וואס עס גייט פאר.

אבער וויבאלד עס איז געווען אזוי פארנומען, האט ר' יוסל געזאגט פאר דעם איד, לאז מיך דא ענדיגען מיטן שרייבן די קוויטלעך פארן עולם, דערווייל האט דער איד זיך אוועקגעשטעלט דארטן ווארטן, און אזוי ווארטענדיג איז אנגעקומען א אנדערע איד און זאגט פאר ר' יוסל, "**איר האט מיר געגעבן בטעות א פרעמדע קוויטל**", ר' יוסל האט גענומען דעם קוויטל און געזען, אז ער האט פאר יענעם געגעבן די קוויטל פון דעם וואס איז דארט געשטאנען.

ר' יוסל האט געגעבן פאר דעם איד זיין קוויטל און געזאגט א ער זאל נאכאמאל אריין גיין צום רבין מיט די ריכטיגע קוויטל, אריינקומענדיג, פרעגט אים די רבי מיט וואונדער, "**איר זענט דאך שוין דא געווען**", האט דער איד געענטפערט פארן רבין, אז פריער איז ער אריינגעקומען מיט א פרעמדן קוויטל וואס האט זיך פארטוישט מיט זיינס, און יעצט קומט ער אריין מיט זיין ריכטיגען קוויטל, האט די רבי דערציילט פאר דעם איד די מעשה, מיט א קוויטל וואס האט זיך אמאל פארטוישט ביים **הייליגען צאנזער רב** זי"ע, און דאן האט דער הייליגער צאנזער רב בזה"ל, "**גאלגאן, א רבי וואס קען נישט ליינען א ליידיג קוויטל, קען א געשריבן קוויטל אויך נישט ליינען**".

• • •

**הרה"ח ר' יוסף פרענקל ע"ה האט דערציילט**, אז זיינס א קרוב וואס האט געוואוינט אין שווייץ און האט יארן לאנג נישט געהאט קיין קינדער, איז אמאל זייענדיג אין אמעריקע ארויסגעפארן קיין בעל-הארבער צום רבין מיט א קוויטל, אינעם קוויטל האט דער איד בכלל נישט מזכיר געווען וועגן די ישועה אויף וואס ער ווארט שוין אזויפיל יארן, אבער לפלא ווען די רבי האט נאר אריינגעקוקט אינעם קוויטל, האט ער געפרעגט פון דעם איד, "**דו האסט שוין קינדער**".

האט דער איד געזאגט אז ניין ער האט נאכנישט קיין קינדער, האט די רבי געפרעגט פון דעם איד, "**ווען האסטו חתונה געהאט**", האט דער איד געזאגט גענוי ווי לאנג צוריק ער האט חתונה געהאט, פרעגט אים די רבי, "**נו, עס איז דאך שוין זייער לאנג**", זאגט דער איד פארן רבין, אז ער האט טאקע פארגעסן צו מזכיר זיין אינעם קוויטל איבער קינדער, **האט אים די רבי אנגעוואונטשן אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט זש"ק**.

ווען דער איד איז ארויסגעקומען, האט אים דער גבאי ר' עזריאל גליק ע"ה געזאגט, **אז אויב די רבי האט אליין ארויפגעברענגט די הזכרה, איז עס א סימן אז עס איז א שעת הכושר**, איז דער איד צומארגענס צוריק געקומען צוזאמען מיט זיין פרוי, און דאסמאל האט די פרוי פארפירט אז זי גייט נישט ארויס ביז די רבי וועט צוזאגן א ישועה, דער רבי זי"ע האט אבער כדרכו נישט געוואלט צוזאגן און האט גע'טענה'ט, "**וואס ווילט איר פון מיר, איך קען דען צוזאגן**", ר' עזריאל וואס איז דארט געשטאנען האט זייער געבעטן דעם רבין, אז דער איד ווארט דאך שוין אזויפיל יארן פאר קינדער, זאל די רבי אים צוזאגן א ישועה, די רבי האט טאקע שיין אנגעוואונטשן פאר דאס פארפאלק, **און פארשטייט זיך אז צום יאר איז די ברכה מקויים געווארן און זיי זענען געהאלפן געווארן מיט א קינד**.

**יארצייט כ"ז אב**

**הרה"ק רבי שמואל צבי ב"ר אברהם אביש זי"ע,**
**(הורוויץ)**
**בעל תפארת צבי, אדמו"ר מספינקא**
**"הנקרא בלשון חיבה רבי הערשעלע מספינקא"**

ער איז געבוירן אין שטאט מונקאטש, **ט' תמוז בשנת תרפ"א**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי אברהם אביש מקראלי** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי מעליצער בעל קדושת נפתלי** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהודה מעליצער** זי"ע, (חתן הרה"ק **השרף ממאגלניצא** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי יעקב מעליצער הנקרא דער קליינער בל שם** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת הינדא שיינדל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יצחק אייזיק ווייס בעל חקל יצחק מספינקא** זי"ע, (חתן הרה"ק **בעל מלבוש לשבת ויו"ט** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי מנשה מראפשיץ** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי אשר'ל ראפשיצער** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי יוסף מאיר בעל אמרי יוסף מספינקא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל צבי ווייס דומ"ץ מונקאטש** זי"ע, נאך וועם די רבי האט געהייסן.

דער סנדק ביים ברית איז געווען דער זיידע הרה"ק **רבי ישכר בעריש מזידיטשוב** זי"ע, און דער מוהל איז געווען הרה"ק **בעל מנחת אלעזר ממונקאטש** זי"ע, און ביים ברית האט זיך אויך משתתף געווען הרה"ק **מהרי"ד מבעלזא** זי"ע, וואס האט אינמיטן דעם ברית סעודה געהייסן אריין ברענגען דעם קינד און געבענטשט דעם קינד.

ער איז געווען א צדיק וקדוש עליון, אן אש להבה דקדושה, נחבא אל הכלים, הי חסיד הי עניו, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון עולם און א למדן נפלא בתורה, ער איז געווען א געוואלדיגע אוהב ישראל און א רודף שלום, ער האט אויף גענומען יעדן איד מיט א שמייכל און מחזק געווען יעדן איד ובפרט צובראכענע אידן האט דער צדיק מקבל געווען און מחזק געווען, אויך זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע מתיקות און התלהבות דקדושה.

ער האט פון זיין יוגענט גאר אסאך תורה און עבודה מקבל געווען פון זיין הייליגען זיידן **דער הייליגער חקל יצחק** זי"ע, אויך איז ער געווען גאר שטארק באליבט ביים זיידן, וואס האט זיך משתשע געווען מיט זיין אייניקל און גאר שטארק גערימט זיין קדושה און פרישות, און די רבי האט אסאך גערעדט בחייו פונעם זיידן און זיינע הייליגע מנהגים, און זיך געפירט מיט די אלע הייליגע הנהגות וואס ער האט מקבל געווען פונעם הייליגען זיידן.

נאך פין זיינע יונגע יארן האט מען שוין באוואונדערט זיין מדות טובות, און זיין געוואלדיגע התמדת התורה און יראת שמים, אויך איז ער געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע צוגעלאזענע מענטש וואס האט יעדן מענטש מקבל געווען מיט א שמייכל, אידן וואס האבן מיט אים געלערנט האבן מעיד געווען, אז ער האט קיינמאל נישט פארברענגט קיין צייט, נאר געזעצן און געלערנט פלייסיג גמרא תוספות מיט א זיסן קול.

גרויסע צדיקים וגדולים בדורו האבן מעיד געווען אפילו אין די יונגע יארן איבער זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה, און האבן שטארק באוואונדערט ווי אזוי ער האט זיך געפירט מיט א גאר גרויסע הייליגקייט און מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם.

ווען דער צדיק איז געווען נאך 5 יאר אלט, איז ער איינמאל געווען ביי זיין גרויסן זיידן הרה"ק **רבי נפתלי ממעליץ** זי"ע, האט דער זיידע געזאגט פאר די אנדערע אייניקלער, **אז זיי זאלן זיך פירן מיטן אייניקל רבי הערשעלע מיט גרויס כבוד, ווייל ער וועט נאך זיין א גרויסע רבי**, אויך זיין זיידע דער הייליגער **חקל יצחק** זי"ע האט אמאל געזאגט פארן אייניקל רבי הערשעלע, **אז ער זאל זיך גוט צוקוקען ווי אזוי ער נעמט קוויטלעך, ווייל ער וועט דאס ברויכן שפעטער יארן**.

איינמאל ווען דער צדיק רבי הערשעלע זי"ע איז געווען מיט זיין הייליגען טאטן הרה"ק רבי אברהם אביש מקראלי זי"ע אויף א שבת אין א שטאט, און אסאך חסידים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פונעם טאטן און האבן אים שטארק מכבד געווען, ווען מען האט דעם טאטן באגלייט אויפן וועג ארויס פון שטאט, האט זיך דער טאטע אויסגעדרייט צום זוהן רבי הערשעלע און געזאגט בזה"ל, "**דאס אלעס מיינט דיך**".

נאך די בר מצוה האט ער געענדיגט **דריי מאל גאנץ שולחן ערוך** כדי צו וויסן יעדע הלכה ווי אזוי א איד ברויך זיך פירן לויט די הלכה, און דער רבי פלעגט כסדר זאגן, מען דארף טון און טון ביז עס טוט זיך אליינס, און בעפאר יעדן יו"ט האט ער דורך געלערנט די הלכות פון יענעם יו"ט, כדי צו מאכן זיכער אז ער ווייסט יעדע הלכה פונעם יו"ט.

אויך האט דער רבי אריינגעלייגט א גרויסע עבודה אין לערנען חסידישע ספרים און מוסר ספרים, דעם **ספר של"ה הקדוש**, **ראשית חכמה**, **אלשיך**, **תולדות יעקב יוסף**, און נאך חסידישע ספרים, פאר מוסר האט דער רבי גאר אסאך געלערנט דעם **ספר חובת הלבבות**, וואס די רבי האט אין דעם הייליגען ספר פאר געלערנט א שיעור, אויך דעם הייליגען **ספר נועם אלימלך** האט די רבי געקענט בעל פה, ער איז געווען דבוק און מקושר אין **די תורת הבעש"ט הקדוש** זי"ע.

די רבי האט זיך כסדר אויסגעדריקט, **אז א סגולה פאר אריכת ימים און צו הצלחה בתורה ויראת שמים, זאל מען לערנען א מוסר ספר אדער א חסידישע ספר "פון דעקל צו דעקל", און דאס דארף נישט זיין דוקא אויפן סדר הפרשות, און ווען מען ענדיגט זאל מען אנהייבן א צווייטן ספר**.

הרה"ח ר' ארון פרייליך ז"ל האט דערציילט, לגבי די געוואלדיגע התמדה פונעם רבין, אז ער האט אמאל געהערט פון הרה"צ מאולם זי"ע, אז איינמאל שבעה עשר בתמוז האט דער אלומער רב געלערנט בחברותא מיטן רבין זי"ע, און די זיידע דער חקל יצחק זי"ע איז דורך, און געזען די התמדה מיט וואס די צוויי זענען עוסק בתורה, האט דער זיידע געהאט א געוואלדיגע קורת רוח דערפון און באוואונדערט דעם גדלות בתורה פון זיין אייניקל די רבי זי"ע.

די רבי האט אמאל דערציילט, אז צום זיידן דער חקל יצחק זי"ע איז אמאל געקומען א דעלעגאציע און געוואלט רעדן איבער אן ענין וואס דער זיידע האט זיך בשום אופן נישט געוואלט מישן, אבער ער האט זיי נישט געוואלט פשוט פארשיקן.

האט דער זיידע זיי געלאזט רעדן, און מען האט געזען אז דער זיידע הערט גארנישט, נאר נאך א שטיק צייט האט דער זיידע דער הייליגער חקל יצחק זי"ע זיך אנגערופן צו זיי, "**אוי, איך האב שוין אזוי לאנג נישט געלערנט**", זיי האבן גלייך פארשטאנען דעם רמז און זיך געגאנגען.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת אסתר רחל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי בעריש וויינבערגער מווישוואו** זי"ע.

ליידער ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט די רבי מיט געמאכט דעם זעלבן גורל פון גאנץ כלל ישראל, ער איז ליידער געפירט געווארן צו די ארבעטס לאגערן און געארבעט עבודת הפרך, און ליידער האט די רבי פארלוירען זיין טאטע און מאמע און די גאנצע משפחה ווען זיי זענען אלע אומגעקומען על קידוש השם, ובראשם **די הייליגע זיידע דער חקל יצחק** זי"ע הי"ד.

אבער די רבי האט זיך מחזק געווען מיט זיין אמונה, און זיך געהאלטן שטארק די גאנצע צייט ביי די מלחמה, ער האט נאך אפילו מחזק געווען אנדערע אידן אויך, און די גאנצע צייט געזאגט פאר די וואס זענען געווען צוזאמען מיט אים אין די לאגער, אז דער גרויסער באשעפער וואס פירט די וועלט קען באווייזען ניסים און אונז אויסלייזן פון דעם גלות.

אויך האבן די אידן וואס זענען געווען מיטן רבין אין לאגער דערציילט, אז די רבי האט בשעת די שווערע צייטן מיט א מסירת נפש ממש ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש מיט א געוואלדיגע קדושה און פרישות, און אויך מיט זיין מידות החסד אפילו זייענדיג אונטער די הענט פון די דייטשע רשעים ימ"ש.

מיט ניסים און נפלאות איז דער צדיק געראטעוועט געווארן פון די הענט פון די נאציס ימ"ש, און דער באשעפער מיט זיין גרויסע רחמנות

האט איבער געלאזט פאר אונז דער צדיק, אז ער זאל נאך קענען פאר יארן באשיינען די וועלט מיט זיין קדושה און גדלות אין עבודת השם.

די רבי האט כמה פעמים געזאגט, אז די גאנצע צייט זייענדיג אונטער די נעגל פון די דייטשן ימ"ש, האט ער געהאט די הרגשה אז דער גרויסער באשעפער שטייט און היט אויף אים, און ער האט געגומען חיזוק די גאנצע צייט פון דעם וואס רש"י זאגט, **תָּמִים תִּהְיֶה עִם ד' אֱלֹקֶיךָ, התהלך עמו בתמימות ותצפה לו ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות ואז תהיה עמו ולחלקו**, און די רבי האט געזאגט, אז די רש"י האט די מלמד אויס געלערנט פאר די קינדער צו געדענקען בעל פה, און דאס איז וואס האט אים מחזק געווען בשעת די צרות אין לאגער, און דאס איז וואס האט אים מחזק געווען נאך די מלחמה ווען מען איז באפרייט געווארן, אז ער זאל ווייטער עוסק זיין בתורה ועבודת השם.

גלייך נאך די מלחמה האט די רבי נישט געוויסט וואס עס האט פאסירט מיטן טאטן מאמע און די זיידע דער חקל יצחק זי"ע, איז ער ארום זיך נאכפרעגן אויב איינער ווייסט וואס איז געווארן מיט זיין משפחה, אמאל זענען אנגעקומען עטליכע מיידלעך וואס האבן נעבעך מיט געמאכט די שווערע מלחמה און ליידער ווי אסאך אידן נאכגעלאזט מיט אידישקייט, און די רבי איז צו געגאנגען פרעגן אויב זיי ווייסן וועגן זיין משפחה, **אבער די רבי האט דאס געטון אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די מיידלעך כדי נישט נכשל ווערן מיט א ראי' אסירה**.

ווען די מיידלעך האבן דאס געזען, זענען זיי זייער באיינדרוקט געווארן און געזאגט, **אויב אין אזא שווערע צייט איז נאך דא ערליכע בחורים וואס היטן זיך די אויגן, איז א סימן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, און די מיידלעך האבן זיך מחזק געווען, און צום סוף אויף געשטעלט ערליכע אידישע שטיבער**.

ווען די רבי האט באקומען די ביטערע בשורה אז ליידער זיינע עלטערן און משפחה און אויך דער הייליגער זיידע דער חקל יצחק זי"ע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, האט ער זיך אנגערופן צו זיין חברותא, **לאמיר זיך זעצען לערנען, ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג פון זיך מחזק זיין אין די שווערע מאמענטן**.

נאך די מלחמה איז ער אריבער קיין **אמעריקע**, און אנפאנג האט ער געוואוינט אין **איסט סייד מאנהעטן**, אבער שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגען קיין **וויליאמסבורג**, און ער האט דארט אויף געשטעלט זיין ביהמ"ד אויף קיעפ סטריט, ווי ער האט פארשפרייט דעם אייבערשטענס נאמען פאר הונדערטער אידישע קינדער וואס זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודה הקודש.

דער צדיק איז געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע צוגעלאזענע מענטש, ער פלעגט גריסן פאר יעדן איינעם גייענדיג אויפן גאס, אבער ער האט נישט ארויס געקוקט פון זיינע ד' אמות.

זיין עבודת הקודש איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות און מיט א מוראדיגע מתיקות, דאס דאווענען איז געווען מיט א מתינות און צו געגאנגען מיט בכיות נוראות, ער האט דורך זיין עבודת הקודש מעורר געווען אידישע קינדער צו דינען דעם באשעפער מיט א אהבה און ערליכקייט.

ווער רעדט נאך פון זיינע הייליגע תפילות ימים נוראים, ווען מען האט געזען דעם צדיק דאווענען האט מען געקענט זען וואס מיינט א קינד וואס בעט זיך צו זיין טאטן, מען האט ביים רבין געזען פון סליחות ביז נאך די ימים נוראים א געוואלדיגע פחד פונעם יום הדין.

ביי די הקפות האבן אידן מעיד געווען, אז דער צדיק האט זיך באמת געפרייט מיט די הייליגע תורה, ער האט פאר שעות ערוכות געטאנצט און אריינגעברענגט א שמחה אויף אין אלע אידן וואס זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש שמחת תורה.

ער האט געהאט א געוואלדיגע קשר און נאנטשאפט **צום הייליגען סאטמאר רבי** זי"ע, און ווי דער סאטמאר רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן רבין בזה"ל, "**ער איז א קלוגער ירא שמים, ער איז א אמת'ער ערליכער איד**".

הרה"ק רבי יעקב יוסף טווערסקי מסקווירא זי"ע האט זייער מעריץ געווען דעם רבין און גאר אסאך שבחים געזאגט אויפן רבין, און ווען איינער האט אמאל געפרעגט דעם סקווירא רבי, פארוואס דער ספינקא רבי האט אזא חן, האט דער סקווירא רבי געזאגט, "**אז מ'איז א אפגעהיטענער איד, האט מען חן**".

און ווי באוויסט האט דער צדיק געהאט א געוואלדיגע חן און א הייליגע צורה, יעדער וואס איז געקומען אין בארירונג מיטן רבין איז גלייך געווארן בשמחה, ער האט יעדן אויף גענומען מיט א פריינטליכקייט, אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים רבין, האבן אלע באמת געשפירט אז דער צדיק איז זיך משתתף סיי אין זייער צרה ח"ו, אדער ווען א איד איז געקומען בעת שמחתו האט מען געזען ווי די רבי איז באמת פריילעך פאר יענעמס שמחה.

ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות דורך א ברכה פון דעם רבין, אויך איז די רבי געווען גאר שטארק באוויסט אז אידן האבן ביי אים גע'פועל'ט גרויסע זאכן ביי שידוכים, **און די רבי האט מקפיד געווען נישט קיין חילוק וואסערע צייט אין טאג אדער נאכט, אויב א איד קומט מזכיר זיין לגבי שידוכים, זאל מען אים אפילו אויפוועקן אינמיטן די נאכט**.

מען דערציילט, אז איין יאר ערב יום הקדוש נאכמיטאג, דער צדיק האט זיך אביסל צו געלייגט זיך צו גרייטן לכבוד יו"ט, און 15 מינוט נאכן זיך לייגן איז א איד געקומען מזכיר זיין, און ווען די רעבעצין האט געהערט אז עס רעדט זיך פון א שידוך, האט זי אויפגעוועקט דעם רבין, און די רבי איז ארויס געקומען און אויס געהערט דעם איד, און אנגעוואונטשן א ווארעמע ברכה, און די שידוך איז טאקע געווארן, און די רבי זי"ע האט זיך אויס גערדיקט בזה"ל, "**אויב בין איך אראפגעקומען אויף די וועלט נאר פאר דעם איינעם שידוך, איז מיר שוין ווערט געווען אראפ צו קומען אויף די וועלט**".

מען דערציילט, אז ווען די רבי האט אפגעקויפט דעם בילדינג אויף קיעפ סטריט פארן ביהמ"ד, און וויבאלד דער צדיק האט דאך נישט ארויסגעקוקט פון זיינע ד' אמות, האט ער מסכים געווען צום בילדינג, און מען האט דארט געבויעט זיין ביהמ"ד.

ווען מען האט באנייט דעם ביהמ"ד און עס איז געקומען די צייט צו מאכן קידוש לבנה, און די רבי זי"ע האט ארויף געקוקט צו די לבנה, איז פארן צדיק שלעכט געווארן צו זעהן, **אז ממש נעבן דעם ביהמ"ד שטייט א בית עבודה זרה מיט א שתי וערב דערויף**, די רבי האט זיך גאר שטארק מצער געווען פון דעם, לפלא נישט לאנג נאכדעם **איז דער שתי וערב אראפ געפאלן**, און מען האט דאס מער נישט געקענט צוריק לייגען, און נישט אסאך נאכדעם איז דער בנין ליידיג געווארן און עס איז ארויס פון באניץ.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים, **ספר טבא דשמואל**, **ספר תולדות צבי**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בנו **אדמו"ר שמואל צבי מספינקא רבי ישכר דב בעריש** ז"ל, חתן הגה"צ **רבי אלעזר מייזליש מאוהעל** ז"ל,
בנו **אדמו"ר בית יצחק מספינקא רבי מאיר אברהם אביש** שליט"א, חתן הגה"ח **רבי אהרן מרדכי רוטנער** שליט"א,
בנו **אדמו"ר תולדות צבי מספינקא רבי אלעזר יצחק אייזיק** שליט"א, חתן הרה"ק **רבי יחזקאל'ע מערץ** זי"ע,
בנו **אדמו"ר טבא דשמואל מספינקא רבי נתן נטע** שליט"א, חתן הרה"ג **רבי יחיאל מיכל ראטענבערג מקאסאן** ז"ל,
בנו **אדמו"ר מקראלי רבי נפתלי** שליט"א, חתן הרה"ג **רבי חיים מאיר ראזענבוים** ז"ל,

חתנו **אדמו"ר מראדוויל רבי אברהם מעכלאוויטש** ז"ל
חתנו **אדמו"ר מוויזניץ רבי פנחס שלום האגער** ז"ל,
חתנו **אדמו"ר מלאיווע רבי חיים יצחק טווערסקי** שליט"א,
חתנו **אדמו"ר דקהל תפארת משה רבי יחיאל וואגשאהל** שליט"א,
חתנו **אדמו"ר מדאמבראווא רבי בן ציון יהושע אשר אונגאר** שליט"א,

חתנו **אדמו"ר קראלי מאנסי רבי שלמה לויפער** שליט"א,
חתנו **ראה"כ ספינקא רבי דוד שלמה שטיין** שליט"א, בן **רבי מרדכי שטיין אב"ד פאלטישאן** שליט"א.

**ליל שבת קודש פרשת ראה שבת מברכים חודש אלול בשנת תשנ"ז**, בשעת דער צדיק האט געזאגט דברי תורה ביים טיש און געווען אין א גרויסע דביקות, און ארום גערעדט **פון זיך מדבק זיין אין די צדיקים הקדושים תלמידי בעש"ט**, האט דער צדיק ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף די אויגן, און דאן איז דער צדיק אוועק געפאלן און צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה.

נסתלק לגנזי מרומים כ"ז אב בשנת תשנ"ז, זונטאג איז פאר געקומען די לוי' ווי א גרויסער עולם זענען געקומען באגלייטן למנוחת עולם דעם צדיק וואס האט אזויפיל אידן אינזין געהאט און געהאלפן, רבנים און גדולים האבן דעם צדיק מספיד געווען און באוויינט די גרויסע אבידה פון כלל ישראל, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח אין ניו דז'רסי אין חלקת ספינקא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**א איד האט יארן נישט געהאט קיין קינדער**, האט ער זיך מזכיר געווען ביים הייליגען ספינקא רבין זי"ע, און ער האט געזאגט, אז די דאקטוירים זאגן אז ער האט נישט קיין עקסטערע פראבלעמען, און זיי ווייסן נישט פארוואס ער האט נישט אזוי לאנג קיין קינדער, האט אים די רבי געזאגט, **אז ער זעט טאקע נישט קיין פראבלעם, און יעצט וועט ער שוין געהאלפן ווערן**, כך הוה ער האט ביז א יאר געהאט א קינד.

• • •

**איין יאר ביי א מלוה מלכה בעפאר דעם יארצייט פונעם הייליגען ספינקא רבי זי"ע**, האט א איד דערציילט א מעשה וואס איז מיט אים געווען ביים צדיק רבי הערשעלע ספינקא זי"ע, דער איד איז געווען דער עלסטער פון א שטוב מיט קינדער, וועלכע זענען געבליבן יתומים פון זייער טאטן יונגערהייט, ער איז געווען חתונה געהאט, אבער נאך אים איז געווען דריי ברודער עלטערע בחורים וואס האבן געווארט אויף שידוכים.

איין מאל קומענדיג קיין וויליאמסבורג, איז ער קודם אריין צו זיין מאמע, זי האט אים געפרעגט צו וואס ער איז געקומען, האט ער איר געזאגט, אז ער איז געקומען אריינצוגיין מיט א קוויטל ביים צדיק רבי הערשעלע ספינקער זי"ע, האט זי אים געזאגט, אז דו גייסט אריין, שרייב פאר מיין וועגן אויך א קוויטל, און זאג פאר'ן רבין, אז איך האלט עס שוין נישט אויס מער, דריי גרויסע בחורים אין די רייע.

דער זון נאכן ענדיגען מיט זיין קוויטל זאגט ער פאר'ן רבי'ן, אז ער איז א שליח פון זיין מאמע, און ער גיבט איבער דאס קוויטל און ער זאגט איבער אירע ווערטער, אז זי שפירט אז זי האלט עס שוין מער נישט אויס, דער רבי דער צדיק רבי הערשעלע זי"ע הערענדיג די דיבורים איז געווארן צופלאמט, און נאך עטליכע מינוט האט ער געקלאפט בידיו הקדושים אויף דעם טיש זאגענדיג דערביי **"הגלה נא, הגלה נא"**, און אן געוויינטשן אז מען זאל הערן שמחות בקרוב.

**ביז צוויי וואכן איז דער ערשטער אין די רייע א חתן געווארן, און אין יענעם יאר האבן אלע דריי חתונה געהאט.**

געציילטע וואכן נאך יענעם מלוה מלכה פארציילט דער איד, רופט מיר אן א איד א שטיקל באבוב'ער חסיד, און לאדענט מיר איין אויף די תנאים פון זיין טאכטער, איך האב מיר געוואונדערט און איך האב אים געפרעגט, אמת אז מיר באטייליגן זיך ביי מלוה מלכה יעדע וואך, אבער איין צו לאדענען צו א תנאים, דאס איז שוין גאר אינטערסאנט, האט ער מיר געזאגט, **קום צו די שמחה און איך וועל דיר פארציילן וואס פאר א שייכות דו האסט מיט די שמחה.**

ביי די שמחה האט ער געזאגט, אז נאך יענע מלוה מלכה האט ער געהאט יארצייט נאך איינע פון זיינע עלטערן וועלכער ליגט אין די באבוב'ער חלקה, זייענדיג דארט האט ער זיך דערמאנט אין די עובדא וואס ער האט געהערט ביים מלוה מלכה,

און זיך אנטשולדיגט פאר זיין פאמיליע, און זיך אריבער געכאפט צו דעם ציון המצויינת פון רבי הערשעלע מספינקא זי"ע.

זייענדיג ביים ציון הקדוש פון רבי הערשעלע ספינקער זי"ע, האט זיך דער איד אויסגערעדט פארן צדיק, אז ער האט צוויי עלטערע קינדער א זוהן מיט א טאכטער אין די רייע, און דערביי האט ער איבער גע'חזר'ט די עובדא וואס אונזער מספר האט פארציילט ביי די מלוה מלכה, און געבעטן אז דער רבי זאל פאר אים אויך ממשיך זיין דעם "**הגלה נא**", און לפלא תיכף דערנאך האט ער א שידוך געטוהן מיט זיין עלטערן זוהן דער בחור, און צוויי וואכן שפעטער מיט זיין טאכטער, **און אט צו איר תנאים האט מען אים געלאדענט**.

• • •

**איינע פון די משמשים נאמנים פונעם צדיק וקדוש רבי הערשעלע ספינקער זי"ע האט דערציילט**, אז די רבי האט געהאט א מנהג, אז ווען ער איז געגאנגען צו א שמחה פון א משפחה, אדער פון איינע פון זיינע תלמידים, **האט דער צדיק נישט מיט גענומען קיין ספר כדי אריין צו קוקען אינעם ספר**, און ער האט געזאגט די סיבה דערצו.

אז וויבאלד ער גייט דאך צו די שמחה פון דעם איד, וויל ער זיך באמת מיט פרייען מיט יענעם איד, און אויב וועט ער נעמען מיט זיך א ספר, וועט ער דאך ווערן אינגאנצן פארטיפט אינעם ספר, וועט ער דאך פארגעסן פון די שמחה, און דערפאר נעמט ער גארנישט מיט, כדי זיך אינגאנצן מיט פרייען מיט יענעם איד'ס שמחה.

נאר וואס דען, אויב טרעפט ער צייט ביים שמחה, און ער וויל דאך נישט זיצן און בטל'ן די צייט, וועט ער טרעפן א איד צווישן עולם א ירא שמים, און ער וועט זיך אומקוקען אויף דעם איד, אויב עס איז דא עפעס וואס ער קען זיך פון יענעם איד אפ לערנען, כדי נישט צו בטל'ן זיין צייט מיט גארנישט.

• • •

**איז געווען א פרוי א אלמנה וואס איז געווען א מורא'דיגע רבי מענטש** ובפרט פונעם הייליגען ספינקא רבי זי"ע, און זי פלעגט יעדעס יאר פארן זיך אפרוען אויף צוויי חדשים, איין יאר ווען מען האט זיך געגרייט צו פארן, האט איינע פון די איידעמער וועלכע האבן געברויכט מיט פארן, און אפאר טאג בעפאר מען איז געפארן האט ער זיך צובראכן די פיס, און די דאקטורים האבן געזאגט אז ער וועט ברויכן אן אפעראציע, און מען האט אפגעמאכט אז ער וועט גיין מיט שטעקענעס פאר צוויי וואכן ביז ער קומט צוריק פון וואקאציע.

א טאג בעפאר מען איז געפארן אויף וואקאציע, איז די שוויגער אריין צום רבין מיט א קוויטל, און דארט דערמאנט אויך די קינדער און איידעמער, אבער האט בכלל נישט ארויס געשריבן לגבי די איידעמס צובראכענע פיס, נאר פשוט געשריבן זיין נאמען.

זי גייט אריין מיטן קוויטל און די רבי ליינט דורך דעם קוויטל, און נאכן ליינען דעם קוויטל גייט די רבי צוריק צום נאמען פון דעם איידעם, און רופט זיך אן דעם נאמען פון דעם איידעם און לייגט צו **לרפו"ש**, די פרוי האט זיך זייער געוואונדערט דערוועגן, און אויפן פליגער האט די שוויגער דערציילט פארן איידעם די מעשה מיטן רבין, און די שוויגער לייגט צו, **אז ער וועט נישט דארפן אפערירן, ווייל אויב די רבי האט אליינס געוויסט און אנגעוואונטשן וועט זיכער זיין גוט**.

די ערשטע צוויי טאג איז דער יונגערמאן געגאנגען מיט די שטעקענעס און געהאט ווייטאג אויפן פיס, אבער צום דריטן טאג ווען דער יונגערמאן שטייט אויף און גייט ארויס פון שטוב, פרעגט אים די שוויגער **ווי זענען די שטעקענעס**, און דער איידעם כאפט זיך אז ער גייט אויף די פיס אן די שטעקענעס, און לפלא, ווען זיי זענען אהיים געקומען און געגאנגען צום דאקטאר, האט די דאקטאר נישט געקענט גלייבן אז דאס איז די זעלבע מענטש ווי צוויי וואכן צוריק מיט די צובראכענע פיס, אלעס דורך די ברכה פינעם הייליגען ספינקא רבי זי"ע.

• • •

**א מאדערנער אידל איז אמאל אריין געקומען צום הייליגען ספינקא רבי זי"ע** און איז זיך מזכיר, אז ער וויל אריין גיין אין א נייע געשעפט פון מאכן **נעקטייס**, און ער וויל וויסן אויב ער זאל מאכן **קאלירטע**, ווייל אויב יא דארף ער משקיע זיין מער געלט אין די מאשינען, זאגט אים די רבי אז ער זאל צוריק קומען א וואך ארום.

נאך א וואך קומט דער איד צוריק, און די רבי זאגט אים, אז ער האלט אז קאלירטע נעקטייס איז א גוטע עצה און ער זאל משקיע זיין דאס געלט, פרעגט דער איד פונעם רבין, אויב די רבי האט געהאט די תשובה, פארוואס האט די רבי געבעטן איך זאלווארטן א וואך.

זאגט אים דער רבי מיט א פשטות, צו מיר קומען אריין אסאך מאדערנע אידן מיט בקשות, און די לעצטע וואך האב איך באטראכט יעדען וואס איז געקומען מיט א נעקטיי, אויב זיי גייען מיט קאלירטע, און איך האב געזען אז רוב גייען מיט קאלירטע, דאן האב איך געוויסט אז עס איז א גוטע ביזנעס, און דערפאר האב איך דיר געהייסן קומען אין א וואך, פארשטייט זיך אז די ברכה פונעם רבין איז מקויים געווארן, און דער איד האט שיין מצליח געווען אין געשעפט.

• • •

**א איד איז אריין געקומען צום רבין מיט א קוויטל**, און די רבי פרעגט דעם איד, ווי אזוי איז די געזונט, זאגט דער איד **ב"ה די גאנצע משפחה איז געזונט**, פרעגט די רבי, ווי אזוי איז די פרנסה, זאגט דער איד **ב"ה איך האב שיין פרנסה**, פרעגט די רבי ווי אזוי איז די נחת פון די קינדער, זאגט דער איד **ב"ה די קינדער פירן זיך אלע ערליך און גוט.**

פרעגט די רבי פארוואס בוסטו געקומען, זאגט דער איד סתם, **ווייל איך דארף א ברכה פונעם רבין אז אלעס זאל ווייטער קלאפן**, און די רבי געט אים א ווארעמע ברכה, אבער דאן הייבט די רבי אן די גאנצע זאך נאכאמאל, פרנסה, געזונט, נחת, און דער איד ענטפערט נאכאמאל די זעלבע אז אלעס איז ב"ה גוט, דער איד האט דאן געפרעגט דעם רבין וואס דאס מיינט.

זאגט אים דער הייליגער ספינקא רבי זי"ע, איך כעל דיר געבן צו פארשטיין, יעדן טאג קומעןליידער צו מיר אידן מיט הזכרות, איינער מיט געזונט איינער מיט פרנסה און איינער מיט נחת פון די קינדער, און יעדער לייגט נעבעך ארויס ביטערע פעקלעך, און דאס אלעס טרעט מיר צום הארץ פון גרויס אהבת ישראל.

אבער יעצט קומט איינער און ער זאגט אויף יעדע זאך ב"ה אז אלעס איז גוט, **האב איך געוואלט איבער פרעגן נאכאמאל, כדי די זאלסט נאכאמאל דאנקען דעם גרויסן באשעפער אויף זיינע גרויסע חסדים**.

• • •

**אין ספר תפארת צבי ווערט געברענגט**, אז דער צדיק וקדוש רבי הערשעלע ספינקער זי"ע פלעגט זיך מייגע זיין שעה'ן לאנג מיט זיין הכנה לתפילה, איין טאג ביי שחרית, ווען ער איז שוין געווען איינגעהילט אין טלית ותפילין, גרייטענדיג צו אנהויבן דאווענען מיט גרויס דביקות דקדושה, האט איינער פון די גבאים אים איבערגעגעבן א סוד, **אז אן אלמנה שטייט אין דרויסן און וויינט אן שיעור ווייל מען ווארפט איר ארויס פון איר דירה פארן נישט באצאלן רענט פאר א שיינע פאר חדשים.**

דער צדיק רבי הערשעלע האט גלייך אפגעשטעלט דאס דאווענען, ער האט אראפגענומען דעם טלית ותפילין, און געזאגט, **"וויאזוי קען איך שטיין פארן מלך מלכי המלכים און בעטן פותח את ידך, ווען א אלמנה שרייט מתוך דחקות און איך האב איר נאך נישט געהאלפן"**, ער איז ארויסגעגאנגען אליין זאמלען געלט צווישן די חסידים, ביז ער האט געשאפן א שיינעם סכום, און דער צדיק האט איבערגעגעבן דאס געלט פאר די אלמנה מיט א שיינע ברכה, **און ערשט דערנאך איז דער צדיק צוריק געגאנגען אנטאן דעם טלית ותפילין צו אנהויבן דאווענען שחרית.**

• • •

**אין ספר ספרא דחסידותא תפארת צבי ווערט געברענגט**, אז איינמאל פאר ימים נוראים איז אריינגעקומען א פשוט'ער תמימות'דיגע איד, וואס האט נישט געוואוסט וויאזוי צו שרייבן קיין קוויטל מיט געהויבענע לשונות, ער האט בלויז אראפגעשריבן אויף א שטיקל פאפיר זיינע פשוט'ע דאגות אין מאמע לשון, **"רבי, איך דארף פרנסה בריוח, און מיין ווייב זאל זיין געזונט"**, די גבאים האבן זיך איינגעהאלטן פון לאכן פון דעם פשטות פון דעם איד.

אבער ווען דער צדיק רבי הערשעלע האט אנגעהויבן לייענען דעם פשוט'ן קוויטל, זענען זיינע אויגן אנגעפילט געווארן מיט טרערן און ער האט אנגעהויבן וויינען מיט גרויס התעוררות, און געזאגט פאר די ארומיגע, **"דער איד האט געשריבן**

**זיין קוויטל מיט אזא גראדקייט און אמת'דיגע תמימות, אן קיין שום פאנטאזיעס אדער גאוה, אזא תפילה גייט גלייך ארויף ביזן כסא הכבוד אן קיין שום מניעות**", און דער צדיק האט דעם איד געבענטשט מיט אלע ברכות, און יענער איד האט טאקע געזען א גרויסע ישועה אין יענעם יאר.

• • •

**אינעם ספר תפארת צבי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריבער געקומען אן ארימאן וואס האט זיך אפגערעדט פארן צדיק רבי הערשעלע זי"ע, אז ער האט נישט קיין פרנסה און זיין הויז איז ליידיג פון ברויט, און עס איז געווען ערב שבת קודש, און אינעם רבינ'ס שטוב איז אויך נישט געווען צופיל עסן, דער צדיק רבי הערשעלע האט אים געזאגט צו ווארטן א מינוט, ער איז אריין אין קיך, **גענומען א פאר פריש-געבאקענע חלות וואס די רעבעצין האט ערשט ארויסגענומען פונעם אויוון פאר זייער אייגענעם שבת'דיגן טיש**.

דער צדיק האט די חלות אריינגעלייגט אין א זעקל און דאס איבערגעגעבן פארן ארעמאן מיט א שמייכל און געזאגט, "**נעם דאס אהיים צו דיין פאמיליע, די ברכה פונעם באשעפער איז אין די חלות פון שבת קודש, און די וועסט אי"ה האבן גרויס הצלחה**", יענער איד איז אוועקגעגאנגען מיט גרויס שמחה, און שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז גלייך נאך שבת האט דער איד באקומען א גוטע פארשלאג פאר א שטענדיגע פרנסה וואס האט אים ארויסגעצויגן פון די דחקות אויף אלעמאל.

• • •

**אינעם ספר תפארת צבי אין די תולדות ווערט געברענגט**, אז איין טאג איז אריינגעקומען צום הייליגן צדיק רבי הערשעלע אין ביהמ"ד א יונגערמאן מיט א צעבראכן הארץ, און זיך אפגערעדט פארן צדיק, אז ער האט ליידער נישט קיין פרנסה און ער קען נישט באצאלן שכר לימוד פאר זיינע קינדער, און ער ווייסט שוין נישט ווי זיך אהין צו טון פאר בושות, און ער האט נישט אפילו קיין פרנסה צו שפייזן זיין משפחה.

דער צדיק רבי הערשעלע האט דעם איד אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות, ער האט ארויסגענומען א מטבע פון זיין קעשענע, און דאס אהין געגעבן פאר דעם יונגערמאן און געזאגט, "**נעם דאס פאר א שמירה, און וועגן שכר לימוד זארג זיך נישט, דער אייבערשטער וואס פירט און שפייזט די גאנצע וועלט, וועט דיר איה" בקרוב העלפן**", דער יונגערמאן האט גענומען דעם מטבע מיט תמימות, און נאך אין יענעם זעלבן טאג האט ער באקומען א גוטע אנטראג פאר א ארבעט, וואס האט אים געברענגט פרנסה בריוח.

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ספינקא ווערט דערציילט**, אז איינמאל אין זיין בית המדרש אין וויליאמסבורג איז אריינגעקומען א אומבאהאלפענער איד וואס האט אנגעהויבן מאכן אביסל אומרואיגקייט ביים דאווענען, איינער פון די גבאים האט אים געוואלט ארויסבאגלייטן פון בית המדרש כדי מען זאל קענען דאווענען ביישוב הדעת.

ווען דער צדיק רבי הערשעלע האט דאס געזען, איז ער באלד צוגעגאנגען צום גבאי'ן און געזאגט מיט גרויס ליבשאפט און צוגעלאזנקייט, "**דער בית המדרש באלאנגט נישט פאר מיר, עס באלאנגט פאר יעדן איד, מיר דארפן מקבל זיין יעדן איינעם בסבר פנים יפות, און דוקא א איד וואס איז אריבער שווערע זאכן דארף באקומען אביסל ווארעמקייט**", דער צדיק האט דעם איד אוועקגעזעצט נעבן זיך, און אים שטארק מכבד געווען, און געזארגט ער מען זאל אים באזארגן מיט עפעס צו עסן נאכן דאווענען.

• • •

**אין ספר תפארת צבי ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום רבי'ן א יונגערמאן פון ברוקלין מיט א צעבראכן הארץ, די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז ער דארף דורכגיין א גאר שווערע און געפארפולע אפעראציע אויפן הארץ, און די משפחה איז געווען אין א גרויסן פחד, דער צדיק רבי הערשעלע זי"ע האט געליינט דעם קוויטל און אויסגעהערט דעם יונגערמאן מיט א געוואלדיגע רחמנות.

און דאן האט זיך דער צדיק אנגערופן צו דעם יונגערמאן מיט גרויס ווארעמקייט און געזאגט, "**נעם אויף זיך צו ענדיגן דעם גאנצן ספר תהילים יעדן שבת אינדערפרי פארן דאווענען, און דער אייבערשטער וועט אי"ה העלפן**", דער יונגערמאן האט אזוי געטאן מיט גרויס תמימות, און ווען ער

איז צוריקגעגאנגען צום דאקטער א וואך פאר די אפעראציע צו מאכן די לעצטע טעסטס, האבן די דאקטוירים נישט געקענט גלייבן וואס זיי זעהען, **די מצב פונעם הארץ האט זיך אזוי גוט פארבעסערט, אז מען האט שוין נישט געברויכט מאכן מער אפעראציע**.

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ספינקא ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען א צובראכן איד וואס האט שוין חדשים לאנג נישט געהאט קיין פרנסה און די חובות זענען נעבעך געוואקסן ביז ער האט שוין געשפירט אז ער האלט דאס שוין מער נישט אויס, ער האט געבעטן דעם רבי'ן א ברכה פאר עשירות אדער כאטש א גוטע ארבעט מיט וואס ער זאל קענען שפייזן זיין משפחה.

דער צדיק רבי הערשעלע האט אים געזאגט, "**איך קען דיר נישט מאכן קיין עשיר אין איין טאג, אבער איך גיב דיר א סגולה וואס מיין זיידע דער הייליגער חקל יצחק האט מיר געגעבן, גיי ארום יעדן ערב שבת פארטיילן צדקה פאר דריי ארעמע משפחות אין שטעטל פון דיין אייגענעם קעשענע, אפילו נאר א קליינע סכום, און דאס וועט אי"ה ברענגען א ברכה ביי דיר אין שטוב**".

דער איד האט אויסגעפאלגט דעם רבי'נס עצה מיט א מסירת נפש ממש וויבאלד ער האט דאך נישט געהאט קיין גרויס געלט פאר זיך אויך נישט, און כאטש עס איז אים געווען גאר שווער, האט ער דאס געטון מיט גרויס אמונת צדיקים, נאך אפאר וואכן איז ער צוריקגעקומען צום רבי'ן מיט א שטראלאנדיג פנים און דערציילט, אז ער האט אנגעהויבן א קליינע געשעפט וואס האט זיך גאר שנעל צעוואקסן, און ער איז ארויס פון אלע זיינע חובות.

• • •

**אין תולדות תפארת צבי זכרונות החסידים ווערט דערציילט**, אז עס איז גוט באקאנט ביי די חסידים און מקורבים, אז דער צדיק רבי הערשעלע האט געלעבט אין אמעריקע מיט א גראנדיאזע מדרגה פון קדושה און טהרה, גאנץ אפגעזונדערט פון די וועלטליכע תאוות, ווען ער האט געדארפט גיין אין גאס אדער פאהרן צו א שמחה אדער לווי' ח"ו, פלעגען זיינע הייליגע אויגן די גאנצע וועג קוקען אויף אראפ, און דער צדיק איז די גאנצע וועג געווען פארקאכט און אין א געוואלדיגע דביקות.

איינמאל איז ער געפארן אין א טאקסי מיט איינעם פון זיינע מקורבים, און דער דרייווער האט געמאכט א שווערע טעות און זיך פארפלאנטערט אין א זייער נער'ישע און געפארפולע וועג, און דער דרייווער און די מקורב זענען געווארן שטארק נערוועז פונעם טעות.

ווען דער מקורב האט זיך אויסגעדרייט צו זעהן צי דער רבי איז אנגעצויגן, האט ער געזען ווי רבי הערשעלע זיצט גאר רואיג, די אויגן פארמאכט, און ער חזר'ט שטילערהייט פרקים משניות בעל פה, ווען דער מקורב האט שפעטער געפרעגט פונעם רבי'ן, פארוואס ער איז נישט געווארן אנגעצויגן ווען דער דרייווער האט געמאכט די טעות, האט דער רבי אים געזאגט, "**ווען א איד פילט אז ער איז ארומגענומען מיט הבלים פון די וועלט, דארף ער זיך באהאלטן אין די הייליגע אותיות פון די תורה, און דעמאלטס קען אים גארנישט שטערן**".

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ספינקא ווערט דערציילט**, אז די עבודה פון רבי הערשעלע ביים דאווענען איז געווען לשם ולתפארת, פילע אידן פלעגן קומען אין זיין בית המדרש בלויז צו צוקוקן ווי ער גרייט זיך צו צום דאווענען מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש, ער פלעגט זיך טובל'ן אין מקוה מיט גרויס כוונה, און פארן אנטאן דעם טלית ותפילין פלעגט ער זיצן שעה'ן לאנג מיט א פחד און צעבראכן הארץ, זאגענדיג קאפיטלעך תהילים מיט בכיות נוראות צו מטהר זיין דעם מח און הארץ.

איינמאל האט א גרויסער תלמיד חכם אים געפרעגט, פארוואס ער פירט זיך מיט אזא שווערע פרישות און קדושה פאר יעדן דאווענען, האט דער צדיק רבי הערשעלע געענטפערט מיט גרויס תמימות, "**וויאזוי קען א בר-נש א בשר ודם אריינטרעטן פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אן דעם וואס ער זאל פריער אויסרייניגן זיין מחשבה פון יעדן פאנטאזיע און נערישקייט פון די וועלט**".

**יארצייט כ"ז אב**

**הרה"ק רבי משולם פייש ב"ר מרדכי הלוי זי"ע**
**(לאווי)**
**בעל עבודת עבודה, אדמו"ר מטאהש**

ער איז געבוירן אין שטאט טאהש, **ג' ניסן בשנת תרפ"א**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי מרדכי אב"ד דעמעטשער** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלימלך הסבא קדישא מטאהש** זי"ע,
(חתן הרה"ק **רבי יצחק אייזיק מסוואליוואו** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי משולם פייש השרף מטאהש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מרדכי לאווי** זי"ע,
מגזע הגה"ק **בעל התוספות יום טוב אב"ד קראקא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת צירל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב פעקעטע בעל אמת ליעקב מו"ץ בנירבאטור** זי"ע, (הנקרא **ר' יעקב דערזשער**, מחסידי אשוואר, חתן הרה"ק **רבי צבי אביגדור פיש מנאפקאר** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי משה יחיאל שווארטץ** זי"ע, הנקרא **ר' משה סאלמאדער**,
בן הרה"ק **רבי אברהם שווארץ** זי"ע, וואס דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אויף אים געזאגט, "**המאור הגדול הצדיק**".

ער איז געווען א איש קדוש מאוד, ער איז געווען א למדן נפלא וואס האט מקדיש געווען זיין גאנצע לעבן נאר פאר תורה און עבודת השם מיט א מסירת נפש ממש, ער איז געווען כל ימי חייו אויסגעטון פון די וועלט און נישט עוסק געווען אין עניני גשמיות בכלל, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מידות השמחה, וואס יעדער איד וואס איז נאר געקומען אין בארירונג מיט דעם צדיק, איז ממש איבער גענומען געווארן מיט שמחה דקדושה.

מען האט אויפן הייליגן צורה פון דעם צדיק געקענט זעהן כסדר זיין געוואלדיגע שלוות הנפש און זיין שמחה דקדושה, זיין צורה האט זיין גאנץ לעבן געלאכטן מיט א הימלישע לעכטיגקייט, ער איז געווען א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל וואס מען האט געזען נאך ביי די צדיקים מדורות הראשונים.

נאך פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען אז דא וואקסט א צדיק הדור, ער האט שוין דאן געהאט גאר גרויסע השגות אין עבודת השם מיט א געוואלדיגע צדקות און תמימות, און גדולים און צדיקים בדורו האבן פאר געזאגט, אז ער וועט נאך זיין א גרויסע רבי וואס וועט משפיע זיין פאר אידישע קינדער סיי ברוחניות און אויך בגשמיות.

גאר אסאך פון זיין תורה און פון זיין עבודת השם האט דער צדיק מקבל געווען און געלערנט ביי זיין גרויסן רבין, הרה"ק **רבי מנחם בראדי בעל באר מנחם אב"ד קאלוב** זי"ע, וואס איז אויך געווען זיין פעטער, זייענדיג אן איידעם ביים זיידן הרה"ק **השרף מטאהש** זי"ע.

דארט ביים פעטער אין קאלוב האט דער צדיק עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע התמדת התורה, אויך האט ער זיך שוין דאן געפירט מיט גאר געהויבענע קדושה וטהרה, ער איז יענע צייט ממש געווען אויס געטון פון יעדע דבר גשמיות, און נאר עוסק געווען בתורה ועבודת השם.

ח' מנחם אב בשנת תרצ"ח, ווען זיין גרויסע רבי דער הייליגער באר מנחם זי"ע איז נסתלק געווארן, איז ער צוריק קיין טאהש, און דארט האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבות פון זיין גרויסן זיידן הרה"ק **רבי אלימלך הסבא קדישא מטאהש** זי"ע, און די לעצטע 5 יאר פונעם זיידן ביז צו די הסתלקות ביום כ"ג כסלו בשנת תש"ג, האט ער קונה געווען גאר אסאך תורה און קדושה און עבודת השם פון זיין זיידן.

ער איז געווען גאר נאנט מיטן הייליגען זיידן דער סבא קדישא מטאהש זי"ע און ער האט פון דעם זיידן גאר אסאך מדריגות אין עבודת השם מקבל געווען, דער זיידע האט געהאט א געוואלדיגע חביבות צום אייניקל און מוראדיג באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין התנהגות בקדושה וטהרה.

ליידער האט דער צדיק מיט געטיילט די ביטערע גורל פון רוב כלל ישראל ביי די צווייטע וועלט מלחמה, מען האט דעם צדיק זייענדיג א יונגע בחור'ל, אוועק געפירט אין די געטו אין מונקטאבאר, דארט האט דער צדיק אסאך מיט געמאכט שווערע צרות, אבער דער צדיק האט זיך מוסר נפש געווען און געדינט דעם באשעפער, אויך האט ער דארט מחזק געווען אנדערע אידן, אז מען זאל בלייבן מיט די ריינע אמונה אינעם גרויסן באשעפער.

בחסדי השם האבן די רשעים באטראכט דעם צדיק אלס נישט קיין געזונטע מענטש נפשיות'דיג, און דערפאר איז ער געווארן אריין געשטעלט אין א ספעציעלע פלאץ, וואס דארט האט דער צדיק געקענט טון זיין עבודת הקודש אים געשטערט.

ביים צווייטע וועלט מלחמה האט דער צדיק וקדוש גאר אסאך מיט געמאכט צוזאמען מיט אלע אידישע קינדער, אבער ער האט זיך מחזק געווען אין אפילו און די שווערע צייטן, האט ער מיט א געוואלדיגע מסירת נפש געדינט דעם גרויסן באשעפער, און ער האט כסדר מחזק געווען אנדערע אידן אז מען זאל נישט ח"ו פארלירען די ריינע אמונה אונעם גרויסן באשעפער.

בחסדי השם האט ער מיט ניסים ונפלאות איבער געלעבט די מלחמה, און זוכה געווען צו ניצל ווערן פון די נעגל פון די דייטשן ימ"ש, **כ"ג כסלו בשנת תש"ה** אונעם טאג פון די יארצייט פון זיין הייליגער זיידע הרה"ק **רבי אלימלך הסבא קדישא מטאהש** זי"ע איז דער רבי באפרייט געווארן, און ברוב רחמיו וחסדיו פונעם גרויסע באשעפער, האט ער רחמנות געהאט אויפן דור יתום פון נאך די מלחמה, און דער באשעפער האט איבער געלאזט דעם צדיק וקדוש, אז ער זאל קענען פארשיינען די אויגן פון אידישע קינדער פאר קרוב צו 70 יאר.

ליידער האט די רבי פארלוירן א גרויסע חלק פון זיין משפחה ביי די מלחמה, ובתוכם זיין הייליגע טאטע הרה"ק רבי מרדכי מדעמעטשע זי"ע, הי"ד און זיין מאמע ע"ה, הי"ד, אבער אפילו זייענדיג צובראכן און שוואך פון די אלע צרות, האט דער צדיק זיך צוזאמען גענומען, און ווייטער ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקדוש כרגיל, ער האט זיך מחזק געווען מיט די הייליגע תורה.

גלייך נאך די מלחמה איז דער צדיק אנגעקומען צום שטאט **אראד**, און דארט האט ער זיך געטראפן מיט הרה"ק **רבי חיים מאיר האגער בעל אמרי חיים מווישניץ** זי"ע, וואס האט גאר שטארק מחזק געווען דעם צדיק און אים גאר שטארק מקרב געווען, און ער איז דארט געבליבן ביז נאכן יו"ט שבועות בשנת תש"ה.

פון דארט האט דער צדיק אוועק געוואנדערט צום שטאט **מאקאווא**, ווי ער האט געהאט משפחה וואס האט אים אריין גענומען צו זיי אין שטוב, דארט האט דער צדיק ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, דארט האט ער געלערנט ביי הגה"ק **רבי משה נתן נטע למבערגער בעל העטרת משה ממאקאווא** זי"ע, אביסל שפעטער האט ער זיך אריבער געצויגען פאר א קורצע צייט קיין **קליינווארדיין**.

בשנת תש"ו האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין **נירדהאז**, און דארט האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חוה** ע"ה,
בת הרה"צ **רבי יהודה וויינגארטען מירושלים** זי"ע,
נכד הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע.

נאך די חתונה האט מען דעם צדיק אויף גענומען אלס איינע פון די דיינים אינעם **בי"ד** אין **נירדהאז**, און דארט האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער דאן עוסק געווען אסאך אין היתר עגינות צו באפרייען הונדערטער פרויען וואס האבן ליידער פארלוירן די מענער ביי די מלחמה, און ער האט זוכה געווען צו מתיר זיין גאר אסאך עגינות צוזאמען מיטן גאון הגה"צ **רבי פישל הערשקאוויטש** זי"ע.

אבער בשנת תש"ט בערך ווען עס האט אנגעהויבן בלאזן די ווינטען פון די קאמיניזם אין גאנץ אירופה, האט ער זיך פאר בערך צוויי יאר אריבער געצויגן קיין **אוסטריה** אין שטאט **באדגסטיין** ווי עס איז געווען אויף געשטעלט א פליטים לאגער, און דארט האט דער צדיק געוואוינט פאר בערך צוויי יאר, ער האט דארט גאר אסאך משפיע געווען אויף די אידן פון שטאט און געווען מפורסם אלס א למדן עצום בתורה.

אויך האט דער צדיק דער טאהש'ער רבי זי"ע יענע צייט באקומען די היתר הוראה פון הרה"ק **רבי משה ארי' פריינד גאב"ד ירושלים** זי"ע, וואס האט גאר שטארק באוואונדערט דאס גדלות בתורה און די געוואלדיגע הנהגות בקדושה פונעם טאהש'ער רבי זי"ע, דערציילט מען אבער, אז די רבי מטאהש זי"ע **האט שפעטער צוריסן דעם כתב הוראה**.

און דער צדיק דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע האט געזאגט, אז ער האט דאס געטון, וויבאלד ער האט געוואלט צוברעכן זיין מידות, ווייל מיט דעם היתר הוראה רעדט דער יצר הרע צו, אז מען זאל מער נישט איבער לערנען די הלכות, ווייל מען קען דאך שוין אלע הלכות, און דערפאר האט ער די היתר הוראה מבטל געווען.

בשנת תשי"א איז דער צדיק אנגעקומען קיין אמעריקע, און פאר גאר א קורצע צייט האט ער זיך אויף געהאטן אין **וויליאמסבורג**, אדר בשנת תשי"א האט זיך דער צדיק אריבער געצויגען קיין **מאנטריאל**, וואס דארט האט ער זיך געטראפן נאכאמאל מיט זיינע צוויי געשוויסטער וואס האבן איבער געלעבט די מלחמה.

זיין ברודער הרה"ח **רבי חיים יוסף**, און די שוועסטער **מרת פריידל** אשת הרה"ח **רבי שמואל מאיר לייפער**, און דארט האט זיך דער צדיק ווייטער אריין געווארפן אין תורה ועבודת השם מיטן גאנצן כוח.

בערך בשנת תשכ"ג האט דער צדיק מיט א מסירת נפש אויף געשטעלט דעם הייליגען שטעטל **טאהש** אל שמו פון זיין זיידן און טאטן, און ער האט דאס ספעציעל ארויס געטראגן ווייט פונעם שטאט, כדי די שטאט זאל זיין אפ געהיטן פון די דרויסענדיגע גאס, און ווי באקאנט האט דער צדיק אוועק געגעבן זיין גאנץ לעבן פאר דעם שטאט און געמאכט זיכער, אז די שטאט ווערט געפירט אויפן אלטן וועג דער דרך ישראל סבא וואס ער האט מקבל געווען פון אבותיו הקדושים.

ער איז זיין גאנץ לעבן געשטאנען על המושמר, אז מען זאל אין דעם שטעטל נישט אריינלאזן קיין נייע מנהגים וואס מען האט נישט געזען ביי אונזערע עלטערן, און ער האט געהאלטן אין איין פאדערן פון זיינע חסידים און תלמידים, אז מען זאל זיך פירן בקדושה וטהרה און על דרך ישראל סבא, עס האט דעם רבין בכלל נישט אינטערסירט וואס די וועלט זאגט, ביים רבין איז געווען **נאר די הלכה פון שלחן ערוך אדער מנהג אבותינו בידינו**.

יענע צייט איז דער צדיק געווארן מפורסם אין די וועלט אלס איינע פון די צדיקי הדור, אידן זענען גאר אסאך געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען מיט א אש קודש און מיט א דביקות הבורא יתברך שמו, דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן נישט נאכגעלאזט פון זיינע מנהגים און געפאדערט פון זיינע חסידים זיך צו פירן אויפן אויס געטרעטענעם וועג, וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

אלע צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף די געוואלדיגע גדלות בתורה פון דעם צדיק וקדוש, אויך האבן די צדיקי הדור מעיד געווען, אויף זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, ווער עס איז נאר אמאל אריין געגאנגען צו דעם צדיק מיט א הזכרה אדער סתם זיך מסתופף געווען בצלו, און אפילו פשוטע אידן וואס זענען געקומען צו דעם צדיק, האבן אלע מעיד געווען, אז ביי דעם צדיק האט מען געשפירט א ספעציעלע הערקייט.

עס איז נישט דא די ווערטער צו באשרייבן זיין עבודת התפלה און זיין תהילים זאגן, וואס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע יגיעה עצומה און מסירת נפש, און ער האט אויס געפועלט גרויסע ישועות פאר אידישע קינדער, דער צדיק איז די גאנצע צייט ביים דאווענען געשטאנען ממש ווי א "**בן המתחטא לפני אביו**", ער האט מקיים געווען דעם פסוק **כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה במלוא מובן המילה ממש**, אפילו אויף די עלטערע יארן האט מען געזען ווי יעדע איבר ווארפט זיך פארן צדיק מיט זיין גרויס פחד הבורא בריך הוא.

רעדענדיג פון זיין עבודת התפילה וואס איז געווען ממש עד להפליא, איז כדי צו דערציילן, ווי באוויסט פלעגט דאך די רבי זי"ע דאווענען זייער שפעט שחרית גרייטענדיג זיך צו עבודת התפילה מיט אן הכנה דרבא, האט מען געמאכט א סדר אין ישיבה וועלכע 9 בחורים עס זאלן יעדן טאג מיט דאווענען מיט'ן רבי'נס מנין.

הרה"ח ר' מאיר פעקעטע ז"ל פלעגט דאס אנפירן און מסדר זיין דעם מנין פארן רבין יעדן טאג, און ווי באוויסט איז די עבודת התפילה געווען גאר געהויבען ביים רבי'ן זי"ע, די עבודה פון דאווענען איז געווען עפעס א אויסטערלישע ספעציעלע עבודה, ביגיעה עצומה פלעגט דער רבי שטיין און דאווענען, ווען פון דעם רבי'ן רינט דאס שווייס, אין די גרעסטע פראסטן אינמיטן ווינטער, פלעגט דער ערקאנדישעע'ן מוזן ארבעטן, אזש די בחורים זענען געגאנגען מיט די מאנטעלן איינגעוויקלט פאר קעלט.

אבער דער רבי האט געברענט מיט א אש קודש, און בשעת'ן דאווענען האט זיך ממש געגאסן דאס שווייס פונעם צדיק ברענענדיג פארן גרויסן באשעפער, האט געקענט פאסירן אסאך מאל, אז די רבי זי"ע פלעגט זיך אויס דרייען ביים דאווענען, און ווייזן אז ער האט נישט קיין לופט און געבעטן מ'זאל עפענען די פענסטער'ס.

ווער עס האט געהאט די זכי' צו קענען מיט האלטן דעם עבודת הקודש פונעם הייליגען רבין, האט געזען אז דער רבי איז בכלל נישט געווען בעולם התחתון בשעת זיין עבודת התפלה, און ווי די נאנטע מענטשן דערציילן, אז נאכן דאווענען, ווען די רבי האט אויסגעטון זיין בעקעטשע, איז דאס געווען דורך געווייקט מיט שווייס פון זיין געוואלדיגע עבודה ביים דאווענען.

דאס תפילין לייגן איז געווען א מחזה הוד, ווען יעדן טאג האט דער רבי אנגעטוהן די תפילין מיט אזא חשק און פרישקייט, ווי ס'וואלט ווען געווען דאס ערשטע מאל וואס ער לייגט תפילין, פאר די בחורים וואס האבן דאס מיט געהאלטן, איז דאס איינגעקריצט געווארן אין הארץ אויף שטענדיג.

ביי "**ואתה מושל בכל**" פלעגט שוין שטיין א בחור גרייט מיט 26 פרוטות, פון וואס דער רבי פלעגט נעמען און אריין לייגן אין צדקה פושקע, שפעטער ביי קריאת שמע ווען דער רבי האט געזאגט "**וראיתם אותו**", פלעגט מען נאכאמאל קענען זעהן די לעכטיגע צורה, ווען דער רבי פלעגט זיך אויסדרייען צום פענסטער, און צו דעם שיין פון דעם טאג האט דער רבי געקוקט אויף די ציצית.

און וויבאלד דאס דאווענען שחרית איז געווען גאר שפעט, פלעגט דער רבי זי"ע גלייך נאך שחרית דאווענען מנחה, ווען נאכדעם פלעגט דער רבי צומאל רעדן פאר די בחורים דברי מוסר, און ערשט דערנאך פלעגט מען זיך צומאל שטעלן דאווענען מעריב, און דאס איז געווען זיין עבודה מדי יום ביומו.

זיין מידות הצדקה איז געווען מורא'דיג גרויס, דער צדיק איז געווען דער שר הצדקות, ער האט פארטיילט ריזיגע סכומים אויף צדקה, און אלעס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע חכמה צו אפהיטן אויפן כבוד פון דעם מקבל אז יענער זאל ח"ו נישט פארשעמט ווערן, די גבאים דערציילן, אז עס האט זיך געקענט מאכן צענדליגע מאל, וואס דער צדיק האט באקומען א גרויסע סכום געלט פון א עושר, און תוך כדי דיבור האט דער צדיק אוועק געגעבן דאס גאנצע געלט פאר א נצרך, אן איבער לאזן עפעס פאר זיך אין שטוב.

די גבאים האבן כסדר פראבירט צו באהאלטן געלטער, כדי עס זאל כאטש בלייבן עפעס פארן רבין אויך, אבער דער צדיק האט זיי גאר אסאך מאל איבער געקלוגט, ווען ער האט דאס געלט אריין געלייגט אין זיינע שיך, און ווען א נצרך איז געקומען, האט דאס דער צדיק ארויס גענומען פון די שיך, און מיט א שמייכל מחי' געווען א איד, וואס דאס איז געווען זיין שטרעבן זיין גאנץ לעבן.

די רבי איז געווען א עניו מאוד, ער האט באמת נישט געוויסט פארוואס אידן לויפן אים נאך און קומען צו אים פאר ברכות, אבער מיט דעם אלעם האט ער יעדן איד אויף גענומען בסבר פנים יפות מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, ווען מען איז אריין געקומען צום רבין מיט א קוויטל, האט מען באמת געקענט מיינען אז דער איד האט די וועלטס צייט, ער האט יעדן איד אויס געהערט מיטן פילסטן געדולד, און דאן אנגעוואונטשן מיטן גאנצן הארץ, און ווען מען איז ארויס האט מען באמת געשפירט, אז מען איז א געהאלפענער.

טויזענטער אידן האבן ביי דעם צדיק געזען ממש אפענע מופתים און ישועות חוץ לדרך הטבע, עס איז ממש געווען ווי חז"ל זאגן **צדיק גוזר והקב"ה מקיים**, גרויסע צדיקים האבן געשיקט אידן וואס האבן געברויכט גרויסע ישועות צום

רבין, ווייל זיי האבן געוויסט אז די רבי מיט זיין גרויס קדושה און לב טוב פאר א אנדערן איד, וועט זיך שטעלן אויף די לענג און אויף די ברייט צו העלפן א איד מיט א ישועה.

צו דעם אלעם איז דער רבי אויך געווען א ליבליכער געטרייער טאטע פאר די תלמידי הישיבה, ווען די רעבעצין ע"ה שטייט אים צו די רעכטע האנט און דינט ווי א געטרייע מאמע פאר די בחרים, ווען א בחור איז פארקילט געווארן, האט אים די רעבעצין באזארגט מיט פיינע ווארימע טיי א.ד.ג., אזוי אויך פלעגט זיך דער רבי אלעמאל נאכפרעגן וואס ס'הערט זיך מיט די בחורים.

ווי עס האט פארציילט מו"ה ישראל חיים קרויס הי"ו אלץ אנפירער פון די חברה ביקור חולים, האט אים די רבי זייער אסאך מאל געפרעגט, צו מען געט זיך אפ מיט די בחורים וואס זענען פארקילט וכדומה, דער הייליגער צדיק האט זיך כמה פעמים אויסגעדריקט בזה"ל, "**וואס איז דאס א טאהש'ער חסיד, א טאהש'ער חסיד רעדט נישט ביים דאווענען, רעדט נישט קיין פאליטיק, און האט ליב יעדן איד**".

זיינע הייליגע דברי תורה און זיינע ספורי צדיקים וואס ער האט אסאך דערציילט בחייו, זענען געדריקט געווארן אינעם **ספר עבודת עבודה.**

ער האט געהאט זיינע קינדער.

בנו **הרב רבי מרדכי** זי"ע, נפטר בחי' אביו, חתן הרה"צ **רבי יחזקאל שרגא מערץ** זי"ע,
בתו **מרת צירל** ע"ה, אשת הרב **רבי אביגדור דניאל פיש אדמו"ר מהאדאס** שליט"א,
בתו **מרת ברכה חנה** ע"ה,
בתו **מרת פריידל**, אשת הרב **רבי אברהם כ"ץ אב"ד משכנות לאביר יעקב מאנסי** שליט"א,
בתו **מרת שאשא מלכה אלטא**, אשת הרב **רבי יוסף ירחמיאל כהנא מספינקא מאנטריאל** שליט"א,
בנו **אדמו"ר מטאהש הרב רבי אלימלך** שליט"א, ממלא מקום אביו בטאהש, חתן הרה"ק **רבי נפתלי צבי לאבין מזידיטשוב וויליאמסבורג** זי"ע.

ליידער די לעצטע יארן בחייו איז דער צדיק געווען גאר שוואך, און יעדע זאך וואס ער האט געטון איז אים אנגעקומען גאר שווער, אבער דער צדיק האט מיט זיין גאנצע כוח ווייטער עוסק געווען בעבודת הקדוש, מען האט נאך דאן זוכה געווען זיך מזכיר צו זיין ביים צדיק און מיט האלטן זיינע הייליגע עבודת הקודש.

נסתלק לגנזי מרומים **זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים ביי די 94 יאר, ביום ז"ך מנחם אב בשנת תשע"ה**, ומנוחתו כבוד איז אין דעם ביה"**ח אין קרית טאהש**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"צ רבי מרדכי האגער בעל תורת מרדכי מווישניץ זי"ע האט דערציילט**, אז ער אליין האט אסאך מיט געהאלטן דאס עבודת הקדוש ביים דאווענען פון דעם הייליגן טאהש'ער רבי זי"ע, און זיין עבודת השם איז געווען נורא נוראות ממש, ער האט פארענט פון זיך כסדר געהאלטן א טבלא מיט די שימות הקדושים, און ביי יעדע ברכה האט ער דאס געזאגט מיט די כוונות הקדושים, און דער תורת מרדכי זי"ע האט אויס געפירט בזה"ל, "**ס'איז זיך געווען וואס צו לערנען ביי אים**".

• • •

**צו פארשטיין וואס מיינט די געוואלדיגע אהבת ישראל פונעם טאהש רבי זי"ע** ברויך מען דערציילן די מעשה, ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש מטאהש זי"ע פלוצלונג פארלוירען זיין זון דער בכור הרב רבי מרדכי זי"ע ערב שבת קודש, און די גבאים האבן זייער געיאגט דעם רבין, אז מען זאל גיין צו די לוי' ווייל מען ברויך נאך באערדיגען בעפאר דעם זמן, אבער די רבי האט געזאגט, אז ער גייט נישט צו די לוי' שוין, נאר ער ברויך קודם א טעלעפאן, עס איז געווען פאר זיי א גרויסע וואונדער, אבער מען האט געגעבן דעם טעלעפאן פארן רבין.

דער רבי האט דאן אנגערופן א פרוי, וואס איז געווען ביי אים אפאר וואכן צוריק, און זי האט זיך זייער באקלאגט פארן רבין, אז ליידער ליידט זי זיך גאר אסאך צוזאם פון איר מאן, און זי האט געזאגט פארן רבין אז זי וויל איבער לאזן דעם מאן, אבער

די רבי האט זיך ביי איר געבעטן, אז וויבאלד עס איז דאך דא דארט קינדער, זאל זי נישט איבער לאזן דעם שטוב און צוברעכן א אידישע שטוב, אבער די פרוי האט נישט געוואלט הערן פון בלייבן מיט די מאן.

ווען די פרוי האט אויף געהויבן די טעלעפאן, האט די רבי געפרעגט פון די פרוי, איר ווייסט וואס האט היינט פאסירט, איך האב ליידער פארלוירען מיין זון דער בכור רבי מרדכי זי"ע, און יעצט גרייט מען זיך צו די לוי', די פרוי האט זיך זייער דערשראקן פון די נייעס, און זי פרעגט דעם רבין, איז וואס ברויך די רבי פון מיר, האט דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע געזאגט, **איך האב געטראכט צו מאכן א נחת רוח פאר מיין זון נאך יעצט ביי די לוי', מיט דעם וואס איר וועט מסכים זיין צוריק צו גיין צום מאן, און איך בין זיכער אז דאס וועט זיין א גרויסע טובה פאר זיין נשמה.**

די פרוי הערענדיג די ווערטער פון דעם איש קדוש, ווי ער בעט זיך צו איר צו טון א טובה פארן נשמה פון זיין זון, האט זי מסכים געווען צוריק צו גיין צו איר מאן, און אזוי ווי דער טאהש'ער רבי זי"ע האט מיט איר אראפ געלייגט, האט ער גלייך געריפן דעם רב פון יענעם שטאט, און געבעטן אז ער זאל זעהן אז דער מאן זאל צוריק גיין אהיים צום ווייב, ווי לאנג זי איז נאך אונטערן רושם פון זיינע ווערטער, און מיט דעם מצוה פון אריין ברענגען שלום בין איש לאשתו, **איז דער צדיק צו געגאנגען צו די לוי' פון זיין באליבטע זון.**

• • •

**ווי באוויסט האט דער הייליגער צדיק דער בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע** גאר א גרויסע עבודה אריין געלייגט אין סיפורי צדיקים, ער פלעגט כסדר דערציילן מעשיות פון צדיקים הקודמים, און דאס גאר שטארק מחשיב געווען אלס אן עבודת השם, און דער צדיק האט דערציילט פאר זיינע חסידים, אז נאך אין זיינע יונגע יארן ווען ער האט געהערט א מעשה פון א צדיק, פלעגט ער דאס חזר'ן און חזר'ן אפאר מאל אזוי ווי א מענטש חזר'ט א שטיקל גמרא, כדי ער זאל דאס נישט פארגעסן.

און דער צדיק מטאהש זי"ע האט געזאגט, אז סיפורי צדיקים איז א גרויסע יסוד פאר א איד, צו בלייבן מיט די ריינע אמונה אינעם גרויסן באשעפער, ווי דער הייליגער רוזינער זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל ווען ער האט באזיכט ביים צדיק דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע, האט דער הייליגער אפטא רב זי"ע געזאגט, "**אז בעפאר משיח וועט קומען, וועט ליידער זיך שטארקן די נסיונות פאר אידן אין זייער אמונה, ווייל די מינות און אפיקורסות וועט זיין רח"ל גאר שטארק**".

און דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע האט געזאגט, "**אז כלל ישראל וועט ברויכן רחמים מרובים זיך צו קענען האלטן**", און ער האט געוויזן אויף איינע פון זיינע גרויסע תלמידים און געזאגט, "**אפילו א צדיק ווי דיר וועט אויך ברויכן גרויס רחמים צו ניצל ווערן פון מינות און אפיקורסות**", האט דער הייליגער רוזינער זי"ע געפרעגט, וואס איז די עצה אויף דעם, האט דער אפטא רב זי"ע געזאגט בזה"ל, "**מען זאל רעדן פון צדיקים**", און געזאגט דריי מאל די ווערטער "**אפילו פון אונז, אפילו פון אונז, אפילו פון אונז**".

• • •

**הרה"ח ר' יקותיאל ווייס ז"ל האט פארציילט,** אז ער האט געלערנט מיט'ן רבי'ן אלץ בחור ביים רבי'נס פעטער דער הייליגער באר מנחם מקאלוב זי"ע, איינמאל בעפאר כ"ח סיון וואס איז אויסגעפאלן אויף א שבת קודש, האבן זיי געוואלט פארן קיין טאהש זיין דארט אויפן יארצייט פונעם טאהש'ער רבין הרה"ק רבי משולם פייש השרף מטאהש זי"ע, זענען זיי געגאנגען נעמען רשות פונעם באר מנחם, וואס האט זיי געגעבן רשות, נאר בתנאי זיי נעמען מיט חלות מיט לעכט אויפן וועג, האבן זיי אזוי געטוהן.

זיי זענען געגאנגען זיכן א פערד און וואגן, אבער צוליב דעם וואס דעמאלט'ס שניידט מען די ווייץ, האט מען אלע פערד איינגעשפארט צו דעם, און זיי האבן גארנישט געקענט טרעפן, נאר א איינגעדארטע שוואכע אייזל, האבן זיי דאס אפ געקויפט, און מיט דעם זיך ארויסגעלאזט פון קאלוב קיין טאהש, ווען א גרויסע חלק פון דעם וועג שטופן זיי דעם אייזל אנשטאט צו רייטן דערויף.

אינמיטן וועג ערב שבת קודש נאכמיטאג האט זיך אראפ געלאזט א שלאק'ס רעגן, פון וואס דער שוואכער אייזל האט אפגע'פגר'ט אויפן פלאץ, האבן זיי נישט געהאט מיט וואס צו גיין ווייטער,

און צוליב די שווערע בלאטע'ס זענען זיי געבליבן אין א דערנעבנ'דיגע דארף, זייענדיג נישט אין קאלוב און נישט אין טאהש, דעמאלט'ס האבן זיי פארשטאנען פארוואס זייער רבי דער הייליגער באר מנחם האט געהייסן מיט נעמען חלות מיט לעכט.

מוצאי שב"ק איז די וועג שוין געווען אויסגעקלארט און זיי האבן זיך מיט א שנעלקייט ארויסגעלאזט קיין טאהש, אנקומענדיג קיין טאהש, האט זיי שוין דער רבי הרה"ק רבי אלימלך זי"ע אפ געווארט ביים פענסטער זאגנדיג צו זיי, "**איך האב שוין אזוי געווארט אויף אייך**".

• • •

**הרה"ח ר' ישראל ניימאן שליט"א האט דערציילט**, ער האט נאך זוכה געווען צו זיין מיט'ן רבי'ן גלייך נאכ'ן קריג, געדענקט ער אין יענע טעג, איז ער מיט נאך א קבוצה בחורים אנגעקומען צום רבי'ן קיין עסטרייך, און צו זייער שטוינאנג, איז אנשטאט ווי יעדער אנדערער וואס האט זיך געפרייט צו באקומען צו זיך נאך אפאר בחורים, כדי זיך צו קענען בויען.

האט אבער דער טאהש'ער רבי זי"ע גלייך ביים אויף נעמען די בחורים זיי געזאגט, "**ענקער פלאץ איז נישט דא**", איך וועל ענק ארויס שווערצן קיין אנטווערפן, כדי איר זאלט זיך קענען האלטן און שטייגן ברוחניות, און בייגאכט האט דער רבי צוגערופן הרה"ח ר' בנימין זאב זוסמאן וואס האט זיי אריבער געשווערצט באישון לילה קיין אנטווערפן.

אזוי אויך דערציילט ער, אין די יונגע יארן בין איך געווען דעם רבי'נס הויז בחור, און איך האב געהאט די חזקה אויסצוטוהן דעם רבי'נס בעקיטשע פרייטאג צו נאכט'ס נאכ'ן דאווענען, וואס זאל איך אייך זאגן, יעדן מאל האט מען געקענט אויסקוועטשן די בעקיטשע פון די שווייס, מיט אזא יגיעה עצומה פלעגט דער רבי דאווענען מדי שבוע בשבוע.

• • •

**ביים רבי'ן איז פארווירקליכט געווארן די הייליגע ווערטער פונעם רבי'ן ר' זושא זי"ע**, וואס זאגט אז ביי יתרו זעהט מען אז ער האט געגעבן אן עצה פאר משה רבינו ע"ה ער זאל אויף נעמען די שרי המאות שרי אלפים א.א.וו., די עצה איז געווען א ריכטיג און מרע"ה האט דאס מקבל געווען, פונדעסטוועגן שטייט גלייך, וישלח משה את חותנו, וואס לכאו' דארף מען פארשטיין אויב האט ער געגעבן א גוטע עצה, וואס קומט זיך אים צו פארשיקט ווערן.

נאר וואס, מרע"ה האט נאך מתן תורה אויפגענומען א גאנצן טאג דעם כלל ישראל, וואס בדרך הטבע איז נישט געווען שייך, נאר ס'איז געווען מעשי נסים, נאר ווילאנג קיינער האט נישט אין אכט גענומען דעם נס, איז דאס אן געגאנגען, אבער די מינוט וואס יתרו האט געפרעגט קשיות ווי קענסטו דאס מאכן, האט זיך דער נס אפ געשטעלט און מרע"ה האט טאקע געברויכט אן נעמען די עצה, דעריבער האט ער פארשיקט זיין שווער, ער זאל נישט פרעגן אויף די איבעריגע נסים.

• • •

**עס איז כדי אראפ צו ברענגען** וואס די רבי שרייבט אינעם ספר עבודת עבודה, בלשון קדשו, "**הרבי ר' מרדכי'לע נהג להדליק בכל יום מאה ושישים נרות, ארבעים נרות בכל רוח מארבע רוחות בית מדרשו, וביומי דפגרי הדליק הרבה יותר מזה, ושום אדם לא היה רשאי להיות נוכח בשעה שהדליקם, פ"א הסתתר איש אחד שם לראות עבודת הדלקת הנרות, וראה כי הרבי רבי מרדכי'לע מדליק את כל המאה ושישים נרות בקיסם (שוועבעלע) קטן אחד שדלק כל הזמן בדרך נס, וברגע שגמר להדליק את הנרות נכבה הקיסם**. עכלה"ק, און בשעת דער רבי פלעגט צינדן האט ער דערציילט די מעשה, און מ'האט געזעהן אז ביים רבי'ן שפילט זיך איבער דאס זעלביגע.

• • •

**ווי באקאנט האט דער רבי אלעמאל פארדראסן די פאמפע און טראסק** וואס מ'מאכט ארום אים, איינמאל ווען עס איז פאר געקומען א חתונה אין טאהש, ווי די בחורים האבן געוואלט לייגן לעמפעלעך מיט סיינ'ס, דער רבי וואס האט זיך דערוויסט דערפון, האט ער מוצאי שב"ק ביי די מעשיות נאך הבדלה געזאגט, היתכן מ'וויל מאכן א טראסק, דער רבי האט דעמאלט'ס געזאגט, אז א הכנה צו א חתונה איז נישט מיט קיין סיינ'ס און לעמפעלעך, נאר מיט לערנען, אויב וועט מען דארפן האבן לייט'ס וועט שוין אליהו הנביא קומען

דאס לייגן, און אויב וועט אליהו הנביא נישט קומען דאס לייגן, איז א סימן אז ס'איז נישט וויכטיג, נאר ענק בחורים זאלן זיצן און לערנען.

למעשה ווען ס'איז געקומען א נאכט פאר די חתונה, האבן די בחורים אפ געמאכט, אז מ'קען נישט דערלאזן אזוי צו גיין צו די שמחה אן קיין לייט'ס און סיינ'ס, האבן זיי זיך צאמגענומען און ארויפגעלייגט לעמפעלעך ארום דעם בית מדרש, און די גאס דערנעבן, אינמיטן די נאכט זענען זיי ארויף אויפ'ן דאך פון בית מדרש און אויסגעלייגט א סיין, וואס זיי האבן אויסגעמאלן כדי צו קענען אויפהענגען אין בית מדרש.

אזוי ארבעטנ'דיג אויף די סיין, איז פאר איינע פון די בחורים וואס האט געארבעט דארט, געווארן פארשווינדלט דאס קאפ פון די פראדזשעקטאר וואס האט אויף זיי געשיינט, און אזוי שפאצירנדיג אויף דעם דאך, איז ער אנגעקומען צום עק פונעם דאך וואס האט נישט געהאט קיין גדר, און האט אראפ שפאצירט גאנצע צוויי שטאק רח"ל, פארשטייט זיך אז עס האט גלייך אנטשטאנען א גרויסע בהלה.

מ'האט גערופן חברה הצלה, אבער מ'האט נישט געוויסט וואס צו טוהן לגבי מזכיר זיין ביים רבי'ן, ווייל דער רבי האט דאך נישט געוואלט די גאנצע זאך, ווי נאר הצלה איז אנגעקומען זענען זיי צו געפארן ביז'ן בנין הבית מדרש דערביי צורייסנדיג די לעקטערלעך וואס זענען שוין געווען אויסגעהאנגען, דער רבי'ס זון הרה"צ רבי מרדכי זי"ע איז געקומען צו לויפן, און ווי נאר ער איז געוואר געווארן וואס דא קומט פאר, איז ער גלייך אריין צום טאטן זי"ע מזכיר זיין דעם בחור, און הצלה האט גענומען דעם בחור וואס האט דערוויל גערעדט פאר היץ, און אפגעפירט אין שפיטאל.

אביסל שפעטער האט דער רבי געשיקט רופן מו"ה ישראל חיים קרויס הי"ו, זייענדיג דער אנפירער פון די חברה חב"ח, און זיך נאכגעפרעגט אויף דעם בחור, צוזאגנדיג אז דער בחור וועט גארנישט פעהלן, און כך הוה אפאר טאג שפעטער האט מען באפרייט דעם בחור פון שפיטאל, וואס די דאקטוירים האבען געזאגט, אז עפעס א אויסטערלישע נס איז געשען אז דער בחור איז ארויס לעבעדיג און מיט גאנצע אברים פון דעם פאל.

• • •

**יעדע סוף זמן פלעגט דער רבי אריין קומען אין גרויסן בית המדרש** אויף צו פארהערן די בחורים, ווען דערנאך פלעגט דער רבי רעדן א מוסר שמועס פאר די בחורים, איינמאל האט זיך געמאכט א סוף זמן, וואס הרה"ק **רבי מעכעל'ע פון נתני'** זי"ע איז געווען אין טאהש, האט דער רבי געזאגט אז דאס מאל קומט ער נישט רעדן, נאר מ'זאל מכבד זיין רבי מעכעל'ע צו רעדן.

שוין שבת בעפאר האט אים דער רבי שטארק מכבד געווען, געבענדיג אן עליה, און אים צוגעשיקט צו מוסף ווי ר' מעכעל'ע האט אראפ געלייגט א עבודה, מיט מסי"נ און א כתר מיט קולי קולות, נאך שבת ווען די בחורים האבן פראבירט איינ'טענה'ען מיט'ן רבי'ן, אז ס'איז פון די געציילטע זמנים וואס די בחורים האבן א זכיה צו הערן דעם רבי'ן רעדן, און דערפאר בעטן זיי זייער אז די רבי זאל קומען רעדן צו די בחורים.

אבער דער רבי זי"ע האט זיך נישט געלאזט, נאר געפרעגט, איר האט געהערט דעם נתני'ע רבי'נס כתר, און דערצו איז ער גאר א דערהויבענע איד, ער שפארט זיך קיינמאל נישט אן אויף דעם אנלאנער פונעם בענקל, וואס באמת דער רבי זי"ע פלעגט זיך אויך נישט אנשפארן אויפן אנלאנער פונעם בענקל, אבער דער רבי מיט זיין גרויס עניוות האט דאס נאר באמערקט ביי יענעם, און כך הוה, רבי מעכע'לע האט פארהערט די בחורים און גערעדט פאר זיי, און נאר נאכדעם איז דער רבי אריין געקומען, און האט פון פריש פארהערט די תלמידים, און דערנאך געזאגט זיין מוסר שמועס.

• • •

**דער רבי האט זייער שטארק מקפיד געווען** נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אויך אז דער עולם זאל ח"ו נישט רעדן ביים דאווענען, דער רבי אליינ'ס פלעגט אכטונג געבן אויף דעם, ווען אינמיטן חזרת הש"ץ פלעגט דער רבי ארומשפאצירן אין בית מדרש, זיכער צו מאכן אז קיינער דערוואגט זיך נישט צו רעדן ביים דאווענען, ביים ליינען ווידער וואס דער רבי פלעגט ליינען, האט דער רבי געקענט צורופן צו

זיך איינער וואס האט געשמועסט ביים לייגען, און אים מכבד זיין צו שטיין אויף דעם בלעמער ביי די גאנצע קריאת התורה נעבן דעם רבי'ן זי"ע.

ראש השנה בשנת תש"מ, איז א גרויסער עולם געקומען צו פאר'ן צום רבי'ן קיין טאהש, און ביים דאווענען האט זיך געטוהן א געפלוידעריי, נאך מנחה ערב יו"ט, איז דער רבי ארויף אויפן בלעמער, און אויסגעקלאפט און געזאגט, **איך האב קיינעם נישט גערופן, און איך דארף קיינעם נישט, אויב האלט איר ביים רעדן ווייטער, איך קען מיר אריין גיין אין מיין פריוואטע בית מדרש און דארט דאווענען, און איר קענט ווייטער טוהן וואס איר ווילט**, און מיט די ווערטער איז דער רבי ארויס פון בית מדרש.

די גבאים זענען גלייך געקומען בעטן דעם רבין אז ער זאל יא בלייבן, אבער דער רבי האט נישט איינגעשטימט, ביז ס'איז געשטעלט געווארן דורך'ן רבין 10 מענטשן, וואס זיי זאלן ארום גיין זיכער מאכן אז קיינער רעדט נישט ביים דאווענען, און דער רבי האט זיי געזאגט, אז נאכ'ן דאווענען זאלן זיי אריין גיין דאווענען אין זיין קליינעם בית מדרש.

• • •

**געווען א א חשובער איד א זון פון א חשובער רב**, ער האט געהאט געבארגט א סכום געלט פון עפעס נישט ארענטליכע חברה, און דאס באצאלן האט זיך געשלעפט אביסל לענגער ווי דער זמן, און ווי באוויסט ביי די חברה איז באצאלן בזמן מער ווערד ווי א לעבן, האבן זיי אים געסטראשעט אז אזוי ווי ער מאכט חתונה בקרוב, און אויב צאלט ער נישט אפ דעם גרויסן סכום כסף מיט גרינע קעש, דאן וועלן זיי אים מאכן א שווארצע חתונה רח"ל.

דעם איד האט געכאפט א פחד מוות, ווי גייט מען, ער איז שוין צו קיין רבין נישט געגאנגען אסאך יארן, דאך האט מען אים איבערצייגט צו פארן קיין קרית טאהש צום רבין, ער האט דעם טאהשער רבין קיינמאל נישט געזען בעפאר און גארנישט געהאט מיט אים, אבער וואס קען מען דערלייגן, קומט ער אריין צום רבין אין פארציילט זיין קלעם און צרה, אז די חברה פארלאנגן דעם ריזן סכום געלט אין קעש, און אין א וואך ארום איז די חתונה, זאגט אים די רבי **קום צוריק מארגן שפעט ביינאכט אזויפיל אזייגער**.

צומארגענס שפעט אויפדערנאכט קומט דער איד צוריק צום רבין, די רבי שטעלט זיך אויף שטיל פון זיין בענקל, גייט ארום צו אלע טירן קוקן אויב קיינער דרייט זיך נישט ארום, און מאכט זיכער אז דאס פלאץ איז פארזיכערט ארום פון סיי וועם, ער זעהט אז אלעס ארום איז שא שטיל דאס פלאץ איז מוכשר, זאגט אים דער רבי שטיל צייגענדיג צום בית הכבוד, דארט אינווייניג איז דא א שאפקעלע, קוק גוט, וועסטו זעהן דארט א שאכטל אונטער אלעם, און דאס איז דיינס, דער איד בליקט אריין אינווייניג, און פינקלדיגע גרינע פרישע באנקנאטן פילן אן דעם שאכטעלע, מיטן גאנצן ריזן סכום וואס ער האט געברויכט.

• • •

**עס ווערט דערציילט א מעשה** וואס איז געווען ביים הייליגען טאהש'ער רבי זי"ע, די רבי האט פרובירט צו העלפן א איד וואס איז ליידער געווען אין א שווערער מצב הבריות, און ער האט געבעטן איינער פון די משפחה צו העלפן, און די רבי האט אים יעדער ריר געזאגט וואס צו טון, ס'איז אבער נישט עכט געווען וואס צו טון, חוץ אביסל גרינגער מאכן פאר דעם איד, און דער ברודער האט געשפירט ביי זיך, אז לויט די כוחות און צייט און געלט וואס דאס קאסט אים, איז דאס נישט גענוג ווערד פאר די ביסל ריזאלטס און פאר דעם ביסל מאכן באקוועמער דעם ברודער.

האט ער געזאגט דעם רבי'ן, אז ער פילט אז פאר די ביסל תוצאות לוינט נישט די גאנצע געשעפט, האט די רבי זי"ע מיט זיין גרויסע אהבת ישראל אים געזאגט, **"ס'לוינט כל הון דעלמא" צו מאכן פילן א איד "איין מינוט" וויניגער אין צער"**, און ווער ס'ווייסט אביסל אז דאס איז נישט געווען סתם א שיינע געדאנק און אויסדרוק, נאר ממש אזוי איז דער צדיק אלעס גרייט געווען צו טון צו מאכן פילן בעסער א איד, אפילו גאר פשוטע אידן, אידן וואס מיטן רעדן מיט זיי צוויי מינוט שפורט מען א ס'רירט די נערוון, אבער מיט די ריכטיגע אהבת ישראל און אהבת השם האט ער געטון אומגלויבליכע זאכן וואס דאס איז געווען טייל פון זיין גרויסע עבודה.

• • •

**אמאל איז א יונגערמאן געקומען צום צדיק הרה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע**, און ער האט זיך זייער אויס גערעדט פארן רבין, אז ער

האט ליידער נישט קיין שלום בית, און ער האט געבעטן א עצה פונעם רבין, האט אים דער צדיק געפרעגט ווי אזוי זיין דירה קוקט אויס, און די רבי האט אים זייער גע'עצה'ט אז ער זאל זיין דירה שיין איבער מאכן, און ער זאל מאכן זיכער אז די ווייב זאל זיין פארנומען אינעם ארבעט איבער צו מאכן די דירה, און מיט א דירה ווי עס וועט זיין הרחבת הדעת וועט זיין שלום בית.

האט דער יונגערמאן געזאגט פארן רבין, אז ער האט נישט דאס געלט וואס איז אויס געקומען צו א סכום פון 50 טויזענט דאלער, האט דער צדיק מיט זיין גרויס אהבת ישראל געהייסן דעם יונגערמאן, אז ער זאל מאכן זיכער אז דאס ווייב לייגט זיך אריין דערראן, און ער די רבי וועט אים שוין שיקן דאס געלט פאר די קאסטן, דער יונגערמאן האט זיך געזעגנט פונעם רבין און אהיים.

דאס ווייב האט זיך טאקע אריין געלייגט ראשו ורבו אין די ארבעט, און דערווייל ווארט דער איד אז דאס געלט פונעם רבין זאל אנקומען, אבער נאך אפאר וואכן ווארטן און ער זעהט אז דאס געלט קומט נישט אן, און אויך האבן די בעלי מלאכה נישט געוואלט ווייטער ארבעטן אן קיין געלט, איז דער יונגערמאן צוריק געפארן צום רבין, און זאגט פארן רבין, אז **ער האט שוין אנגעהויבן די ארבעט ביי זיין דירה, אבער די בעלי מלאכה ווילן נישט ווייטער ארבעטן**.

די רבי האט דאן געבעטן דעם יונגערמאן, אז ער זאל בלייבן אין טאהש פאר איבערנאכט, און מארגען וועט ער האבן דאס געלט פאר אים, דער יונגערמאן איז אריין צום רבין דעם קומענדיגע טאג, **און די רבי גיבט אים איבער מיט א שמייכל א זעקל פון 50 טויזענט דאלער, און לייגט צו נאך א פעקל פון 20 טויזענט דאלער אלס איבער בעטונג פארן פארגעסן צו שיקן די געלט גלייך**, און פארשטייט זיך אז דער יונגערמאן האט זיך באדאנקט, און האט געקענט צו ענדיגן זיין דירה בהרחבה, און די שלום בית האט זיך ב"ה בארואיגט מיט דעם הרחבה פון זיין דירה.

בערך א יאר נאכן הסתלקות פונעם הייליגן טאהש'ער רבי זי"ע, שטעלט א איד אפ דעם יונגערמאן אויף די גאס און זאגט אים, איך ברויך דיך איבער בעטן, ווייל יארן צוריק בין איך איין טאג געווען ביים רבין אין טאהש, און די רבי האט מיך געפרעגט ווי איך וואוין, און ער האט מיר געגעבן א פעקל פון געלט, אז איך זאל דאס טראגן פאר דיר, **אבער ליידער בין איך דאן געווען זייער געדריקט אין פרנסה, און איך האב ליידער נישט געקענט ביישטיין די נסיון, און איך האב דאס געלט גענומען פאר מיר**.

אבער די פלא דערציילט דער איד ווייטער, אז אפאר וואכן נאכדעם וואס איך בין אהיים געקומען פון טאהש, **האב איך יעדע פאר וואכן אנגעהויבן באקומען א פעקל געלט פונעם רבין**, איך האב אנפאנג נישט פארשטאנען וואס עס גייט פאר, אבער נאכדעם האב איך שוין געכאפט, **אז וויבאלד דאס פעקל איז נישט אן געקומען צו דיר, האט זיך די רבי פאר געשטעלט אז די מצב ביי מיר איז שווער, האט ער כסדר געשיקט געלט פאר מיר אויך**.

דאס הייסט צדקה וחסד אויפן העכסטן פארנעם, נישט נאר איז דער צדיק נישט געווען בייז אויף דעם איד וואס האט נישט איבער געגעבן דאס געלט, נאר האט ווייטער געשיקט געלט פאר יענעם איד, וויסענדיג אז זיין מצב איז שווער, און ווען עס איז געקומען צו געבן נאכאמאל דאס געלט פאר דעם ערשטן יונגערמאן, האט די רבי צו געגעבן א גרויסע סכום צו איבער בעטן דעם יונגערמאן פארן נישט שיקן דאס געלט גלייך, וואס באמת האט ער דאס יא געשיקט גלייך, נאר כדי נישט ח"ו פארשעמן דעם אנדערן איד, **דאס הייסט א צדיק מיט א לב טוב און א אמת'ע אהבת ישראל פאר יעדן איד**.

• • •

**א איד א גרויסע חסיד פונעם רבין האט דערציילט**, אז איין טאג איז אנגעקומען א איד א בנש"ק וואס איז געווען אויף שבת קודש ביים רבין אין טאהש, און ער ווייזט פאר דעם איד, אז ער האט באקומען א פעקל פון 5 טויזענט דאלער פונעם רבין, און ער דערציילט די מעשה פארוואס.

ווי באקאנט האט רוב יארן די טאהש'ער רבי זי"ע מקפיד געווען צו ליינען קריאת התורה אליין, און מוצאי שבת ווען דער בנש"ק איז אריין צום רבין זיך געזעגענען, האט ער געזאגט פארן רבין,

אז ביי קריאת התורה האט מען ממש נישט געקענט הערן דעם רבין ליינען, און ער מיינט אז דאס איז א פראבלעם להלכה אז מען קען נישט הערן קריאת התורה.

די רבי האט דעם בנש"ק גלייך איבער געבעטן און געהייסןווארטן אפאר מינוט, און דאן האט די רבי ארויס געברענגט דעם פעקל מיט געלט, און אהין געגעבן דאס געלט צו איבער בעטן דעם איד, און כדי צו באצאלן פארן אים מוסר זאגן, און די רבי האט יענעם צו געזאגט, אז ער וועט שטעלן צוויי אידן וואס זאלן אים מעורר זיין ביי קריאת התורה אויב ער ליינט נישט געהעריג, און זיי זאלן אויך מאכן זיכער אז אין ביהמ"ד איז שטיל ביי קריאת התורה, כדי מען זאל קענען הערן דאס ליינען קלאר.

• • •

**א איד א גרויסע חסיד פונעם טאהש'ער רבי זי"ע**, וואס דער רבי האט אים געשטעלט אין ביהמ"ד צו שטיל מאכן ביים דאווענען, איין וואך ווען ער האט שטיל געמאכט ביים דאווענען, האט אים איינער פון די מתפללים געגעבן א גוטען ריק וואס האט אים גאר שטארק וויי געטון, און דער איד איז געלעגן אין בעט נאכדעם מיט פיבער אפאר טאג.

דער איד איז נאכדעם אריין צום רבין און דערציילט די מעשה, אבער לפלא האט אים די רבי געהייסן **געבן א סכום געלט פאר יענעם איד וואס האט דאס געטון, כדי אים איבער צו בעטן**, ווען דער חסיד האט געפרעגט דעם רבין, אז היתכן ער ברויך געבן פאר יענעם געלט, ווען יענער האט אים דאך וויי געטון, האט די רבי געזאגט בזה"ל, "**אויב האסטו געזאגט פאר א איד מוסר, און דאס האט פאר דעם איד גורם געווען צו ווערן אין כעס, ברויכסטו אים באצאלן**", דאס איז געווען דעם דרך אין מידות וואס דער צדיק האט אויס געלערנט פאר זיינע תלמידים.

• • •

**איין נאכט שפעט אינמיטן די נאכט**, האט דער רבי געריפן אויפן טעלעפאן איינע פון זיינע חסידים און אויף געוועקט, און די רבי הייסט דעם חסיד זיך וואשן די הענט נעגל וואסער, און דאן זאגט אים די רבי, אז ער וויל ער זאל געבן א געוויסע גרויסע סכום געלט פאר יענעם און יענעם איד, זאגט ער פארן רבין, מען האט דאך ערשט לעצטע וואך צוזאמען געשטעלט פאר יענעם איד געלט, אבער די רבי בעט דעם איד אז ער זאל יענעם געבן נאך געלט.

און דאן בעט דער רבי יענעם איד, אז ער זאל יעצט ביינאכט אויס שטעלן א טשעק פאר יענעם איד, און זאל יעצט אינמיטן די נאכט דאס גיין אריין ווארפן אין פאסט קעסטל צו שיקן פאר יענעם איד, און די רבי זאגט, אז ער וויל ווארטן אויפן טעלעפאן ביז ער טוט דאס, בלית ברירה זעענדיג אז די רבי לאזט נישט צו ווארטן ביז צופרי, איז דער איד ארויס פון בעט און ארויס געשיקט דעם טשעק פאר יענעם איד.

ווען ער קומט צוריק צום טעלעפאן און זאגט פארן רבין, אז ער האט שוין ארויס געשיקט דעם טשעק, זאגט אים די רבי, איך וויל די זאלסט טון נאך איין זאך, גיי אריין אין דיין דיינונג רום ביי די וואנט, און זאג דריי מאל די ווערטער, "**רבוש"ע איך האב נאך גארנישט געטון פאר דיר, רבוש"ע איך האב נאך גארנישט געטון פאר דיר**", דאס איז געווען וואס דער צדיק וקדוש האט אויס געלערנט פאר זיינע תלמידים, אז א איד טאר קיינמאל נישט האלטן אז ער האט יוצא געווען, נאר מען דארף טון און טון.

• • •

**דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע האט אמאל אנגעריפן א חסיד זיינער**, און ער זאגט אים אז ער זאל גיין געבן א שיינעם סכום געלט פאר א איד וואס גייט אי"ה חתונה מאכן, אז ער זאל האבן הוצאות החתונה, דער חסיד זאגט פאר זיין רבין, דער איד שפילט דאך עושר אין די גאס, איז פארוואס ברויך מען אים געבן פאר די חתונה.

האט דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע דערציילט א מעשה פאר דעם איד, ביים צדיק הרה"ק **רבי מרדכי מטשרנוביל** זי"ע איז אמאל געקומען א איד און געבעטן, אז די רבי זאל אים העלפן מיט געלט, דער צדיק האט יענעם אהין געגעבן 5 גאלדענע רובל, אבער ווען יענער איד איז ארויס געגאנגען, האבן די מקורבים פון רבי מרדכי מטשערנאביל געזען, ווי יענער איד גייט אריין אין א שענק הויז און קויפט זיך ברוינפן, זענען די אידן גלייך צו געלאפן, און ארויס געכאפט די איבעריגע רענדליך פון יענעם איד.

זיי זענען צוריק געקומען צום רבין ר' מרדכי מטשערנאביל זי"ע און דערציילט, רבי אונז האבן גערעטעוועט דריי גאלדענע רובל פון דעם איד, ווייל ער האט גענומען די געלט פונעם רבין און ער האט געקויפט ברוינפן, האט דער הייליגער צדיק מטשערנאביל געזאגט פאר זיינע חסידים, **"טייערע יונגעלייט, אויב איר וועט צוריק געבן פאר דעם איד דאס געלט אפילו ער איז נישט ווערט, וועט דער אייבערשטער אויך געבן פאר ענק, אפילו איר זענט נישט ראוי"**, און דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע האט אויס געפירט פאר דעם איד, **"אויב וועסטו געבן פאר דעם איד פאר די חתונה, אפילו ער איז באמת נישט ווערט, וועט דער אייבערשטער דיר אויך געבן אפילו די בוסט נישט ווערט"**, ווייל דאס איז געווען דעם מידות הצדקה פונעם הייליגען טאהש'ער רבי זי"ע.

• • •

**אין שטאט טאהש האט געוואוינט א איד** א גרויסע חסיד פון הרה"ק רבינו יואל מסאטמאר זי"ע, אויך איז ער געווען א חסיד פונעם הייליגען טאהש'ער רבי זי"ע, אבער אויף ראש השנה איז דער איד געפארן צום סאטמאר רבי זי"ע, בעפאר ער איז געפארן איז ער אריין זיך געזעגענען פונעם הייליגען טאהש'ער רבי זי"ע, און געזאגט אז ער פארט צום סאטמאר רבי אויף ראש השנה, די רבי האט דעם איד געמוטיגט אז ער זאל פארן און אים ארויס באגלייט.

ווען דער איד האט גענומען שלום פונעם סאטמאר רבי זי"ע, האט אים די רבי געפרעגט, פארוואס ער איז געקומען און נישט געבליבן אין טאהש אויף ראש השנה, האט אים דער איד געזאגט, אז די טאהש רבי שטיפט דאך זייער צו זיינע חסידים, אז מען זאל אויך פארן צו אנדערע רבי'ס, און ער איז באמת נישט מקפיד אז מען פארט אוועק, האט אויף דעם דער הייליגער סאטמאר רבי זי"ע געזאגט בזה"ל, **"דאס מין זאך, אז א רבי זאל מוטיגען און אוועק שוקן פון זיך איז א גרויסע חידוש, און ער געדענקט נישט אזא מין רבי"**.

• • •

**ביים צדיק הרה"ק מקאשוי זי"ע האט מען אמאל דערציילט א מעשה**, אז א איד האט אמאל אראפ געווארפן דעם הייליגען ספר נועם אלימלך אין שטוב פון דעם הייליגען רבי אלימלך מליזענסק זי"ע, און דער צדיק האט בכלל נישט מקפיד געווען אויף דעם, האט איינער דארט געזאגט אז דאס איז נישט קיין חידוש, ווייל אפילו יענער וואלט ווען אראפ געווארן דעם צדיק רבי אלימלך מליזענסק אליין, וואלט ער אויך נישט מקפיד געווען בגודל ענוותנותו, האט דער קאשוי'ער רב זי"ע צו געלייגט בזה"ל, **"איך האב אסאך צדיקים געקאנט, אבער אין דעם הינזיכט פון נישט מקפיד זיין על כבודו, האב איך נישט געזען אזוי ווי טאהש'ער רבי"**.

• • •

**א קבוצה יונגעלייט וואס זענען געווען אויף א שבת קודש** ביים רבין דער הייליגער עבודת עבודה מטאהש זי"ע, זענען אריין זיך געזעגענען ביים רבין מוצאי שבת קודש, האט די רבי געהייסן פאר די יונגעלייט, **אז זיי זאלן זיך וואשן צו מלווה מלכה און דערנאך זאלן זיי אהיים פארן**, אבער וויבאלד די יונגעלייט האבן געברויכט ארבעטן זונטאג, האבן זיי זיך נישט געוואשן אויף מלווה מלכה, נאר זענען גלייך אהיים געפארן.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום קאנעדישע בארדער, האט מען אפ געהאלטן איינע פון די יונגעלייט, און נאך אפאר שעה האבן זיי געזאגט, אז מען קען יענעם נישט דורך לאזן, און וויבאלד זיי האבן דעם יונגערמאן נישט געוואלט איבער לאזן, זענען אלע צוריק געפארן קיין טאהש, און ווען זיי זענען אריין געגאנגען צום רבין זיך מזכיר זיין, אז מען לאזט יענעם נישט דורך די גרעניץ, האט די רבי געפרעגט, **איר האט זיך געוואשן צו מלווה מלכה**, האבן זיי מודה געווען, אז זיי האבן זיך זייער געיאגט אהיים צו פארן, און דערפאר האבן זיי זיך נישט געוואשן צו מלווה מלכה.

האט די רבי געהייסן, אז זיי זאלן זיך אלע וואשן און עסן מלוה מלכה, און דערנאך זאל מען אהיים פארן, פארשטייט זיך זיי האבן אויס געפאלגט וואס די רבי האט געהייסן, און דערנאך זענען זיי ארויס געפארן אויפן וועג, און לפלא זענען אלע דורך דעם גרעניץ אן קיין שום מניעות, און זענען אנגעקומען אין צייט אהיים, אלעס מיטן ברכה פון דעם צדיק מטאהש זי"ע.

• • •

**א איד א גרויסע חסיד פונעם רבין** איז אמאל געווען אין טאהש ביים הייליגען עבודת עבודה

זי"ע, און דער איד האט געהאט א אלטען טאטן וואס ער פלעגט יעדע וואך פרייטאג לכבוד שבת קודש באדינען, אבער יענעם וואך וועגן ער איז אריין צום טאהש'ער רבי זי"ע, און ער האט געגעבן א קוויטל און זיך מזכיר געווען, האט אים דער צדיק געגלעט דעם פנים און געזאגט בזה"ל, "**די ווייסט וואס טייטשט "שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע"**, און דער צדיק האט דאס אפאר מאל איבער געזאגט, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט אבער איז ארויס.

יענעם ערב שבת קודש האט די מאמע פון דעם איד געקאכט א גרויסע טאפ אויפן פלאם וואס האט געהאט אסאך צוקער, און ווי באוויסט איז צוקער הייס גאר גאר הייס, און דער טאטע האט געטראגן דעם טאפ אין די הענט, און בטעות זיך א גליטש געגעבן, און די גאנצע טאפ איז געפאלן אויף די הענט, און ער האט זיך גאר שטארק אפ געבריעט.

די מאמע האט גלייך געריפן די הצלה, און זיי האבן געזאגט אז דאס זעהט אויס ווי א גאר שטארקע ברי און מען וועט מיזן אריין גיין אין שפיטאל, אבער לפלא זאגט די טאטע פאר די הצלה, אז ער שפירט בכלל נישט קיין יסורים, אבער מען האט דעם איד אריין געטראגן אין שפיטאל צו באהאנדלען דעם ברי.

דער דאקטאר ווען ער האט געזען דעם ברי, האט ער געגעבן א איינשפריץ פאר אים, כדי ער זאל נישט האבן קיין יסורים, האט אבער דער איד געזאגט, אז דאס איינשפריץ האט אים מער וויי געטון ווי דער ברי אליין, און דאן ווען דער זון האט געהערט די מעשה, האט ער שוין פארשטאנען וואס דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע האט געזען מיט זיינע הייליגע אויגן, **און מיט זיין ברכה האט ער דאס ממתיק געווען**.

• • •

**גאנץ אנפאנג ווען דער טאהש'ער רבי זי"ע איז אנגעקומען קיין קאנאדא**, האט ער געוואוינט אין שטאט מאנטריאל, דארט האט דער צדיק אפ געראכטן זיין עבודה מיט א געוואלדיגע ברען, ווייל ביי דעם צדיק האט נישט געמאכט קיין חילוק אויב עס איז דא איין מענטש אדער הונדערט מענטשן, נאר אדרבה, יארן שפעטער ווען עס האבן זיך געקלאמערט טויזענטער מענטשן בצלו פון דעם צדיק, האט דאס אים באמת געשטערט, ווייל ער האט נישט פארשטאנען וואס די אידן זעהן אין אים אז מען קומט צו אים.

אויך דערציילט מען, אז וואוינענדיג אין מאנטריאל, האט דארט אינעם געגענט געוואוינט נאך א רב, און דער רב האט זיך זייער געמיטשעט מיט מנין, פלעגט דער הייליגער טאהש'ער רבי זי"ע כסדר זארגן, אז יענער רב זאל האבן מנין, און אויב האט זיך נישט געמאכט קיין מנין, פלעגט דער טאהש'ער רבי זי"ע אליין אריבער גיין דאוועגען דארט מיט זיינע מענטשן, אלעס נאר כדי דער רב זאל האבן מנין.

ווען דער טאהש'ער רבי זי"ע האט שוין געפירט זיין חסידות אין שטאט טאהש, פלעגט ער נאך כסדר זיך נאך פרעגן אויב יענער רב האט מנין, איין הושענא רבה האט ער געהערט אז יענער רב האט נישט קיין מנין צו דאווענען, האט דער צדיק געבעטן א מנין אידן, אז זיי זאלן אריבער פארן קיין מאנטריאל דאווענען ביי יענעם רב, און דער צדיק האט זיך נישט געוואלט שטעלן דאווענען, ביז ער הערט אז יענער רב האט מנין און האט אנגעהויבן דאווענען.

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נורא וואס האט פאסירט ביים הייליגען עבודת עבודה מטאהש זי"ע**, וואוינענדיג אין מאנטריאל, האט ער דארט געהאט מענטשן אפילו אידן, וואס האבן נישט געקענט פארטראגן דעם צדיק'ס עבודה, האט זיך געמאכט איינמאל, ווען דער צדיק איז געגאנגען אין מקו', איז א איד אריין געקומען אין מקו', און בשעת דער צדיק האט זיך גע'טובל'ט, האט ער רח"ל אנגעהאלטן דעם רבין אונטערן וואסער און געוואלט רח"ל דער'הרג'ענען דעם רבין, אבער די לעצטע מינוט איז א איד אריין געקומען אין מקו', און אנגעהויבן שרייען אויף דעם איד, און ער האט גלייך אפ געלאזט דעם רבין.

אבער לפלא אנשטאט טראגן א שנאה אויף דעם איד פארן וועלן טון אזא אומדערהערטע זאך, האט דער צדיק געשיקט **א סכום הגון פאר דעם איד יעדע וואך**, **און פאר יארן לאנג אויס געהאלטן יענעם איד**, און אפאר יאר שפעטער ווען דער איד

האט זיך פארטשעפעט מיט די רעגירונג, און ער האט געברויכט אנטלויפן קיין אוסטראליע, האט **דער צדיק ווייטער געשיקט ביז קיין אוסטראליע געלט פאר דעם איד**.

ווען די מקורבים האבן געפרעגט פונעם רבין, דאס אז די רבי טראגט נישט קיין שנאה אויף דעם איד, פארשטייט מען נאך, אבער גיין אזוי אין פייער צו שיקן אזאנע גרויסע סכומים פאר דעם איד, דאס קען מען שוין נישט פארשטיין, האט דער צדיק מיט זיין גרויס תמימות און אהבת ישראל געזאגט, **איך בין דאך אים שולדיג מיין לעבן, ער האט דאך מיך אויס געלאזט ממש אין די לעצטע מינוט**, ווייל דאס איז געווען זיין געוואלדיגע מידות טובות, און ער האט זיין גאנץ לעבן געארבעט צו צוברעכן יעדע מידה, און נאר געדינט דעם באשעפער מיטן אמת.

• • •

**צו מסביר זיין דאס מסירת נפש און דאס געוואלדיגע אהבת ישראל** וואס דער צדיק האט פארמאגט, דאס קענען דערציילן זיינע תלמידים פון ישיבות טאהש, מען האט ביי דעם צדיק נישט געקענט פויעלען ארויס צו ווארפן א בחור פון זיין ישיבה, ער האט מיט א פחד כסדר געזאגט, **דאס איז דאך א אידישע נשמה ווי קען מען אזא זאך טון**.

איינמאל איז געווען א בחור וואס האט איבער געדרייט די ישיבה, און די מנהלים האבן געוואלט משלח זיין דעם בחור פון ישיבה, אבער מען האט דאך גארנישט געטון אן זיך דורך רעדן מיטן רבין, איז מען אריין צום רבין און דערציילט די צרות וואס דער בחור טוט אלס אפ, און דער מנהל האט געזאגט, אז ער וויל דעם בחור אוועק שיקן, האט דער צדיק געענטפערט מיט א שמייכל, אויב וואלט דער בחור געהייסן "**לאווי**", וואלט מען זיך דאך א עצה געגעבן מיט אים, און אז מען קען זיך א עצה געבן מיט מיין אייניקל, קען מען זיך אויך מיט דעם בחור אן עצה געבן.

• • •

**איינמאל איז מען אריין געקומען צום טאהש'ער רבי זי"ע** און מען האט זיך באקלאגט אויף א בחור, און דער מנהל האט דערציילט, אז דער בחור לערנט נישט קיין אידיש ווארט, און אויך האט ער נישט קיין חברותא אין ישיבה, און דערפאר האט דער מנהל אים געוואלט משלח זיין פון ישיבה.

האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**איך האב דאך די גאנצע ישיבה געמאכט נאר פאר אים**", און לגבי דעם וואס ער האט נישט קיין חברותא, איך בין מסכים צו זיין זיין חברותא, כך הוה דער רבי האט מיט יענעם בחור אנגעהויבן לערנען בחברותא, און יענער בחור איז צום סוף אויס געוואקסן א ערליכער בחור, וואס האט אויף געשטעלט א בית נאמן בישראל, אלעס מיט דעם מסירת נפש פון דעם הייליגען רבין זי"ע.

• • •

**אמאל זענען געזעצן מענטשן אינדרויסן פונעם שטוב** פונעם טאהש'ער רבי זי"ע און געווארט אריין צו גיין זיך מזכיר זיין, איז דארט געזעצן א גרויסע נצרך און געווארט אריין צו גיין דער נעקסטע אין די רייע, פלוצלונג קומט דער גבאי און ריפט אריין א אנדערן איד א גרויסע עושר, ווייל דער רבי האט באמערקט דעם נצרך, און ער האט געוויסט פארוואס ער איז דא, האט ער געוואלט אז דער עושר זאל קודם אריין קומען, און אזוי וועט ער קענען גלייך געבן א שיינעם נתינה פארן נצרך.

אבער ווען דער נצרך איז אריין געקומען צום רבין אין שטוב, האט ער אנגעהויבן שרייען פארן רבין, **איך האב געמיינט אז ביי אייך אין שטוב איז שוין יא דא דעם אמת, אבער איך זעה אז דא איז אויך א עולם השקר, ווייל מען האט דעם עושר צוליב זיין עשירות אריין געגומען בעפאר מיך**, אבער דער רבי האט פאר דעם איד נישט דערציילט דעם אמת וואס דא איז פארגעקומען, נאר האט גלייך מיט א שמייכל אהין געגעבן פארן נצרך דעם טשעק וואס ער האט נאר וואס באקומען פונעם עושר, און געזעגענט דעם נצרך.

אויפן וועג אהיים איז דער עושר געפארן צוזאמען מיטן נצרך אין איין קאר, און ער זעהט דעם ענוועלאפ וואס ער האט געגעבן פארן רבין, מיטן גרויסן סכום פון 10 טויזענט דאלער, אין די האנט פונעם נצרך, און עס איז בכלל נישט געווען אויף געמאכט, איז ער צוריק אריין צום רבין און ער פרעגט דעם רבין.

איך וויל מיך נישט מישן אינעם רבין'ס צדקה, אבער פארוואס האט די רבי אפילו נישט אויף געמאכט דעם קאנווערט צו זעהן דעם סכום, האט דער צדיק מיט זיין תמימות געזאגט, **פון גרויס**

**ברען פון אהבת ישראל, האב איך גלייך אהין געגעבן פארן נצרך, און פארוואס ברויך איך דען וויסן וויפיל געלט איך האב באקומען, די עיקר איז אז דער נצרך ווייסט וויפיל ער האט באקומען.**

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, א איד וואס האט געוואוינט אין מאנטריאל איז איין טאג געקומען זיך געזעגענען פונעם הייליגען טאהש'ער רבי זי"ע אז ער צוט זיך אוועק אין א אנדערע ווייטע שטאט, און יענע שטאט האט די רבי געוויסט אז עס איז נישט דא קיין סאך אידן וואס וואוינען דארט, און ממילא איז דאס אידישקייט נישט אזוי שטארק אין יענעם שטאט, האט ער געפרעגט דעם איד וואס די סיבה איז פארוואס ער ציט זיך אוועק.

האט דער איד מגלה געווען פארן רבין, אז ער האט געהאט דאס געלט אוועק געלייגט צו קויפן א דירה אין מאנטריאל, אבער נישט לאנג צוריק איז ער געפארן קיין אנטווערפן, און בשעת ער איז דארט געווען האט מען אים בא'גנב'ט דאס גאנצע געלט וואס האט באטראפן א גאר גרויסע סכום געלט, און דער איד האט געזאגט פארן רבין דעם סכום וואס מען האט אים צו גענומען, און דערפאר ווייל ער האט געטראפן א גוטע ארבעט אין יענעם שטאט, וויל ער זיך דארט אהין ציען.

די רבי האט זייער אפ גערעדט דעם איד פון זיך ציען צו יענעם שטאט, וויבאלד יענע שטאט האט דאך נישט אלע געברויכן וואס א איד דארף טעגליך, און אויך איז זייער שווער דארט מחנך צו זיין די קינדער, און בכלל ברויך א איד זיין אין א ערליכע סביבה צווישן אידן יראים ושלמים, אבער דער איד האט געזאגט פארן רבין, אז ער האט באמת נישט קיין ברירה, וויבאלד ער האט דאך נישט דאס געלט צו קויפן זיין דירה דא אין מאנטריאל.

אבער לפלא דעם קומענדיגע טאג ווען דער איד איז אריין געקומען דאווענען אין ביהמ"ד, איז צו אים צו געקומען א פרעמדע איד, און פרעגט אים, זאג נאר די בוסט פאר א שטיק צייט צוריק געווען אין אנטווערפן, און בשעת מעשה איז ביי דיר גע'גנב'ט געווארן א בינטל מיט געלט, זאגט דער איד, יא, זאגט אים דער איד שטילערהייט, **איך האב ליידער דאן געהאט א שוואכע מינוט, און איך בין געווען יענער גנב, אבער יעצט האב איך חרטה געהאט, און איך וויל דיר דאס צוריק געבן, און אפילו צו לייגען אפאר טויזענט דאלער אויף די עגמת נפש,** און דער איד האט זיך אפ געטראגן פון דארט.

דער איד איז געבליבן שטיין און נישט געגלייבט וואס ער הערט דא, ער האט ארויס גענומען דאס געלט פונעם זעקל, און עס איז געווען ממש פונקט דעם סכום וואס מען האט פון אים גע'גנב'ט, און אויך אפאר טויזענט דאלער איבעריג, דער איד האט אין דעם געזען גרויס סייעתא דשמייא, און ער איז געבליבן וואוינען אין מאנטריאל און זיך דארט געקויפט א דירה, און דער איד האט טאקע אויף געשטעלט א הערליכע שיינע דור.

יארן שפעטער האט דער איד אמאל געטראפן יענעם איד וואס האט זיך פאר אים פאר געשטעלט אלס דער גנב, און דער איד האט זיך פאר אים באדאנקט, אז וועגן דעם וואס ער האט אים צוריק געגעבן דאס געלט וואס ער האט פון אים גע'גנב'ט, איז ער געבליבן וואוינען אין מאנטריאל, און אזוי האט ער אויף געשטעלט א ערליכע אידישע שטוב.

זאגט דער איד פאר דעם איד, **נישט מיר ברויכסטו דאנקען אויף דעם, ווייל איך בין קיינמאל נישט געווען אין אנטווערפן אז איך זאל אפילו קענען גנב'ן דאס געלט, נאר די ברויכסט דאנקען דיין רבין פון טאהש זי"ע, ווייל איך בין א טאג בעפאר אריין צום רבין זיך מזכיר זיין ביי אים, האט מיר די רבי געגעבן דעם גאנצן סכום וואס מען האט פון דיר צו גענומען, און די רבי האט מיך געבעטן אז איך זאל מיך פאר דיר פארשטעלן אלס דער גנב, און אזוי האסטו באקומען דאס גאנצע געלט**, און דאס האט די רבי געטון נאר כדי, די זאלסט בלייבן וואוינען אין מאנטריאל און אויף שטעלן א ערליכע שטוב.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק מטאהש זי"ע האט געוואוינט נאך די מלחמה אין שטאט **נירדהאז**, האבן אידן דאן געזען גרויסע מופתים און ישועות ביי דעם צדיק, אסאך אידן האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק, און געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקדוש וואס איז

שוין דאן יונגערהייט געווען מפורסם איבעראל, זיין דאווענען איז געווען באוויסט אז עס איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע אש קודש און א געוואלדיגע דביקות הבורא.

איין טאג האט פאסירט, אז אין שטוב פון הרה"ח רבי ישראל יודא קארפינקעל ז"ל האט א צוויי יעריגע טאכטער באקומען א געפערליכע פארקילונג, ווייל יענע צייט איז געווען אין שטאט נירעדהאז גאר קאלט ווינטער, און פון די פארקילונג האט דאס מיידל באקומען א מחלה "**מאנאדזיירעס**" וואס אפעקטירט דעם מח ח"ו.

אין יענע צייטן האט די מחלה געמיינט אז מען איז ח"ו פארטיג רח"ל, ווייל די דאקטורים האבן גלייך אין אזא מצב אויף געגעבן רח"ל, אבער דער חסיד רבי ישראל יודא ז"ל איז גלייך אריבער געלאפן צום צדיק מטאהש זי"ע, און האט מזכיר געווען דעם קינד ביים רבין, דער צדיק איז אריבער געקומען צום שטוב, און ער האט זיך געזעצט זאגן תהילים נעבן דעם בעט פונעם חולה, און די תהילים זאגן האט זיך פארצויגען פאר דריי שעה כמנהגו, אפאר טאג שפעטער איז דאס מיידל געזונט געווארן כאחד אדם.

• • •

**עס איז געווען א איד א גרויסע חסיד פונעם טאהש'ער רבי זי"ע**, וואס האט ליידער גאר אסאך געליטן אויפן הארץ, איין פרייטאג האט דער איד געברויכט דורך גיין א בייפעס אויפן הארץ, דער דאקטאר האט געזאגט אז דאס ברויך געטון ווערן ווי פריער, אבער אנשטאט גיין צום שפיטאל, איז דער איד געפארן קיין טאהש צום רבין אויף שבת קודש.

פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען, האט מען דעם איד אריין געלאזט אין חדר פרטי פונעם רבין, און דאן האט דער רבי מיט זיין לעכטיגע צורה אנגעהויבן זאגן די הייליגע ווערטער וואס ער פלעגט כמנהגו זאגן שבת, "**רבוש"ע גוט שבת**", נאכדעם האט דער איד פאר געלייגט פארן רבין זיין מצב מיט זיין הארץ, און דער איד האט זיך מזכיר געווען ביים רבין פאר א רפואה שלימה.

דער צדיק האט דאן ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף דעם איד'ס הארץ, און דער צדיק נעמט זיך קלאפן און זאגט איבער אפאר מאל די ווערטער, "**איך וועל דיר אריין באשאפן א נייע הארץ, איך וועל דיר אריין באשאפן א נייע הארץ**", דער איד דערציילט, אז לפלא זייט דעמאלט עד היום הזה איז ער נאך קיינמאל נישט געווען ביי קיין הארץ דאקטאר, און דער איד איז געזונט און שטארק, אלעס מיט דעם ברכה און הבטחה פונעם הייליגען צדיק די טאהשער רבי זי"ע.

• • •

**א ראש ישיבה האט אמאל געוואלט אריין גיין צום רבי'ן**, און די גבאים האבן אים מרמז געווען, אז ער זאל נישט רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן געלט, ווייל דער מצב איז געווען זייער ענג ביים רבין אין שטוב, ווען ער איז אריין צום רבי'ן, האט אים אבער דער רבי געפרעגט איבער זיין מצב אין געלט, האט דער ראש ישיבה געענטפערט, אז ער איז ענג אין געלט, האט דער רבי אנגעהויבן צו רעדן מיט אים אין לערנען, און אינמיטן זאגט אים דער רבי, איך גיי יעצט דאווענען מנחה, קוקט דערווייל נאך וואס תוספות אין יבמות דארט-און-דארט זאגט, האט דער ראש ישיבה נאכגעקוקט דארט אין מסכת יבמות, און געטראפן דארט בערך צען טויזנט דאלער, וואס דער צדיק האט דארט אריין געלייגט מיט גרויס חכמה.

• • •

**דער רבי האט אמאל געזאגט פאר זיין משמש**, אז ער זאל אריין גיין אין קיך, **און דארט אפקאכן עטליכע אייער פאר פינקטלעך דריי מינוט אויפן זייגער**, דער משמש איז וואו פארשטענדליך גלייך געגאנגען אין קיך און געטאן פינקטלעך וואס דער רבי האט אים געזאגט, ער האט זיך פארגעשטעלט אז זיכער איז דא און דעם העכערע זאכן, קאכן אן איי פאר דריי מינוט, דאס קלינגט גאנץ אינטערעסאנט.

ער איז געשטאנען ביים טאפ און מיט די פינקליכסטער זייגער געדעכענט דריי מינוט, נאך דריי מינוט קומט ער צום רבי'ן מיט די אייער, און דער רבי באדאנקט זיך פאר אים, שפעטער האט דער משמש באמערקט אז די לעדלעך וואו מ'האט געהאלטן די געלט איז אינגאנצן אויסגעליידיגט, דאן האט ער געכאפט דעם רבי'נס עצה, ער האט אים פארשיקט אויף א וועג אז ס'זאל זיך אים דאכטן אז ער איז אויף א העכערע מיסיע, און אזוי וועט ער אים נישט פארדעכטיגן אז ער וויל אוועק געבן די געלט פאר צדקה.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה אין די תולדות ווערט געברענגט**, אז אמאל אין א קאלטן קאנאדישן ווינטער, האט דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע ארויסגעקוקט פונעם פענסטער און געזען **דעם גאסן-קערער (א גוי) וואס ארבעט זייער שווער אין דער קעלט צו רייניגן די גאסן פון קרית טאהש**, דער רבי האט גלייך געבעטן די גבאים, אז מען זאל אים אנפילן א גלאז הייסע טיי מיט א גוטן שטיקל מזונות, און דער רבי אליין איז ארויסגעגאנגען אין דער קעלט, צוגעגאנגען צום גוי, **און אים אהין געגעבן מיט א שמייכל די הייסע טיי און אים געהאלפן זיך אנווארעמען**.

די מקורבים ביים רבין אין שטוב האבן זיך זייער געוואונדערט פארוואס דער רבי לייגט אריין אזויפיל כוחות פאר א פשוטע גוי, האבן זיי געפרעגט דעם רבין די סיבה פארוואס ער האט דאס געטון, האט דער רבי וואס איז געווען אויסגעקאכט אינעם מידה פון **הכרת הטוב**, און אויך אינעם מידה פון "**וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו**", געענטפערט מיט זיין איידעלן שמייכל, "**דער מענטש ארבעט שווער אין דער קעלט אז מיר זאלן קענען גיין אין בית המדרש אן זיך אויסגליטשן, ווי קען מען זיין א הייליגע איד און נישט האבן קיין הכרת הטוב פאר א מענטש וואס העלפט אונז**".

• • •

**אין ספר עבודת עבודה ווערט דערציילט**, אז אמאל איז געקומען א פשוטע גאסט אויף שבת אין קרית טאהש, ביים טיש האט דער רבי גאר שטארק מקרב געווען דעם גאסט, און אים געגעבן שיריים מיט ביידע הענט, און אים מכבד געווען מיט די שענסטע כיבודים, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די גבאים און מקורבים פארוואס דער רבי איז אזוי מכבד אז פשוטען איד.

די גבאים וואס האבן די גאנצע שבת געזעהן אז דער איד איז גאר געווען אביסל צומישט און האט זיך נישט אויפגעפירט א גאנצן שבת לויט די תקנות אדער מיט דער געהעריגער דרך ארץ, האט עמיצער זיך אנגערופן צום רבי'ן, "**רבי, עמיצער וואס פירט זיך אזוי אויף איז דאך נישט ראוי צו אזא כבוד**", האט דער רבי זיך אנגערופן מיט גרויס ליבשאפט און אהבת ישראל, "**הקב"ה זאגט "השוכן אתם בתוך טומאתם", השי"ת האט ליב יעדן איד אפילו ווען ער איז נישט אויף דעם ריכטיגן פלאץ, אונזער תפקיד איז נאר צו ליב האבן און מקרב זיין, נישט צו מאכן חשבונות ווער עס איז ראוי און ווער נישט**".

• • •

**אין זכרונות לבית טאהש ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א איד א גרויסע חסיד פונעם הייליגען טאהשער רבי זי"ע, וואס האט ליידער שוין געהאלטן יארן נאך די חתונה, אבער האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, דער איד האט זיך כסדר מזכיר געווען ביים רבין און געבעטן אז די רבי זאל אים וואונטשן א ברכה אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, איינמאל איז דער איד אריינגעקומען צום רבין, און מיט ביטערע טרערן זיך אויסגערעדט צום רבין זיין מצב, אז ער איז שוין אזוי צובראכן און מיואש און ער שפירט ווי ער האלט דאס שוין מער נישט אויס.

האט אים די הייליגער טאהשער רבי זי"ע מחזק געווען און געזאגט מיט גרויס רחמנות און מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, "**וויסן זאלסטו, אז דער אייבערשטער הערט יעדער אטעם און יעדן קרעכץ פון א איד, עס מאכט זיך אמאל אז א גזירה שטעלט זיך און וויל נישט אוועק גיין, אבער ווען א איד קומט מיט א פשוט'ער אמונה און לייגט אריין זיין גאנצע כוח אין תפילה, קען ער איבערדרייען אלע עולמות**", און די רבי האט אים געגעבן א מטבע לצדקה און אים געזאגט, אז ער זאל מקבל זיין אויף זיך צו לערנען **יעדן טאג א שטיקל חובת הלבבות (שער הבטחון)**, עס איז נישט אריבער קיין יאר, און דער איד האט געהאלטן אין די האנט א לעכטיגע געזונטע קינד.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה תולדות והנהגות ווערט דערציילט**, אז אמאל איז אריבער געקומען צום רבי'ן דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע א איד א גרויסער עם הארץ, וואס האט ליידער נישט פארשטאנען קיין סך אין אידישקייט און פלעגט זיך אפט אויפפירן אויף א גאר פראסטע אופן, די גבאים האבן זיך געקווענקעלט צי מען זאל אים בכלל שרייבן א קוויטל און אים לאזן זיך שטעלן אין די רייע צוזאמען מיט אלע חשוב'ע אורחים.

כאטש וואס דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע האט געהאלטן אינמיטן זיין שווערע עבודה, האט

ער באפוילן מען זאל דעם איד גלייך אריינלאזן און ווי נאר דער איד איז אריין אין שטוב, האט אים דער רבי אויפגענומען מיט א גאר גרויסער שטראלאנדער פרייד, אים אוועקגעזעצט אויף א בכבוד'יגע בענקל, און די רבי האט געהייסן מען זאל אים דערלאנגען די שענסטע אנגעגרייטע פירות און משקה.

נאכדעם וואס דער איד איז ארויסגעגאנגען מיט א פארגאסן פנים פון שמחה, האבן די גבאים געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס ער האט אזוי מכבד געווען דעם פשוטן גאסט פיל מער ווי אנדערע גרויסע תלמידי חכמים, האט דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע זיי געענטפערט מיט אן אמת'דיגן קרעכץ, "**אידן מיינען אז כבוד געהערט נאר פאר דעם וואס איז אדיר בתורה אדער א מיוחס, אבער דער אייבערשטער האט די גרעסטע נחת רוח ווען מען ווייזט ארויס ליבשאפט און מען הייבט אויף א איד וואס קיינער קוקט נישט אויף אים! ביי דעם איד אין הארץ ברענט דאך אויך א נשמה הטהורה, נאר זי איז פארהוילן און צובראכן. ווען מען גיט אים אביסל אמת'דיגע ווארעמקייט, וועקט מען אויף זיין נשמה טהורה**".

• • •

**אינעם קונטרס פניני עבודת עבודה ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען א יאר ווען א באקאנטער גביר און חסיד האט אראפגעהאלטן א גרויסע סומע געלט וואס ער האט געזאלט איבערגעבן פאר די הונדערטער עניים און נצרכים וואס פלעגן זיך שפייזן פון דעם רבינ'ס קאסע, דער גביר איז ליידער אריינגעפאלן אין א שווערן קלאפ אין ביזנעס און האט פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן, ביז ער איז געווארן א בעל חוב עצום, זייענדיג צובראכן און פארשעמט, איז ער אראפגעפארן קיין קרית טאהש, און זיך איינגעשפארט ביים רבי'ן אין חדר מיוחד, **און מיט טרערן אין די אויגן האט ער זיך אנטשולדיגט אז ער קען מער נישט העלפן פאר די גרויסע קופה פון צדקה.**

דער רבי האט אים אנגעכאפט ביידע הענט, אים אנגעקוקט מיט א הייליגער ליבשאפט און געזאגט, "**צו וואס ווייסטו אויף דיין אייגענעם געלט, דער אייבערשטער איז דאך דער זן ומפרנס לכל, ביז היינט ביסטו געווען דער שליח צו געבן, און יעצט וויל דער אייבערשטער אז דו זאלסט זעהן ווי ער אליין פירט די וועלט**", דער רבי האט גלייך געעפנט זיין אייגענע שופלאד, ארויסגענומען א גרויסע סומע געלט וואס ער האט ערשט באקומען פון אנדערע פדיונות, און דאס איבערגעגעבן פאר דעם גביר.

און די רבי האט אים געזאגט "**נעם דאס, צאל אפ דיינע ערשטע חובות, און דיין מזל וועט זיך צוריק איבערדרייען לטובה**", און טאקע דורך אזא מורא'דיגע מדרגה פון צדקה וחסד פונעם הייליגען טאהשער רבין זי"ע און בעיקר דאס רחמנות אויפן כבוד פון דעם גביר, האט דער צדיק מעורר געווען רחמים בעולם העליון, און אין א גאר קורצע צייט האט זיך יענער חסיד ארויסגעדרייט פון אלע זיין חובות און צוריק געווארן א גרויסער עושר, און שטענדיג געהאלטן דעם רבינ'ס קאסע אויף זיינע פלייצעס.

• • •

**אינעם קונטרס שמועות קודש זכרונות מבית טאהש ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז א יונגערמאן אריינגעקומען אל הקודש פנימה מיט גאר א שווערער צרה ער האט געהאט א חולה אין שטוב, און אלע דאקטוירים האבן שוין געהויבן די הענט און געזאגט אז עס איז ליידער נישטא קיין האפענונג פאר חולה, דער יונגערמאן האט אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין וואס האט אויפגעשאקעלט דאס גאנצע שטוב.

דער רבי איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט, זיך צוגערוקט צום פענסטער, **און פארמאכט די הייליגע אויגן און אנגעהויבן זיפצן שטילערהייט**, ער האט נישט געזאגט קיין ווארט פאר דעם יונגערמאן, נאר דער צדיק איז אזוי געשטאנען ביים פענסטער פאר עטלעכע מינוט אין א גרויס דביקות, ווען דער רבי האט זיך אויסגעדרייט, איז זיין פנים געווען רויט ווי פייער.

ער האט זיך צוגעזעצט צום יונגערמאן און אים געזאגט מיט א שטילן אבער פעסטן קול, "**גלויב מיר, מיינע כוחות זענען גארנישט, אבער ווען א איד קומט מיט אן אמת'דיגער פשוט'ע אמונה און גלייבט באמת אז נאר דער אייבערשטער קען אים העלפן, צעברעכט דאס אלע אייזערנע מויערן אין הימל, גיי אהיים מיט בטחון, און דער אייבערשטער וועט שיקן זיין רפואה**", די

דאקטוירים זענען געבליבן ערשטוינט ווען א וואך שפעטער איז די גאנצע מחלה נעלם געווארן בדרך פלא, אן קיין ערקלערונג.

• • •

**אינעם ספר עבודת עבודה הנהגות ופנינים ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א שפעטע נאכט אין קרית טאהש, די גאסן זענען שוין געווען איינגעהילט אין א טיפן שטילקייט און דער זייגער האט שוין געוויזן אויף דריי אזייגער פארטאגס, דער רבי דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע איז געזעסן אין זיין חדר פרטי, פארזונקען אין זיין הייליגע עבודת השם נאך א לאנגען טאג פון מקבל זיין קוויטלעך און אויף נעמען הונדערטער אידן וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק פאר א עצה ותושי'.

פלאצלינג האט זיך דערהערט א קלאפ אויף דער טיר, און א צעבראכענער איד, אן אורח וואס איז ערשט אנגעקומען פון דער וויטנס, האט אנגעקלאפט מיט גרויס פארשעמטקייט, די גבאים האבן אים אפגעשטעלט און געזאגט, אז דער רבי מוז זיך יעצט אפרוען אביסל און זיך גרייטן פאר שחרית, און די גבאים האבן נישט געוואלט דעם איד אריינלאזן צום רבין.

דער רבי האט אבער מיט זיין גרויס אהבת ישראל דערהערט די קולות ביים טיר, איז ער גלייך אויפגעשטאנען, געעפנט די טיר, און ארויסגעגאנגען צום אורח מיט א שיינעם ווארעמען שמייכל, און דער רבי האט אים אריינגעפירט אין חדר פרטי, און אים אליין אנגעגאסן א הייסע טיי, און געזאגט מיט זיין ליבליכע שטימע, "**מיינע טירן זענען קיינמאל נישט פארמאכט פאר א איד וואס דארף א ווארעם ווארט, ווען א איד קומט, איז דאס נישט קיין שטערונג פאר מיין עבודת השם, נאר דאס אליין איז די גרעסטע עבודה**", און דער רבי איז געזעסן מיט אים א גאנצע שעה, אויסגעהערט זיין צובראכן הארץ, און אים מחזק געווען, ביז יענער איד איז ארויסגעגאנגען מיט א פרישן כוח און א פיל הארץ פון האפענונג.

• • •

**אינעם קונטרס שמועות קודש זכרונות מבית טאהש ווערט געברענגט**, אז אמאל איז אריבערגעקומען אן ארימאן קיין קרית טאהש, אבער ער האט ער זיך זייער געשעמט צו בעטן געלט אדער דערציילן זיין נויט פאר די מענטשן, ער איז פשוט געזעסן אין בית המדרש, אומעטיג און צובראכן, אן א פרוטה אין טאש, און ער האט באמת נישט געוויסט ביי זיך וואס ער זאל טון צו ארויסהעלפן זיין צובראכענע מצב.

אבער דער רבי דער צדיק דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע האט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל באמערקט פון זיין פלאץ די צובראכענקייט פון דעם גאסט, און אן מאכן קיין שום רעש אדער אויפמערקזאמקייט, האט דער רבי גערופן איינעם פון די חסידים און אים איבערגעגעבן אן ענוועלאפ מיט א גאר גרויסער סומע געלט.

און דער רבי האט אים אנגעזאגט מיט גאר א שטרענגער אזהרה, "**גיי אריין אין בית המדרש, לייג דעם ענוועלאפ גאר שטילערהייט אריין אין זיין מאנטל טאש ווען ער קוקט נישט, אז ער זאל חלילה נישט וויסן ווער עס האט דאס אהינגעלייגט און ער זאל זיך נישט ח"ו פארשעמען**", דער חסיד האט אזוי געטאן, און שפעטער, ווען דער ארימאן האט אריינגעשטעקט זיין האנט אין טאש און געפונען דאס געלט, זענען זיין אויגן איבערגעפילט געווארן מיט טרערן פון שמחה, ער האט קיינמאל נישט געוואוסט ווער עס האט אים געראטעוועט דאס לעבן אין יענעם טאג, אבער די חסידים האבן געוואוסט, **אז דאס איז געווען די דרך פונעם רבי'ן, צו געבן צדקה און טון חסד מיט א באהאלטענקייט אן קיין שום פורסם**.

• • •

**אינעם ספר עבודת עבודה סיפורי תשועות ווערט דערציילט**, אז א יונגערמאן א תלמיד חכם איז אריין אל הקודש פנימה צום הייליגען טאהשער רבי זי"ע מיט א צובראכען הארץ, זיין קליין קינד איז ליידער קראנק געווארן מיט א שווערער מחלה, און די דאקטוירים אין שפיטאל האבן געגעבן גאר שוואכע שאנסן פאר א רפואה, און דער יונגערמאן האט זייער געוויינט און זיך נישט געקענט בארואיגן.

דער רבי דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע האט אים מיט א ליבלעכקייט צוגעפירט צום טיש, אים אנגעכאפט ביידע הענט גאר פעסט, און אים געזאגט מיט זיין הייליגע צוגעלאזענע שטימע,

**"מיר דארפן וויסן אז די דאקטוירים האבן נאר די רשות צו היילן, אבער זיי האבן נישט קיין רשות צו מיינען אז זיי פירן די וועלט, דער אייבערשטער איז דער 'רופא כל בשר ומפליא לעשות', ווען מיר לייגן אונזער גאנצן בטחון אין אים, און מיר נעמען אויף זיך מער צו דאנקען דעם באשעפער יעדן טאג, צעברעכט דאס אלע הימלישע גזירות".**

דער רבי האט דעם יונגערמאן בארואיגט און מחזק געווען, און דאן האט אים דער רבי געגעבן א שמירה'לע און אים געהייסן מקבל צו זיין אויף זיך, **צו זאגן יעדן טאג עטליכע קאפיטלעך תהילים מיט כוונה, און דער באשעפער וועט דיר בעזהשי"ת העלפן מיט א ישועה**, נאך אן אונטערזוכונג ביים דאקטאר בלויז צוויי וואכן שפעטער, זענען די דאקטוירים געבליבן ערשטוינט צו זעהן, **ווי די גאנצע מחלה איז פשוט נעלם געווארן, און דאס קינד איז צוריקגעקומען צו זיין פולער געזונט.**

• • •

**אינעם ספר עבודת עבודה הנהגות ושרשים ווערט דערציילט**, אז אמאל איז אריבער געקומען אל הקודש פנימה צום הייליגען טאהשער רבי זי"ע א יונגערמאן א סוחר, וועלכער האט זיך געפונען אין א שווערן ניסיון, ער האט געהאלטן פאר א גרויסן ביזנעס דיל וואס וואלט אים געברענגט אסאך געלט, **אבער כדי צו מצליח זיין האט ער זיך געדארפט באנוצן מיט א קליינעם קרומקייט אין די אומאפיציעלע פאפירן, און האט נישט געוויסט אויב ער זאל דס טון.**

ער איז אריין פרעגן דעם רבי'ן צי ער מעג דאס טאן, טראכטנדיג אז ער וועט דאך געבן א גרויסן חלק צדקה פארן רבי'נ'ס קאסע, אבער ווי נאר דער רבי האט דאס דערהערט, האט זיין פנים געטוישט פארבן.

ער האט אים אנגעכאפט ביי די אקסלען און געזאגט מיט גאר א ווארעמע אבער פייערדיגן קול, **"מיינסט אז דער אייבערשטער דארף האבן געלט וואס קומט נישט אויף אן ערליכן אופן, א איד דארף וויסן אז קיין איינציגע פרוטה קומט נישט פון קרומקייט! אלע השפעות און פרנסה קומען נאר דורך אן אמת'דיגע ערליכקייט, עס איז ענדערש צו פארלירן דעם גאנצן רווח, און בלייבן אן ערליכער איד וואס דער אייבערשטער קוקט אויף אזא איד מיט נחת".**

דער יונגערמאן האט געפאלגט דעם רבי'ן און אראפגעווארפן דעם דיל, לפלא עס איז נישט אריבער קיין דריי חדשים, און ער האט באקומען א גאר אנדערע ביזנעס געלעגנהייט, וואס איז געווען הונדערט פראצענט כשר און ערליך, **וואס האט אים געברענגט פופצען מאל מער רווח ווי דעם ערשטן דיל**, און ער האט ממש געזעהן אז דער צדיק דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע האט מיט זיינע הייליגע אויגן אראפגעברענגט א השפעה דורך זיך פירן ערליך.

• • •

**אינעם קונטרס לפיד האש זכרונות מבית טאהש ווערט דערציילט**, אז איינמאל ביי א פראכטפולן שבת'דיגן טיש אין קרית טאהש, ווען די רבי איז געזעסן אין מורא'דיגער דביקות, און די הונדערטער חסידים האבן געזינגען די הייליגע שבת'דיגע ניגונים מיט א געוואלדיגע התעוררות, איז אריינגעקומען אן אומגליקליכער איד וואס איז נישט געווען אינגאנצן ביי זיך, ער האט זיך אנגעהויבן פירן נישט נארמאל, ער האט געמאכט הויכע קולות, און איבערגעריסן די שטילקייט ביים הייליגן טיש.

די גבאים האבן זיך געגרייט אים שטילערהייט ארויסצו באגלייטן כדי ער זאל נישט שטערן דעם רבי'נ'ס עבודה און דעם עולם'ס שבת, דער רבי האט אבער באמערקט וואס עס טוט זיך, ער האט גלייך געוויזען פאר די גבאים מען זאל דעם איד אפלאזן, דער רבי האט דעם איד צוגערופן גאר נאנט צו זיך, אים אוועקגעזעצט ממש נעבן זיין אייגן פלאץ, און אים דערלאנגט פון זיינע אייגענע שיריים, און גערעדט צו אים מיט אזא ליבשאפט און כבוד, ווי ער וואלט געווען דער גרעסטער רבי אדער חשובע איד.

די מקורבים און נאנטע צום רבין האבן זיך זייער געוואונדערט און נישט פארשטאנען וואס דער רבי האט געטראפן אין דעם פשוטען איד, אבער נאכן טיש האט דער רבי געזאגט פאר די מקורבים מיט א ליבלעכקייט און מיט א שמייכל, **"עס איז גרינג צו האבן דביקות ווען אלעס פירט זיך שטיל און הייליג ביים טיש, אבער דער אמת'ער מבחן פון א איד אויב ער האט אהבת ישראל, איז ווען עס קומט א צובראכן נשמה'לע, דעמאלטס דארף ער אפלאזן זיין אייגענע הויכקייט און זיך אראפלאזן מחזק צו זיין א צעבראכן הארץ".**

• • •

**אינעם קונטרס פניני עבודת עבודה סיפורי מסעות ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א יאר ווען דער רבי איז געפארן אויף די הייליגע מקומות אין אייראפע צו מתפלל זיין ביים ציון פון זיין הייליגן זיידן הרה"ק רבי משולם פייש השרף מטאהש זי"ע, אינדערוועגס האט דער רבי **פלוצלונג געהייסן דעם דרייווער אפשטעלן דעם אויטא אריבערפארענדיג א פארווארפענע אומבאקאנטע דארף אין אונגארן.**

דער רבי איז ארויסגעגאנגען פונעם אויטא און זיך אנגעהויבן אומקוקן אויפן אלטן בית החיים וואס איז געווען איינגאנצן איבערגעוואקסן מיט דערנער און אומגעפאלענע מצבות, דער רבי איז צוגעגאנגען **צו איין געוויסע מצבה וואס מען האט כמעט נישט געקענט לייענען די אותיות, האט אראפגעלייגט ביידע הענט אויף די מצבה, און אנגעהויבן צו זאגן תהילים מיט גרויסע בכיות און קאכעדיגע טרערן פאר כמעט א שעה.**

נאכדעם וואס דער רבי האט געענדיגט זיין עבודת הקודש ביי די מצבה, האט זיין הייליג פנים אויפגעלאכטן און ער איז געווען אין א מורא'דיגע שמחה, ווען די חסידים האבן אים געפרעגט פונעם רבין, וועמענס קבר איז דאס געווען, האט דער רבי בלויז געענטפערט מיט ענווה, **"דא ליגט א נשמה פון א פשוטן איד וואס האט שוין יארן לאנג נישט געהאט ווער עס זאל זאגן א קאפיטל תהילים אדער מאכן א תיקון פאר זיין נשמה, און ער האט מיך גערופן"**.

• • •

**א איד דערציילט א מעשה נורא**, וואס האט מיט אים פאסירט בערך אין די תש"נ יארן, ביים צדיק דער הייליגער עבודת עבודה מטאהש זי"ע, דער איד דערציילט, אז ער איז געווען אויף א שבת ביים הייליגן טאהשער רבי זי"ע ווען עס איז געווען א שמחה ביי איינע פון דעם רבין'ס אייניקלער, דער יונגערמאן איז נישט געווען בכלל א טאהשער חסיד, אבער איז געווען דארט אויפן שמחה, דער יונגערמאן האט יענע צייט זיך באשעפטיגט מיט סחורה אויף די שווארצע מארקעט און האט געמאכט שיין פרנסה.

מוצאי שבת שפעט נאכן טיש פונעם רבין, האט יעדער געקענט אריין גיין מיט א קוויטעל און זיך געזעגענען ביים רבין, דער יונגערמאן איז אויך אריין און די רבי האט אים שיין אנגעוואונטשן, אבער ווען דער יונגערמאן האט געהאלטן ביים גיין, האט די רבי אים צוריק גערופן אריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און געזאגט פארן יונגערמאן, **"זאלסט האנדלן ערליך"**, דער יונגערמאן האט צו געשאקלט מיטן קאפ און געוואלט ווייטער גיין, אבער דער צדיק רופט אים צוריק און זאגט איבער די ווערטער אפאר מאל, און דאן כאפט דער צדיק אן דעם יונגערמאן, און זאגט אים,**"די זאלסט האנדלן ערליך, די ווייסט פון וואס איך רעדט"**, און דאן האט דער צדיק אים געוואונטשן, "זאלסט ווערן אפגעהיטן".

דערציילט דער איד, עס האט מיר אנגעכאפט א ציטער און א פחד זעענדיג אז דער צדיק ווייסט גאר גוט וואס ער זאגט, ווען דער יונגערמאן איז אנגעקומען אהיים האט ער זיך טאקע פארגענומען, אז ער גייט מער נישט האנדלן מיט די שווארצע סחורה, ער האט נאך געהאט א גרויסע קוואנטעם פון סחורה, אבער לפלא יענעם זונטאג האט די ספרינקלער'ס פין די פלאץ ווי די סחורה איז געלעגן געקראכט, און די גאנצע סחורה איז חרוב געווארן, און דער יונגערמאן האט פון דעם שאדן געהאט די גאנצע סחורה.

אבער דערציילט דער יונגערמאן די נס, **8 וואכן שפעטער האבן זיך די שטאטישע חברה אראפ געלאזט און ארעסטירט כמעט אלע וואס זענען געווען אין די שווארצע סחורה ביזנעס, עס איז געווען צרות צרורות אין די גאס**, זאגט דער יונגערמאן, ווען איך בלייב נאך אין די ביזנעס פאר א וואך, **וואלט איך אויך אנגעקומען אין תפיסה**, אבער דער צדיק מיט זיין הייליגע אויגן האט אלעס געזעהן, **און האט מיך געראטעוועט פון א זיכערע סכנה.**

**יארצייט כ״ח אב**

**הגה״ק רבי נפתלי צבי יהודה ב״ר יעקב זי״ע**
**(ברלין)**
**בעל העמק שאלה, הנצי״ב, מוואלוזין**

ער איז געבוירן אין שטאט מיר, **כ״ט מרחשון בשנת תקע״ז**.

צו זיין טאטע הרה״ג **רבי יעקב ברלין פון מיר** זי״ע, וואס איז געווען א רייכער סוחר, א איש תמים און זייער א ערליכער, סוף ימיו איז זיין טאטע ארויף קיין ארץ ישראל, ווייל ער האט נישט געקענט צו קוקען ווי די השכלה רייסט שטיקער פון כלל ישראל.

די טאטע איז געווען פון די גזע פון הגה״ק **רבי אלחנן מברלין** זי״ע, וואס מען האט גערופן **״ר׳ אלחנן בעל התוספות״**.

און צו זיין מאמע ע״ה א טאכטער פון הגה״ק **רבי מיכאל אייזענשטאדט** זי״ע,

וואס איז געווען מגזע הגה״ק **רבי מאיר אייזענשטאדט בעל פנים מאירות** זי״ע, און פון הגה״ק **רבי מאיר הכהן כ״ץ** זי״ע, דער טאטע **פונעם הייליגען ש״ך** זי״ע.

ער איז געווען א גאון וגדול בתורה, און א גרויסע שקדן און א למדן נפלא בתורה, דער גאון האט זיך זיין גאנץ לעבן ממית געווען אויף תורה, ער האט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט זיין גאנץ לעבן אוועק געגעבן פאר תורה, און מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים, גאר גרויסע גדולים בתורה האבן ביי דעם גדול געלערנט, מען האט דעם גאון קיינמאל נישט געזען מבטל זיין צייט אדער רעדן דברים בטלים, נאר אייביג עוסק געווען בתורה.

מען דערציילט, אז ווען דער גאון דער הייליגער נצי״ב זי״ע האט געענדיגט זיין ספר **העמק שאלה**, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה און געריפן זיינע גרויסע תלמידים צום סעודה, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די תלמידים, פארוואס דער גאון האט ביים ענדיגן א ספר געמאכט אזא גרויסע סעודה, האבן די תלמידים געפרעגט דעם גאון פשט.

האט דער גאון דערציילט, אז אלס קינד האט ער נישט געהאט אזא גוטען קאפ און נישט אזוי פלייסיג געלערנט, און פארשטייט זיך נישט אזוי שטארק מצליח געווען אין לערנען, איין נאכט ליגענדיג אין בעט האט ער געהערט ווי דער טאטע זאגט פאר די מאמע, אז ער זעט נישט אז עס זאל עפעס אויסוואקסן פון דעם קליינעם הירש לייב, ממילא איז א שאד דאס זיצן ביים מלמד, לאמיר אים שיקן זיך אויס לערנען א פאך, וואס ער זאל כאטש קענען האבן פרנסה פון דעם.

ווען דער קינד הירש לייב האט דאס געהערט, איז ער ארויס געלאפן צום טאטן, און מיט טרערן זיך געבעטן, **אז דער טאטע זאל אים געבן נאך איין יאר צו פראבירן צו וואקסן אין תורה**, און טאקע יענעם יאר האט דער קינד גאר שטארק מצליח געווען, און געוואקסן ביז ער איז באוויסט געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות און למדנות התורה, און שפעטער איז אויס געוואקסען פון דעם קינד דער גרויסער גאון בתורה **דער הייליגער נצי״ב** זי״ע.

און דער גאון האט אויס געפירט מיט די ווערטער, **ווען איך בעט ווען נישט מיין טאטן דעמאלט, אז ער זאל מיר געבן נאך איין יאר צו מצליח זיין, וואס וואלט איך געזאגט ווען איך קום ארויף בעולם האמת, און מען האלט מיך פאר ווי איז דיין ספר העמק שאלה, וואס די האסט געברויכט ארויסגעבן, און איך וואלט אפילו נישט געוויסט וואס צו ענטפערן, און דאס איז די גרויסע שמחה, און פארדעם האב איך געמאכט אזא גרויסע סעודה לכבוד דעם וואס איך האב געענדיגט דעם ספר**.

ביי די 11 יאר איז דער גאון שוין געגאנגען לערנען אין די ישיבה וולוז׳ין, ביים ראש ישיבה הגה״ק **רבי איצלה מוולוז׳ין** זי״ע, דער זון פון הגה״ק **רבי חיים מוולוז׳ין** זי״ע, און דארט האט ער געהארעוועט על התורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה.

א יאר נאך זיין בר מצוה האט אים דער ראש ישיבה רבי איצלה זי״ע גענומען אלס א איידעם

פאר זיין טאכטער **הצדקת מרת ריינה בתיה** ע"ה, און מען דערציילט אז אפילו נאכן אים נעמען פאר אן איידעם, האט דער שווער און אויך זיין ווייב נישט געוויסט פון די גדלות פון דעם גאון רבי הירש לייב, און די ווייב האט נאך אפילו מקנה געווען דעם שוועסטער, וואס האט חתונה געהאט מיטן גאון הגה"ק **רבי לייזער יצחק פריעד מוואלוז'ין** זי"ע.

אבער איינמאל, אפאר יאר נאך די חתונה, האט דער שווער איינמאל באמערקט זיין חיבור אויף **ספרי עמק הנצי"ב**, און פון דאן האט דער שווער איינגעזען די גדלות פון דעם איידעם, וואס האט אייביג פראבירט צו באהאלטן זיין גדלות בתורה, און נאכדעם האט דער שווער אמאל געזען די בריוון וואס דער איידעם האט זיך געשריבן מיט הגה"ק **רבי דוד לוריא** זי"ע, און פון דאן האט דער שווער גאר שטארק מכבד געווען דעם איידעם.

נאך די חתונה האט ער קובע געווען א שטוב אין דעם בנין פון די ישיבה, ווי דער גאון דער נצי"ב זי"ע איז געזעצן ממש יומם ולילה און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה.

ער פלעגט די גאנצע וואך נישט אהיים גיין, נאר אויף שבת קודש, און דאס אלעס האט דער גאון געטון מיט א שטארקע באהאלטנקייט.

ווערט דערציילט, אז איין יאר שמחת תורה איז דער גאון וקדוש דער הייליגער נצי"ב זי"ע גאר שטארק געטאנצן מיטן ספר תורה, און זיך געפרייט מיט די הייליגע תורה, וואס דער גאון איז דאך באמת געווען גאר שטארק געבינדן מיט די תורה, לערנענדיג תורה יומם ולילה ממש מיט א געוואלדיגע התמדה.

אינמיטן האט פאסירט א שרעקליכע זאך, דער גאון איז אראפ געפאלן אויף דער ערד מיטן ספר תורה, און די תלמידים זענען גלייך צו געשפרינגען כדי צו כאפן דעם ספר תורה, אבער דער שווער זיינער הגה"ק **רבי איצלה מוואלוז'ין** זי"ע וואס איז דארט געשטאנען האט א שריי געגעבן פאר די תלמידים, **קודם זאל מען אויף הייבן דער נצי"ב, ווייל ער איז דאך א לעבעדיגע ספר תורה**, ווייל דאס איז געווען וואס דער הייליגער שווער האט געהאלטן פון זיין איידעם.

בשנת תר"ז צוויי יאר בעפאר דעם שווער'ס פטירה, האט דער שווער אריינגענומען דעם איידעם אז ער זאל זאגן שעורים אין די ישיבה, גרויסע תלמידים גאונים בתורה פלעגן זיצן ביי זיינע שיעורים, און דאן איז ער צוביסלעך מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה.

בשנת תר"ט ווען דער שווער איז נסתלק געווארן, האט מען אויף גענומען דעם איידעם רבי לייזער יצחק זי"ע אלס ראש ישיבה אין וואלוזין, אבער ליידער האט דער שוואגער נישט מעריך ימים געווען.

בשנת תרי"ג ווען דער שוואגער איז נסתלק געווארן, האט מען דעם גאון דעם נצי"ב אויף גענומען אלס ראש ישיבה, און דאן ווי עס איז געווען דער מנהג צו האבן א משנה צום ר"י, האט מען אויך גענומען אלס משנה ר"י הגה"ק **רבי יוסף דובער הלוי סולובייציק בעל בית הלוי** זי"ע.

דער הייליגער נצי"ב האט מיט א מסירת נפש מרביץ תורה געווען פאר בערך 40 יאר אלס ראש ישיבה פין דעם גרויסן ישיבה אין וואלוזין, גאר אסאך גדולים זענען פון דעם ישיבה ארויס געקומען וואס האבן שפעטער באלאכטן די וועלט מיט זייער תורה.

אפילו ווען עס האט ליידער אויס געבראכן א מחלוקה דארט אין ישיבה, האט דער גאון גאר שטארק מוחה געווען און פראבירט צו מאכן שלום, ער האט עוסק געווען דעם גאנצן טאג נאר אין תורה און אריין געלייגט יראת שמים אין זיינע תלמידים און מרביץ תורה געווען מיטן גאנצן כח.

בשנת תרכ"א האט ער געענדיגט זיין ספר **העמק שאלה אויף שאילתות של רבי אחאי**, און גדולים בדורו האבן ממש באוואונדערט דעם גדלות און חריפות פון דעם ספר, און דער גאון הגה"ק **רבי דוד לוריא** זי"ע, וואס האט געהאט זיין מנהג פון נישט געבן קיין הסכמת אויף ספרים, האט ער אבער אויף דעם ספר יא געגעבן אן הסכמה, און בתוך הדברים שרייבט ער בזה"ל, "**כי מן השמים זיכו להנצי"ב לחבר חיבור על השאילתות, ונפתחו לו בסייעתא דשמיא מעיינות חכמה, דברים חדשים לא שערום עד כה אחד מהמחברים ז"ל**".

בשנת תרל"א איז נפטר געווארן די רעבעצין **ריינה בתיה** ע"ה, וואס פון דעם רעבעצין האט ער געהאט זיין גרויסע זון הגה"ק **רבי חיים ברלין** זי"ע, דאן האט דער גאון חתונה געהאט מיט די טאכטער פון זיין שוועסטער **הצדקת מרת בתיה מרים אפשטיין** ע"ה, די טאכטער פון הגה"ק **רבי יחיאל מיכל הלוי אפשטיין מנובהרדוק בעל ערוך השולחן** זי"ע.

בשנת תרנ"א ליידער צוליב די מסירות פון אידישע קינדער, האבן די ראשי מדינה פון רוסלאנד, אנגעהויבן צו פאדערן אז מען זאל לערנען לימודי חול אין די ישיבה, אבער דער גאון האט זיך צו דעם נישט געוואלט צושטעלן, און ער האט געהאלטן **אז אויב לערנט מען לימודי חול, איז ענדערש צו פארשפארן דעם ישיבה, און טאקע בשנת תרנ"ב האט מען פארשלאסן דעם ישיבה**.

איינמאל האט זיך דער גאון אויס געדריקט, אז ער האט גאנץ ש"ס געלערנט 40 מאל, און 60 מאל האט ער דורך געלערנט סדר קדשים, און ער האט זיך אויס געדריקט בזה"ל, "**ניט געלערנט נור געהארעוועט**".

איינמאל איז הגה"ק רבי יחיאל מיכל עפשטיין מנובהרדוק זי"ע געווען אויף שבת קודש ביים גאון, און נאכן סעודה האבן די מסובים פארברענגט מיטן דערציילען סיפורים פון תלמידי חכמים מדורות הראשונים, אבער דער גאון דער נצי"ב איז ארויס פונעם חדר האוכל, און אריין אין א טינקעלע שטוב, און געלערנט בעל פה מסכת שבת, אזוי ווי זיין מנהג איז געווען.

ווען רבי יחיאל מיכל האט אים געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, האט דער גאון דער נצי"ב געזאגט, אז ער לערנט אין די טונקעל וועגן דעם חשש וואס חז"ל זאגן "**שמה יטה לאור הנר**", דערפאר לערנט ער אין די טונקעל, און אויך האט דער נצי"ב געזאגט, אז יעדער איד ברויך קענען כאטש איין מסכת בעל פה, **ווייל אויב מען קומט אן צו א פלאץ ווי עס געפונט זיך נישט קיין ספרים, זאל דער איד אויך קענען לערנען**.

לגבי זיין התמדת התורה דערציילט מען, אז ער האט געקענט לערנען די גאנצע נאכט, און אינמיטן די נאכט איז ער פון מידיקייט אראפ געפאלן אויף דער ערד, האבן די קרובים אינטער געלייגט קישענעס כדי ער זאל נישט שלאפן אויף דער ערד, אבער אזוי ווי דער גאון איז געפאלן אויף די קישענעס, האט ער זיך גלייך אויף געשטעלט און ווייטער געלערנט, האבן די קרובים מער נישט אינטער געלייגט די קישענעס, נאר געלאזט דעם גאון שלאפן אויף דער ערד.

ווערט דערציילט אז ביים גאון אין ישיבה האט געלערנט א בחור א גרויסע שקדן וואס איז געווען ממש אויסגעטון פון די וועלט, איין טאג ווען דער בחור איז אריין אין ביהמ"ד, האט זיך זיין בגד אריין געכאפט אין עפעס, און עס איז צעריסען געווארן, אבער דער תלמיד האט גארנישט באמערקט, און אריין אין ביהמ"ד און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה.

איז געווען אפאר בחורים וואס האבן אפגעלאכט פון דעם בחור, וויבאלד א חלק פון זיין גוף איז געווען אויפגעדעקט, אבער אזוי ווי דער גאון האט באמערקט ווי די בחורים מאכן חוזק פון דעם תלמיד.

איז דער גאון צו געגאנגען צו דעם בחור, און אים ארום גענומען און געקישט, און דאן האט ער מוסר געזאגט פאר די בחורים און געזאגט, ווייסט איר נישט וואס די משנה זאגט אין מסכת אבות, "**כל המכבד את התורה, גופו מכובד על הבריות**", און דער גאון האט מדייק געווען "**גופו, גופו, גופו, ממש**", ווייל א בחור וואס איז עוסק נאר אין תורה, **איז אזוי ווי א ספר תורה ממש**.

ווי באוויסט האט דער גאון גאר אסאך געלערנט משניות בעל פה, און ווען מען האט דעם גאון געפרעגט פארוואס ער טוט דאס, האט דער גאון געזאגט, **אז נאך די 120 יאר ווען מען לאזט איבער די וועלט, און מען קומט אן אין קבר, איז דאך פינסטער און מען קען נישט לערנען פון קיין ספר, אבער אויב קען מען משניות בעל פה, קען די נשמה לערנען משניות דארט אין קבר**.

מען דערציילט אז איינמאל איז זיין רעבעצין זייער קראנק געווארן און מען האט שוין גערופען די חברא קדישא, האט דער גאון געלאזט ריפן די

חברא קדישא, **און זיי באצאלט דעם גאנצן סכום פין די לוי' און תכריכים ביזן לעצטן פרוטה, און לפלא איז די רעבעצין גלייך געזונט געווארן כאחד אדם.**

האט דער גאון מסביר געווען די סיבה פון דעם באצאלן די גאנצע הוצאות פאר די חברא קדישא, ווייל די גמרא זאגט דאך, **מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה, און אויך פאר די חברא קדישא איז בשטימט וויפיל געלט זיי זאלן מאכן, קומט דאך אויס אויב וועט זי געזונט ווערן, וועלן דאך די חברא קדישא נישט מאכן די געלט**, דערפאר אזוי ווי איך האב באצאלט דאס גאנצע געלט, האבן דאך שוין די חברא קדישא געמאכט זייער געלט, קען זי דאך שוין געזונט ווערן.

ווערט דערציילט, אז דער גאון דער הייליגער נצי"ב זי"ע האט געהאט זיין וואוין ארט העכער די בנין הישיבה, און דארט אין ישיבה האבן געלערנט קרוב צו 300 בחורים גדולים בתורה, וואס האבן געלערנט ביז שפעט אין די נאכט, און די תלמידים האבן נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי דער גאון קען זיך צו לייגן ביינאכט מיטן קול התורה אנגייענדיג ביז די שפעטע שעה'ן פון די נאכט.

האט א תלמיד פאר געלייגט די שאלה פארן גאון, ווי אזוי עס קען זיין אז ער קען שלאפן ביינאכט מיטן קול התורה, האט דער גאון מיט א פשטות געזאגט די משל, אויב א מענטש האט א געשעפט ווי מען מאהל'ט ווייץ, איז אויב דער מענטש גייט דורך דעם געשעפט און הערט קולות ווי דער מיל ארבעט, וועט עס דען אים שטערן, אוודאי נישט, וויבאלד דאס איז דאך זיין ביזנעס און פון דעם לעבט ער דאך, **דאס זעלבע איז מיט די ישיבה, די תלמידים און דעם קול התורה, דאס איז דאך מיין חיות, און דעם קול התורה ביינאכט איז מיין בעסטע מתנה אין לעבן**, און דערפאר שטערט דאס מיך בכלל נישט.

הגה"ק רבי איסר זלמן מלצר זי"ע וואס איז געווען פון די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגען נצי"ב זי"ע פלעגט יעדן טאג זיך פארקוקען דעם שיעור יומי מיטן רבין, איין טאג נאכדעם וואס דער נצי"ב האט זיך געענדיגט פארקוקען דעם שיעור און די תלמידים האבן געווארט אז זייער רבי זאל אריינקומען זאגן דעם שיעור, אבער דער רבי קומט נישט אריין, איז דער תלמיד רבי איסר זלמן אריין צום רבין, און געפרעגט פארוואס די רבי קומט נישט אריין.

האט דער הייליגער נצי"ב געזאגט, וויסן זאלסטו, אז יעדן טאג ביים דאווענען שחרית, ווען איך קום אן צו אהבה רבה, בין איך מתפלל מיט גרויס געוויין ביים הייליגער באשעפער, אז איך זאל מצליח זיין אין תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין, **אבער היינט ביי אהבה רבה האב איך נישט געקענט וויינען, און דערפאר וויל איך היינט נישט זאגן דעם שיעור פאר די תלמידים.**

דער תלמיד רבי איסר זלמן מעלצער זי"ע האט מעיד געווען, אז זיין רבי דער הייליגער נצי"ב האט מיט זיין גרויסע כוח התורה געהאט א לעכטיגע צורה, וואס האט געשיינט די גאנצע וואך, אבער דאס שיין וואס דער גאון האט געהאט ווען עס איז געקומען דעם הייליגען טאג פון שבת קודש, דאס איז ממש נישט צום באשרייבען, **ער האט געלאכטן מיט א הימלישע שיין פון גרויס קדושת השבת, און לפלא מוצאי שבת קודש גלייך נאך הבדלה, איז דער גאון ממש נשתנה צורה געווארן.**

ווען דער תלמיד חביב פונעם נצי"ב זי"ע הגה"ק רבי זעליג ראובן בענגיס זי"ע האט גענומען א רבנות פאסטן, איז ער אריין געגאנגען צו זיין רבין, אז ער זאל אים מדריך זיין ווי אזוי ער זאל זיך פירן, האט אים זיין רבי דער נצי"ב זי"ע געזאגט, **די זאלסט פארשטיין, אז לערנען תורה און האבן ידועות אין ש"ס ופוסקים איז זייער א וויכטיגע זאך, אבער דאס גרעסטע זאך וואס מען ברויך טון, איז מתקן זיין די שלעכטע מידות, און זיך פירן מיט די בני הקהלה מיט סבלנות, כאשר ישא האומן את היונק.**

ליידער נאכדעם וואס די ישיבה איז פארשפארט געווארן, האט דאס גורם געווען גרויס צער און עגמת נפש פארן הייליגען נצי"ב זי"ע, נישט קענענדיג מער מרביץ תורה זיין פאר זיינע גרויסע תלמידים, און ער איז פון דעם געווארן אפ געשוואכט.

דאן האט ער אריינגערופן זיין זון הגה"ק רבי חיים ברלין זי"ע, און ער האט אים אנגעזאגט ווי

אזוי ער זאל זיך פירן נאך זיין פטירה, אויך האט ער אים געזאגט, אז ער גייט נישט בעטן אז מען זאל נישט האלטן קיין הספדים אויף אים, ווייל דאס איז דער דרך העולם כדי צו מכבד זיין די הייליגע תורה, אבער וויסן זאלסטו, **אז יעדע בלאט גמרא וואס די וועסט לערנען אנשטאט די צייט פונעם הספד, וועט דאס מיר ברענגען אסאך א גרעסערע קורת רוח בעולם העליון.**

ער האט איבער געלאזט זיינע גרויסע ספרים.

**ספר העמק שאלה, על שאילתות דרב אחאי,**
**ספר העמק דבר, על התורה,**
**ספר רנה של תורה, על שיר השירים,**
**שו"ת משיב דבר.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי חיים ברלין אב"ד מוסקבה וירושלים** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרה רשא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי רפאל שפירא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת דרייזל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי רפאל שפירא** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ח מנחם אב בשנת תרנ"ג זייענדיג 76 יאר אלט**, ומנוחתו כבוד איז געווען אין ביה"ח אין שטאט **ווארשא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין די הקדמה פונעם הייליגען נצי"ב זי"ע אויף זיין ספר קדמת העמק ווערט געברענגט**, א בארימטע מעשה איבער זיין יוגנט און די געוואלדיגע התמדת התורה פונעם גאון דער הייליגער נצי"ב זי"ע, וואס דער גאון אליין האט דערציילט ביים סיום און סעודה וואס ער האט געמאכט, ווען ער האט געענדיגט זיין גרויסן ספר העמק שאלה אויף שאילתות דרב אחאי, וואס ברענגט מורא'דיג ארויס וואס דער גאון איז שוין געווען נאך זייענדיג א יונג קינד.

ווען דער הייליגער נצי"ב זי"ע איז געווען א אינגל פון עטלעכע יאר, איז ער נישט געווען קיין אויסנאמליכער עילוי, און די לימודים זענען אים אנגעקומען גאר שווער, זיין פאטער הגה"ק רבי יעקב ברלין זי"ע האט געזען, אז דער יונגעלע פלאגט זיך און מאכט נישט קיין גרויסע פארשריט, האט ער איין טאג באשלאסן אים ארויסצונעמען פון חדר און אים אויסלערנען א מלאכה, ווי א שניידער אדער א שוסטער, כדי ער זאל האבן פון וואס צו לעבן.

די נאכט פארן אויספירן דעם פלאן, האט דער קליינער נצי"ב געהערט ווי זיינע עלטערן זיצן ביינאכט אין שטוב און וויינען מיט ביטערע טרערן אויף זיין גורל, אז ער גייט נישט אויסוואקסן קיין תלמיד חכם, ווען דער קליינער נצי"ב האט געזען די אמתדיגע טרערן פון זיינע עלטערן, איז עס אים אריין גאר טיף אין הארצן, ער איז אריינגעלאפן צו זיי אין צימער און צוגעזאגט מיט א געוויין פאר די עלטערן, "**טאטע, מאמע! לאזט מיך נאך איין מאל פרובירן, איך זאג ענק צו, אז איך וועל זיך נעמען לערנען מיט אלע כוחות און לערנען מיט אן אומבאגרענעצטע התמדה**".

האט דער הייליגער נצי"ב זי"ע געזאגט, פון דעם טאג אן האט ער זיך אריינגעווארפן אין לערנען טאג און נאכט אן אויפהער, ביז ער איז אויסגעוואקסן דער גרויסער מנהיג פון דור, ביים סיום האט דער נציב אויסגעפירט מיט טרערן, "**טראכט אריין, ווען איך וואלט דעמאלטס נישט אנגעהויבן לערנען מיט אלע מיינע כוחות, וואס וואלט פאסירט, נאך הונדערט און צוואנציג יאר וואלט איך געקומען אויבן אין הימל, און מען וואלט מיר געוויזן דעם חיבור העמק שאלה, און מען וואלט מיר געפרעגט, נפתלי, דאס איז דיין ספר! פארוואס האסטו עס נישט מחבר געווען, וואס וואלט איך דעמאלטס געענטפערט, אז איך בין געווען א שוסטער**".

• • •

**די זקנים פון שטאט וואלאזשין פלעגן דערציילן**, אז עס איז בארימט געווען, אז דער הייליגער נצי"ב זי"ע איז כמעט נישט געשלאפן, ער פלעגט זיצן אין זיין צימער אין וואלאזשין און לערנען ביז די כוחות זענען אים ממש אויסגעגאנגען, איין נאכט האט דער גבאי אדער א תלמיד באמערקט אז אין דעם נציב'ס לערן צימער איז די אויל לאמפ אויסגעגאנגען ווייל עס איז

אויסגעלאפן דאס אויל, דעריבער איז דער צימער געווען אינגאנצן פינצטער.

אבער פון אינעווייניג האט מען נאך אלץ געהערט דעם הייגען נצי"ב לערנען אויף א קול מיט א געוואלדיגע ברען און התמדת התורה, ווען מען איז אריין פרעגן פון גאון וויאזוי ער קען לערנען אין דער פינצטערניש.

האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער הייליגער נצי"ב איז געווען אזוי פארזונקען אין די תורה, **אז ער האט בכלל נישט באמערקט אז די גשמיותדיגע ליכט איז אויסגעגאנגען**! זיין נשמה איז געווען אנגעהאנגען אין דער רוחניותדיגער ליכט פון די תורה הקדושה, און דערפאר האט דער גאון ווייטער געלערנט נישט באמערקענדיג אז די ליכט האבן זיך פארלאשן.

• • •

**אינעם ספר שר התורה אויפן נצי"ב ווערט געברענגט**, אז דער איידעם פונעם הייליגען נצי"ב, הגאון רבי רפאל שפירא זי"ע, האט דערציילט, איבער די געוואלדיגע יגיעה וואס דער נצי"ב האט אריינגעלייגט אין זיין פירוש העמק דבר אויף די תורה, דער נציב פלעגט שרייבן זיינע פירושים אויף די תורה יעדע נאכט נאך א לאנגע שווערן טאג פון פירן די ישיבה, ענטפערן שאלות, און זארגן פאר די תלמידים.

אסאך מאל פלעגט ער זיין אזוי אומגעהויער מיד, אז די פינגער האבן אים שוין נישט געפאלגט און דער פעדער איז אים ארויסגעפאלן פון די האנט, און כדי נישט איינצושלאפן, פלעגט ער שטעלן זיין פוס אין א שיסל מיט קאלטע וואסער, אדער זיך אויפשטעלן און לערנען שטייענדיג שעות אריכות, אבי נישט צו פארלירן קיין איינציגע מינוט פון לערנען.

• • •

**עס ווערט געברענגט אין ספר מקור ברוך און תולדות הנצי"ב**, אז איין מאל איז דער הייליגער נצי"ב זי"ע געווארן גאר שטארק פארקילט און האט געהאט הויעך פיבער, דער דאקטער וואס איז געקומען אים באזוכן האט אים געווארנט און פאראדערנט, אז ער ברויך זייער היטן אויף זיין געזונט, **און דערפאר זאל ער פאר דריי טאג נשט לערנען און נישט אריינקוקן אין קיין ספר, נאר זיך לייגן אין בעט און אביסל זיך אויסריען, כדי די מוח זיינער זאל זיך אביסל אפרוהען.**

דער הייליגער נצי"ב האט דעם דאקטאר אנגעקוקט מיט וואונדער און געזאגט מיט אן אמת, **"רבי איד, דער באשעפער האט מיר געגעבן א געוויסע צאל יארן אויף דער וועלט צו עוסק זיין אין זיין תורה, אויב איך וועל ליגן דריי טעג אן לערנען, וויאזוי וועל איך קענען מתקן זיין און אפגעבן די פארפאלענע שעות, וואס זאל איך דיר זאגן, איך האב פשוט נישט קיין צייט אין מיין לעבן צו זיין קראנק"**, דער גאון איז טאקע תיכף אויפגעשטאנען פון בעט און זיך אומגעקערט צו זיין געהעריגן סדר הלימוד, דאס איז געווען זיין געוואלדיגע התמדת התורה, און דער גאון האט זיין גאנץ לעבן געוויזן פאר זיינע תלמידים, אז דאס וואס די פסוק זאגט **כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלַיְלָה**, איז נישט סתם א פסוק, נאר א איד ברויך דאס מקיים זיין יעדע רגע פון זיין לעבן.

• • •

**אין ספר שר התורה ווערט געברענגט**, איבער די גרויסע קדושה און טהרה וואס דער גאון דער הייליגער נצי"ב זי"ע האט אריינגעלייגט ביים שרייבן זיין פירוש אויף די תורה, זיין איידעם הגה"ק רבי רפאל שפירא זי"ע דערציילט, אז דער נצי"ב האט זיך קיינמאל נישט געזעצט שרייבן קיין איינציג ווארט פון זיין פירוש העמק דבר אן זיך טובל'ן אין מקווה פארדעם, ער פלעגט זאגן, **"אז די תורה הקדושה איז איין שטיק קדושה, און מען קען נישט משיג זיין די אמתדיגע כוונה פון די תורה אן א טהור'דיגן גוף און א טהור'דיגע נשמה"**.

ווען ער פלעגט מסופק זיין אין א פשט אדער אין א ביאור אויף א פסוק, פלעגט ער זיך אנטאן שבת'דיגע בגדים, מאכן א תענית, און מתפלל זיין מיט א געוויין, אז דער באשעפער זאל אים מגלה זיין דעם אמת'ן פשט, און דער גאון דער הייליגער נצי"ב האט מעיד געווען, **אז מערערע פשטים אין ספר העמק דבר זענען אים נתגלה געווארן פון הימל נאך אזעלכע תפילות.**

• • •

**און ספר תולדות הנצי"ב ווערט דערציילט**, אז בשנת תרמ"ה זענען עטליכע בחורים אין וואלאזשין געווארן פאר'מסר'ט מיט א שרעקליכע מסירה ביי די רוסישע רעגירונג, און די רעגירונג

האט געשיקט אן אינספעקטאר צו אויספרעגן דעם הייליגען נצי"ב, עס איז געווען א גרויסע סכנה פאר דער גאנצער ישיבה, איידער דער אינספעקטאר איז אריינגעקומען, **איז דער הייליגער נצי"ב געשטאנען ביים פענסטער און געזאגט תהילים מיט א געוואלדיגע ברען און דביקות**.

ווען דער אינספעקטאר איז אריינגעקומען, האט ער געוואלט שטעלן שווערע פראגעס אויפן רוסישע שפראך פארן גאון, דער הייליגער נצי"ב, וואס האט נישט גוט געקענט די שפראך, האט אים אנגעקוקט מיט זיין איידעלע און קדוש'דיגן בליק, דער אינספעקטאר האט פלוצלונג געזען אויפן נצי"ב'ס פנים א קדושה און יראת שמים וואס האט אים אינגאנצן דערשראקן, **ער האט זיך פארנויגט מיט גרויס דרך ארץ, זיך אנטשולדיגט, און פארלאזט דעם צימער אן צו פרעגן קיין איינציגע קשיא**.

די תלמידים האבן שפעטער געפרעגט דעם הייליגען נצי"ב וואס ער האט מכוון געווען בשעת דער אינספעקטאר איז אריינגעקומען, האט דער גאון דער הייליגער נצי"ב געזאגט מיט א פשטות און מיט זיין גרויס עניוות, "**איך האב מכוון געווען דעם פסוק "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך", און ווען א איד איז זיך מקדש, און זיין גוף איז א קדוש'דיגער כלי פאר די תורה, פאלט א פחד אויף די אומות העולם**".

• • •

**אין די מאמרי זכרון פון די תלמידי הישיבה ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער נצי"ב זי"ע איז נישט נאר געווען א שר התורה, נאר אויך א עובד השם נורא מאוד און זיין עבודת השם איז געווען מיט א גרויס התלהבות, זיין דאווענען איז געווען ווי א מלאך השם צבקות, ביי קריאת התורה אין וואלאזשין פלעגט דער הייליגער נצי"ב אליין ליינען די סדרה יעדן שבת.

די תלמידים האבן דערציילט, אז עס האט זיך כמעט נישט געמאכט א שבת **וואס עס האט זיך נישט געגאסען טייכן טרערן ביים לייענען**, בפרט ווען ער פלעגט לייענען די פסוקים פון **תוכחה** אדער די פסוקים פון **מעשה אבות**, פלעגט זיין קול זיך ממש אפשטעלן פון גרויס געוויין, זיין קדושה איז געווען אזוי גרויס, אז דער גאנצער בית המדרש האט זיך מיטגעוועקלט מיט אים, און די בחורים פלעגן תשובה טאן בלויז פון הערן זיין קריאת התורה.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט דערציילט**, אז זיין שוואגער דער גאון **רבי ברוך הלוי עפשטיין בעל ברוך שאמר** זי"ע האט מעיד געווען אויפן נצי"ב זי"ע, אז אין די אלע יארן וואס ער האט געוואוינט ביי אים אין הויז, האט ער קיינמאל נישט געהערט פונעם נצי"ב קיין איין ווארט פון **לשון הרע, דברים בטלים, אדער אומנייטיגע דיבורים**, אפילו ווען מען האט גערעדט איבער ענינים פון די הנהגת הישיבה אדער עפנטליכע ענינים פון כלל ישראל, האט ער יעדעס ווארט אנגעוואגן אויפן וואגשאל פון הלכה, כדי חלילה נישט עובר זיין אויף קיין איין איסור פון די תורה, ער האט זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**דער מויל איז געהייליגט צו לערנען די תורה פון דעם באשעפער, וויאזוי קען מען ניצן דעם הייליגע מויל אויף דברים בטלים**".

• • •

**אין די זכרונות פון די תלמידי הישיבה ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער נצי"ב זי"ע האט אנגעקוקט יעדן תלמיד אין וואלאזשין ווי זיין אייגן קינד, זיין דאגה פאר זיי איז נישט געווען נאר אין בית המדרש, נאר אויך אין זייער פריוואטן לעבן, אין די קאלטע רוסישע ווינטער נעכט, ווען די פראסטן אין וואלאזשין זענען געווען גאר שווער, פלעגט דער הייליגער נצי"ב אליין ארומגיין שפעט ביינאכט צוזאמען מיט זיין משמש צו די דירות און אכסניות וואו די בחורים האבן געוואוינט.

ער פלעגט שטילערהייט אריינגיין אין די צימערן, קוקן אויף די שלאפנדיגע בחורים, און זען צי זיי זענען גוט צוגעדעקט מיט די דעקעס, אויב ער האט געזען א בחור וואס די דעקע איז אראפגעפאלן פון אים, האט ער זיך צוגעבויגן מיט גרויס ליבשאפט און אים אליין צוגעדעקט, כדי דער בחור זאל זיך נישט פארקילן, ער פלעגט אויך זיך אומקוקן צי די אויווענס אין די צימערן זענען גוט געהייצט, כדי די תלמידים זאלן האבן א ווארעם ארט צו שלאפן און קענען לערנען מארגן מיט א גרינגן קאפ.

• • •

**אין ספר תולדות הנציב ווערט געברענגט**, אז די ישיבה אין וואלאזשין האט אסאך מאל געליטן פון

שווערע פינאנציעלע דעפיציטן, און עס איז נישט אייביג געווען קיין געלט אין די קאסע צו באצאלן פאר די בחורים זייערע חודש'ליכע שטיצע, איינמאל פאר יום טוב איז די קאסע פון די ישיבה געווען אינגאנצן ליידיג, און עס איז נישט געווען קיין געלט צו געבן פאר די ארימע בחורים וואס האבן נישט געהאט קיין געלט אויף קליידער, און אויך האבן זיי נישט געהאט קיין געלט פאר די נסיעה אהיים.

דער הייליגער נצי"ב זי"ע מיט זיין גוט הארץ און גרויסע אהבת ישראל האט נישט געקענט צוזעהן די צער פון די תלמידים, ער **איז אריין אין זיין אייגן צימער, גענומען זילבערנע חפצים און די געהויבענע ספרים פון זיין אייגענעם הויז, און זיי אוועקגעגעבן פאר א משכון פאר א סוחר א גביר כדי צו באקומען געלט**, און דער גאון דער הייליגער נצי"ב האט צעטיילט דאס געלט פאר די בחורים ביזן לעצטן פרוטה, כדי זיי זאלן קענען פייערן דעם יום טוב מיט א פרייליכן הארצן, דאס איז געווען דאס מסירת נפש וואס דער גאון האט געהאט פאר די תלמידים און די הייליגע תורה.

• • •

**אינעם ספר שר התורה ווערט דערציילט**, אז איינמאל שפעט ביינאכט, ווען דער הייליגער נציב זי"ע איז ארומגאנגען אין גרויסן בית המדרש פון וואלאזשין, האט ער באמערקט א בחור וואס איז געווען גאר א גרויסער מתמיד, אבער פון גרויס מידעקייט און זייענדיג שטארק אפגעמיטשעט איז ער איינגעשלאפן שטייענדיג איבער זיין גמרא ביים שטענדער, און דער נציב האט מורא געהאט אז אויב ער וועט אים אויפוועקן, וועט זיך דער בחור שעמען אדער ער וועט שפירן שולדיג אז ער איז איינגעשלאפן אינמיטן לערנען, אבער פון די אנדערע זייט האט דער גאון מורא געהאט אז דער בחור קען אראפפאלן אזוי שלאפענדיג שטייענדיג ביים שטענדער און זיך ח"ו שטארק צוקלאפן.

וואס האט דער הייליגער נציב געטאן, ער איז שטילערהייט צוגעגאנגען, זיך אוועקגעשטעלט לעבן דעם בחור, **און אים געהאלטן מיט זיינע אייגענע הענט פאר איבער א שעה צייט, ביז דער בחור האט זיך אליין אויפגעוועקט**, ווען דער בחור האט זיך אויפגעכאפט און געזען דעם ראש ישיבה שטיין און אים האלטן, איז ער נתפעל געווארן ביז גאר פון די אומגעהויערע ליבשאפט און אהבת ישראל פונעם גאון, אז ער איז אפילו זייענדיג עלטער פונעם בחור און זייענדיג מפורסם אלס דער גאון וגדול הדור, האט אים געפאסט צו שטיין און אפהיטן דעם בחור וואס לערנען תורה איבער די כוחות.

• • •

**און תולדות רבי רפאל שפירא ווערט דערציילט**, אז צוזאמען מיט זיין גרויסע ליבשאפט און אהבת ישראל, האט דער הייליגער נצי"ב זי"ע געקעמפט ווי א לייב צו באשיצן דעם כבוד און דעם עתיד פון יעדן בחור פון זיינע תלמידים, איינמאל איז א בחור אריינגעפאלן אין א געוויסע טעות און האט געטאן א מעשה וואס האט נישט געפאסט פאר א בן ישיבה, עטלעכע פון די הנהלה האבן געהאלטן אז מען ברויך דעם בחור תיכף ארויסווארפן פון די ישיבה, כדי ער זאל נישט פארדארבען אנדערע בחורים.

אבער דער הייליגער נצי"ב האט זיך פעסט אנטקעגנגעשטעלט און געזאגט, "**איך בין נישט קיין שופט ארויסצוגעבן א גזר דין אויף א נשמה, מיינע תלמידים זענען ווי מיינע קינדער, פרעג איך אייך, אויב א קינד ווערט ח"ו קראנק אין שטוב, ווארפט מען אים ארויס אויפן גאס, זיכער נישט, נאר מען היילט אים מיט מער אהבה און מער ווארעמקייט**", דער גאון האט גענומען דעם בחור צו זיך אין צימער, גערעדט צו אים מיט גרויס איידלקייט און ליבלעכקייט, און ער האט אים ארומגענומען מיט אזא ווארעמקייט, אז דער בחור איז געווארן אינגאנצן נתעורר, און האט פארראכטן זיינע מעשים, און איז שפעטער אויסגעוואקסן צו איינער פון די גרעסטע גאונים בדורו.

**יארצייט כ"ט אב**

**הרה"ק רבי אליעזר זוסיא ב"ר ישראל אברהם זי"ע**
**(פורטגאל)**
**בעל נועם אליעזר, אדמו"ר מסקולען**

ער איז געבוירן אין שטאט סקולען אין מולדובה, **א' דראש חודש חשון בשנת תרנ"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי ישראל אברהם אב"ד סקולען בעסאראביע** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי חיים יודא מסאטנוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת לאה רייזל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי חיים שור אב"ד סלאפקאוויץ פודליה** זי"ע.

ער איז געווען א צדיק גמור א איש תמים און איש קדוש מאוד, וכל מעשיו היה לשם שמים, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ער האט געהאט א געוואלדיגע כח הנגינה, און ער האט פארפאסט גאר אסאך ווארעמע אידישע ניגונים, ער איז געווען דער אבי היתומים, און ער האט עוסק געווען בעניני הכלל מיט א מסירת נפש, ער האט ביי זיך אין שטוב אויף געצויגען יתומים און יתומות וואס זייערע עלטערן זענען נעבעך אומגעקומען על קידוש השם, ער האט מיט א מסירת נפש ממש עוסק געווען צו מקרב זיין אידישע קינדער לאביהם שבשמים, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

אלס יונגער בחור איז דער צדיק שוין געווען באוויסט אלס א עילוי גדול און א בקי נפלא בתורה, ער איז שוין דאן אלס בחור געווען מפורסם אלס א בקי נפלא בש"ס ופוסקים און אויך אין שולחן ערוך בעל פה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, ער האט שוין דאן אלס בחור עוסק געווען אין העלפן אידישע קינדער.

ער איז געווען גאר שטארק מקושר צו רבנים לבית רוזין, ספעציעל צו הרה"ק **רבי אברהם מתתיהו הצדיק משטעפענעשט** זי"ע, וואס דער צדיק רבי אברהם מתתיהו האט געזאגט אויפן רבין בזה"ל, "**אסאך אידן וועלן זיך קלאמערן ביי זיין טיר צו נעמען ברכות און זעהן זיין עבודת הקודש**", און נאך זיין פטירה איז ער געווען מקושר צו הרה"ק **רבי ישראל שלום יוסף מבוהוש** זי"ע, און הרה"ק **רבי מרדכי שלום יוסף מסדיגורה** זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת שיינא רחל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב ב"ר נח מפרומושיקה** זי"ע,
פון די גרויסע חסידים פון דער צדיק **משטעפענעשט** זי"ע.

י"ח אייר ל"ג בעומר בשנת תרע"ה זייענדיג בערך 17 יאר אלט איז דער טאטע נסתלק געווארן, האט מען דעם רבין אויף גענומען אלס ממלא מקום פונעם טאטן אין שטאט סקולען, און דאן האט ער אויף גישטעלט דעם הייליגען **חסידות סקולען**.

ער האט דארט אין סקולען עוסק געווען אסאך אין מקרב זיין אידישע קינדער צום גרויסן באשעפער, ער האט געלערנט תורה מיט א געוואלדיגע התמדה יומם ולילה, אסאך אידן יראים ושלמים האבן זיך דאן מדבק געווען אונעם רבין, און געקומען צו אים פאר א עצה ותושיה, אויך איז מען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און מיט האלטן דעם גרויסן עבודה וואס דער צדיק האט אפ גערעכטן, און דאן האט מען דעם צדיק אנגעהויבן רופן, "**דער סקולענער רבי**".

ער האט דארט אין שטאט סקולען געשריבן א קונטרס אויף הלכות שבת, כדי די איינוואוינער פון שטאט זאלן וויסן די הלכות פון שבת קודש, אויך האט ער געזארגט פאר כשרות פאר די אידן פון שטאט, ער האט דארט גאר אסאך לוחם געווען קעגן די משכילים, וואס האבן ליידער געוואלט אריינכאפן אידישע קינדער אין זייער נעץ.

בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה ווען די אידן פון שטאט טשערנאוויץ האבן געהערט פון דעם צדיק פון סקולען, האבן זיי געבעטן דעם רבין צו קומען קיין **טשערנאביץ**, און בעצתו פון דעם **סדיגורה רבי ר' מרדכי שלום יוסף** זי"ע איז ער אריבער קיין **טשערנאוויץ** אין **רומניה**, און דארט איז ער פארעכענט געווארן פון די גדולי הרבנים אין געגענט.

אויך איז דארט געווען מיטן רבין זיין זון הרה"ק **רבי אליעזר זוסיא אדמו"ר מסקולען** זי"ע וואס האט אסאך ארויסגעהאלפן דעם טאטן מיט די אלע פעולות פון העלפן אידישע קינדער.

ביים צווייטע וועלט מלחמה האט דער צדיק מיט געטיילט דעם זעלבן גורל פון אלע אידן, און ער איז געווען **אונעם געטא אין טשערנאוויץ**, און דארט האט דער צדיק גאר שטארק מחזק געווען די אידן, און מיט א מסירת נפש אנגעהאלטן זיין עבודת הקודש.

נאך די מלחמה איז דער שטאט טשערנאוויץ אריבער צו רוסלאנד, וואס איז שוין דאן געווען אונטער די קאמאניסטן, האט די רבי עוסק געווען מיט א מסירת נפש צו ראטעווען די קינדער וואס זענען נעבער געבליבן יתומים, און ער האט די קינדער אריבער געשווערצט קיין בוקארעשט וואס איז געווען אונטער רומניה.

די ממשלה אין טשערנאוויץ די קאמאניסטן האבן דעם רבין געפייניגט און איינגעשפארט אין תפיסה צוליב דעם וואס ער האט עוסק געווען אין די הצלה פון די קינדער קיין בוקארעשט, אבער די רבי האט זיך נישט אפגעשטעלט פון זיין עסקנות נאר דאס ווייטער אן געהאלטן מיט א מסירת נפש.

א' ניסן בשנת תשי"ט האבן די קאמאניסטן נאכאמאל איינגעשפארט דעם רבין צוזאמען מיט זיין זון דער שפעטערדיגער סקולענער רבי זי"ע, און מען האט די צוויי גאר אסאך געפייניגט מיט יסורים, אבער די צוויי צדיקים האבן זיך מחזק געווען און געדינט דעם הייליגען באשעפער אפילו אין דעם פינסטערן תפיסה, אויך איז באקאנט אז די צוויי צדיקים האבן מחבר געווען גאר הארציגע ניגונים דארט אין תפיסה, און דארט זענען זיי געזעצן פינעף חדשים.

**ערב שבת נחמו י' מנחם אב בשנת תשי"ט** האט מען זיי באפרייט פון תפיסה, אבער די צדיקים זענען געבליבן אין תפיסה ווייל זיי האבן נישט געוואלט מחלל שבת זיין, און צו פארשטיין וואס דער טאטע מיט זון האבן מיט געמאכט דארט אין תפיסה, קען מען זעהן וואס דער סקולענער רבי שרייבט בזה"ל, "**וממש היה כפסע ביני לבין המות, כי לא היה דרך הטבע להנצל מהם, ובדרך נס ממש נצלנו ממוות לחיים**", און דארט אין תפיסה האבן די סקולענער רבי'ס מחבר געווען דעם הארציגן ניגון "**יוודע בגויים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך**".

**א' ניסן בשנת תש"כ** האט דער רבי מיטן זון מצליח געווען ארויס צו קומען קיין אמעריקע, און זיך באזעצט אין **קראון הייטס**, און דארט האט ער אויף געשטעלט א ביהמ"ד, און דאן האט דער הייליגער רבי אסאך עוסק געווען מיטן מציל זיין אידן פון רומניה, דער צדיק האט נישט איינגערוט, ביז ער האט נישט געהערט אז עס זענען נישט דא קיין אידן וואס ברויכן הילף.

דאן איז די רבי אסאך געפארן קיין ארץ ישראל, און ער האט מייסד געווען דעם **מוסד חסד לאברהם** צו ראטעווען קינדער יתומים און יתומות נאך די מלחמה, און אויך וואס זענען ארויס געקומען פון רוסלאנד און רומניה.

בשנת תשכ"ז האט די רבי חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת יענטיל** ע"ה,
בת הגה"צ **רבי שרגא שמואל שניצלר מטשאבא** זי"ע.

דער צדיק איז געווען באקאנט אלס א גאר צוגעלאזענע מענטש וואס האט געהאט א הארץ פאר יעדן איד, ער האט מיט א מסירת נפש עוסק געווען זיין גאנץ לעבן, צו מקרב זיין אידישע קינדער וואס זענען ליידער געווען פארקראכן פונעם אידישען וועג, און טויזענטער אידן האבן אין זיין זכות אויף געשטעלט אידישע שטובער און פירן זיך נאך עד היום אויפן ריכטיגען וועג נאר דורך די מסירת נפש פונעם רבין זי"ע.

די אידן וואס האבן זיך געדרייט ביים הייליגען סקולענער רבי זי"ע קענען מעיד זיין די עבודת התפלה וואס דער צדיק האט אראפגעלייגט אפילו אין א פשוטע וואכן טאג, דאס גאנצע דאווענען איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע מתינות און מתיקות, דאס קר"ש ליינען ביי יעדע תפלה האט גענומען באלד א האלבע שעה, און גאר אסאך מאל האט ער ממש כמעט גע'חלש'ט.

מען דערציילט, אז ווען די רבי איז אנגעקומען אין שפיטאל דאס ערשטע מאל און געווען צוגעבינדן צו די אלע מאשינען, און ער האט דאן געליינט קר"ש, **זענען די נויריסעס געקומען צו לויפען, ווייל די מאשינען האבן געוויזן אז דאס**

**הארץ פונעם רבין האט זיך אפ געשטעלט**, און עס האט גענומען צייט ביז מען האט געקענט מסביר זיין פאר זיי אז דאס מיינט גארנישט, **נאר דאס געשעט יעדעס מאל ווען דער צדיק ליינט קר"ש פארן בורא כל עולמים**, און ווען איינער פון די גבאים האט געבעטן פונעם רבין, אז ער זאל זיך נישט אזוי אנשטרענגען ביי קר"ש, האט די רבי געזאגט, **אויב קען איך נישט ליינען קיין קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, דעמאלס וואס פעלט מיר אויס דאס לעבן**.

ער האט איבער געלאזט פאר דעם דור יתום זיין הייליגע זון הרה"ק **רבי ישראל אברהם** זי"ע וואס האט פאר יארן לאנג פארשיינט די וועלט מיט זיין תורה און קדושה און אויך זיין געוואלדיגע מידות צדקה וחסד.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין דעם **ספר נועם אליעזר**, און אויך האט דער צדיק איבער געלאזט א הויפן פון חסידישע ווארעמע ניגונים וואס ווערט געזונגען אין צענדליגע חסידישע הויפן.

די לעצטע פאר יאר איז די רבי געווען גאר שוואך און דאן האט די זון הרה"ק רבי ישראל אברהם זי"ע איבער גענומען דאס הנהגה פון די קהילת סקולען.

עס איז א גרויסע חידוש אויפן נוסח המצבה, וואס ווי עס איז מקובל האט דאס די רבי אליין געשריבן, און צווישן דעם נוסח שטייט די ווערטער, "**התחרט על חטאיו**", און ווי צדיקים האבן מעיד געווען אויפן רבין, **אז ער האט געזאגט ליגענט יעדעס מאל וואס ער האט געזאגט "אשמנו בגדנו גזלנו"**.

נסתלק לגנזי מרומים **ערב ראש חודש אלול כ"ט מנחם אב בשנת תשמ"ב, זייענדיג 84 יאר אלט**, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח ווישניץ אין מאנסי**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווי באקאנט איז דער צדיק דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע** געווען א נאה דורש ונאה מקיים, און ער האט גארנישט געטון אן קיין כוונה אין מחשבה לשם שמים, דערציילט מען, אז דער צדיק האט געהאט א מנהג, אז ווען ער איז ארויס פונעם בית הכבד, פלעגט ער נאכן שוין ארויסגיין און זיך וואשן די הענט, **צוריק אריין שטעקן די האנט צו אויסלעשן די לעקטער, און דערנאך זיך געוואשן די הענט נאכאמאל**.

ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק פארוואס ער לעשט נישט אויס די לעקטער נאך זייענדיג אינעווייניג, האט דער צדיק מיט תמימות געענטפערט, וויבאלד די סיבה פארוואס מען לעשט אויס די לעקטער, **איז כדי צו מקיים זיין די מצוות פון בל תשחית, ווייל התורה חסה על ממונם של ישראל**, קומט דאך אויס אז מען איז מקיים א מצווה, **דערפאר וויל ער נישט מקיים זיין די מצווה פון אינעווייניג, וואס די פלאץ איז דאך א מקום טומאה**, דערפאר גייט ער קודם ארויס, און נאכדעם לעשט ער אויס די לעקטער.

אויך איז באקאנט אז דער צדיק פלעגט שבת קודש יעדעס מאל ער איז ארויס פון שטוב, זיך קודם אויסגעוואשן די מויל און זיכער געמאכט אז קיין שום מאכל איז נישט געבליבן אין די ציין, **וויבאלד מען קען דורך דעם צוקומען צו עובר זיין אויף הוצאה בשבת**.

• • •

**דער צדיק דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע** האט געהאט א געוואלדיגע יראת הכבוד פאר צדיקי הדור און גאר שטארק מכבד געווען צדיקים און זיך מסתופף געווען בצולם מיט זיין געוואלדיגע עניוות.

דערציילט מען, אז נאכדעם וואס עס האט זיך געגרינדעט דעם **סאטמאר שטאט מאנרא**, האט איינע פון די נייע איינוואוינערס אין שטאט גערופן דעם רבין, צו די חנוכת הבית פון זיין נייע דירה, און ער האט דאן אויך געמאכט א מגבית פאר דעם **מוסד חסד לאברהם**, און די גבאים האבן אויס גערעכנט, אז ווען מען ענדיגט דעם חנוכת הבית און דעם מגבית, וועט מען אריבער גיין צום סאטמאר רבי זי"ע.

ווען מען האט געענדיגט דעם חנוכת הבית און די מגבית, און דער סקולענער רבי איז שוין געווען אין די קאר, האבן די גבאים געזאגט פארן רבין, אז

מען גייט יעצט אריבער אויף א באזיך צום סאטמאר רבי, האט דער הייליגער סקולענער רבי געפרעגט מיט וואונדער, יעצט גייט מען, האבן די גבאים געזאגט, יא מען האט שוין ערלעדיגט ביי די גבאים פון סאטמאר אז די רבי קען גלייך אריין גיין.

האט דער הייליגער סקולענער רבי געזאגט, **וויאזוי קען מען אריינגיין צום רבין פון סאטמאר, אן מאכן די ריכטיגע הכנה, ווייל ביים אריינגיין צו דעם צדיק ברויך מען זיך צוגרייטן בעפאר אזוי ווי עס פאסט זיך**, און דער סקולענער רבי האט נישט מסכים געווען אריבער צו גיין, און מען איז אהיים געפארן.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער רבי איז אנגעקומען אין אמעריקע, האבן די חסידים מעורר געווען דעם רבין, אז **מען ברויך אויף שטעלן מוסדות התורה און ישיבות**, האט דער רבי געפרעגט, וואס גייט פאר, סאטמאר, פאפא, צעהלים, נעמען שוין נישט אן קיין קינדער אדער בחורים, זאגט מען אים, יא זיי נעמען יא אן, נאר אונז וויל מיר אז די רבי זאל האבן אייגענע מוסדות.

האט די רבי געזאגט, פאר אונזערע קינדער זענען ב"ה דא ווי צו לערנען **אין די מוסדות סאטמאר, פאפא, צעהלים**, אבער איך וויל אויף שטעלן מוסדות התורה פאר קינדער, **וואס האבן ליידער נישט ווי צו לערנען**, און מיט דעם איז טאקע געגרינדעט געווארן די הייליגע מוסדות פונעם רבין "**חסד לאברהם**", וואס האט גערעטעוועט טויזענטער קינדער.

• • •

**דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע פלעגט דערציילן** יעדעס יאר די ערשטע נאכט סוכות די מעשה.

הרה"ק **רבי ארון המגיד מישרים מקליוואן** זי"ע פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע איז אריין געקומען אין די סוכה דעם ערשטע נאכט סוכות, און זיך פארזוימט מיט קידוש, און די מקורבים האבן געזען אז דער רבי איז זייער צובראכן, אבער נאך א שטיק צייט, האט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט, און געמאכט קידוש מיט א שמחה און א שמייכל אויפן פנים.

ווען זיינע תלמידים האבן אים געפרעגט וואס די פשט איז, האט דער צדיק דערציילט, ווען איך בין אריין געקומען אין די סוכה האב איך געזען אז אברהם אבינו ע"ה איז נישט דא ביי מיר אין די סוכה, דערפאר בין איך געווארן זייער צובראכן, פארוואס איך האב נישט זוכה געווען אז ביי די אושפיזא דאברהם זאל איך האבן אברהם אבינו ע"ה ביי מיר אין די סוכה.

האב איך אנגעהויבן מפשפש זיין אין מיינע מעשים, און בודק געווען וואסערע עבירה איך האב ח"ו עובר געווען, אז אברהם אבינו קומט נישט צו מיר אין די סוכה, דאן האט מען מיר מגלה געווען, **אז דאס איז צוליב וואס איך האב נישט איינגעלאדענט קיין גאסט וואס זאל קומען צו מיר עסן, און דערפאר קומט נישט אברהם אבינו, וואס זיין מידה איז דאך הכנסת אורחים**.

האט דער צדיק דערציילט, אז ער האט גלייך געזאגט א מליצה בזה"ל, "**רבונו של עולם, איך בין נישט קיין קליינער ארעמאן**", ווייל ווי באקאנט איז דער צדיק געווען א עני ואביון, און דער צדיק האט ווייטער געזאגט, אז גלייך נאך דעם מליצה איז אברהם אבינו ע"ה אריין געקומען צו אים אין די סוכה, און דאס איז געווען די צהלת פנים און די שמחה ביים צדיק.

• • •

**דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע פלעגט דערציילן די מעשה**, און ער האט געזאגט אז עס איז א סגולה לרפואה.

דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי משולם זושא מאניפאלי זי"ע איז איינמאל זייער קראנק געווארן, און מען האט געשיקט א שליח צו גיין מזכיר זיין דעם רבי ר' זושא ביים צדיק דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, און ווען מען איז געקומען צום שפאלער זיידע, האט ער געזאגט בזה"ל, "**רבוש"ע אם אבקש זכות על הרבי ר' זוסיא, הנה לא יצדק לפניך כל חי, ואפשר ח"ו יהיו איזו מקטרגים שיקטרגו ח"ו", אז אויב וועל איך בעטן פאר א רפואה פארן צדיק רבי ר' זושא, איז דאך באקאנט אז לא יצדק לפניך כל חי, אז ווען עס קומט צום באשעפער איז דאך קיינער נישט א צדיק, און אפשר וועט דאס נאך ברענגען ח"ו א קטרוג אויפן צדיק**".

אבער דאס קען איך זאגן, וואס אפילו די מקטריגים וועלן אויף דעם נישט קענען מקטרוג

זיין, **"אז אין שטאט נעבן שפאלע איז דא א שטאט מיט טויזענטער גוים, און אלע דרייען זיך ארום געזונט און שטארק, און צווישן זיי טרעפט זיך נישט קיין איינער אזוי ערליך ווי דער הייליגער רבי ר' זושא, און אויב די גוים זענען געזונט, מעג דאך ר' זושא זיכער זיין געזונט"**, און כך הוה דער רבי ר' זושא איז געזונט געווארן.

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע איז נאך געווען אין רומעניע, האט מען איין יאר ערב פסח געבאקן מצות מיט מסירת נפש, און ערב פסח האט די רבי געטיילט פאר יעדן מצות אויף פסח, פאר יעדן איינעם האט די רבי געגעבן דריי מצות, איז אבער דארט געווען א בנש"ק, **וואס האט זיך איינגעריסן מיטן רבין, אז ער וויל באקומען זעקס מצות, כדי ער זאל האבן אויך אויפן צווייטן סדר**.

וויפיל מען האט דעם איד מסביר געווען, אז עס איז נישט דא גענוג מצות, האט דער איד דער בנש"ק נישט נאך געלאזט, ביז דער רבי מיט זיין ווייער הארץ האט דעם איד אהין געגעבן 6 מצות, דער עולם איז געווען זייער ברוגז אויף דעם איד, אבער וויבאלד די רבי האט אים דאס געגעבן האט מען גארנישט געקענט טון.

פסח ביינאכט מען גרייט זיך צום סדר, און איינער קלאפט אויפן טיר ביים רבין אין שטוב, ווען מען האט אויפגעמאכט דעם טיר, איז דארט געווען א זון פון דעם בנש"ק, און אין די האנט האט ער געטראגן 3 מצות און זאגט, אז זיין טאטע שיקט דאס פארן רבין, האבן די שטוב מענטשן געפרעגט פונעם זון, וואס איז געווען דעם חשבון פון דיין טאטע.

האט דער זון געזאגט, אז דער טאטע האט גאנץ גוט געוויסט, אז דער רבי מיט זיין גוט הארץ, וועט אוועק געבן אלע מצות פאר אנדערע אידן אויף פסח, און פאר זיך וועט די רבי גארנישט איבער לאזן, **און דערפאר האט זיך די טאטע זייער פאר'עקשנ'ט אז ער ברויך 6 מצות, כדי ער זאל קענען אוועק לייגען 3 מצות פארן רבין**.

און דער אמת איז געווען אזוי ווי דער איד האט געזאגט, אז די רבי איז געבליבן אן קיין מצות פאר זיך, און די רבי איז געזעצן און געטראכט פון ווי ער וועט האבן מצות אויף פסח, און פונקט דאן איז געקומען דער זון פון יענעם איד, און געברענגט די מצות פארן רבין.

• • •

**איינע פון די גבאים האבן דערציילט**, אז איין שבת קדוש ביים טיש, האט דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע פארפאסט א ניגון אויף פסוק **לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶךָ**, און דער צדיק האט נישט אויף געהערט זינגען דעם ניגון פאר גאר א לאנגע צייט, עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר די גבאים.

אבער נאכן טיש האט א איד, וואס איז געווען ביים טיש דערציילט פארן גבאי, אז עס איז אים רח"ל אריין געקומען אין געדאנק א מחשבה, אז גלייך נאכן טיש וועט ער גיין און טון א גרויסע עבירה רח"ל, און דער צדיק דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע האט דאס מרגיש געווען, און דערפאר האט די רבי געזונגען דעם ניגון אזוי פיל מאל, **און ער האט דעם איד אויס געוואשן די נשמה, און מיט דעם ניגון געראטעוועט דעם איד פון עובר זיין אויף דעם הארבע עבירה**.

• • •

**הגה"צ רבי שלמה זלמן הורוויץ אב"ד פאטיק זי"ע האט דערציילט**, אז בשעת די מלחמה ווען ער איז אנטלאפען פון די דייטשן ימ"ש, האט ער זיך אויף געהאלטן ביים הייליגען סקולענער רבי זי"ע, און אויך האבן זיך דארט אויף געהאלטן אסאך קינדער יתומים און יתומות.

אין א דאנערשטאג נאכט האט זיך די רעבעצין אפגערעדט פאר רבי שלמה זלמן, אז עס איז נישט דא קיין פרוטה אין שטוב, און זי ווייסט נישט פון ווי זי וועט קענען שבת מאכן, בעט זי רבי שלמה זלמן אז ער זאל אריינגיין צום רבין, און זאגן פארן רבין אז עס איז נישט דא קיין געלט צו שבת מאכן.

ווען רבי שלמה זלמן האט איבער געגעבן די ווערטער פונעם רעבעצין, האט זיך די רבי אנגערופן מיט א שמייכל, **זארג זיך נישט, ווייל אין די זכות פון די אלע קינדער יתומים און יתומות, וועט דא ביי אונז אין שטוב גארנישט פעלן, ווי די גמרא זאגט דאך, "תינוק וככר בידו", און די טאטע פון די יתומים וועט זיכער העלפן, און היינט איז נאר**

**ליל שישי און עס איז נאך דא צייט ביז שבת**, ווען דער פאטיקער רב האט געהערט די ווערטער פינעם רבין, און געזען די גרויסע בטחון פונעם רבין, האט ער מער נישט דערקיטשעט דעם רבין, און געווארט צו זען פון ווי די ישועה גייט קומען.

פרייטאג פארטאג'ס איז אנגעקומען א איד צום רבין, און ער געט פארן רבין א גרויסע סכום געלט, און ער זאגט פארן רבין, אז ער גייט יעצט דורך גיין דעם גרעניץ פון רומעניע, און ער האט געהערט אז מען האט פון איינעם צו גענומען זיין גאנצע געלט דורך גייענדיג דעם גרעניץ, און ער וויל ענדערש אז דאס געלט זאל בלייבן ביים רבין, ווי איידער ביי די גרעניץ וועכטער, דאן האט זיך די רבי אויס געדרייט צום פאטיקער רב און געזאגט, **זעט איר די ישועה איז געקומען, דער אייבערשטער פארלאזט אונז נישט**.

• • •

**דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע האט געהאט א מנהג**, אז ער האט נישט געגעסן קיין פלייש, נאר פון איין שוחט וואס ער האט געוויסט אז יענער טוט אלע חומרות וואס די רבי האט געהאט, און דער שוחט איז אייביג מיט געקומען מיטן רבין ווי די רבי איז געגאנגען.

איינמאל איז די רבי געווען אין א שטאט, און ווען מען האט אריין געברענגט צום רבין דאס עסן, האט די רבי געזאגט אז ער וויל היינט נישט עסן, מען האט זיך געבעטן צום רבין אז ער זאל עסן, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט, אביסל שפעטער האט מען באמערקט, **אז די פלייש פונעם רבין איז געווארן בטעות פארטוישט, מיט אנדערע פלייש**, און פון הימל האט מען דעם צדיק אפגעהיטן, אז ער זאל נישט עסן עפעס וואס איז נישט געווען אויפן דרך הכשרות וואס די רבי האט זיך געפירט.

• • •

**מען דערציילט**, אז סוף ימיו ווען דער הייליגער צדיק וקדוש איז נעבעך געלעגן אין שפיטאל גאר שוואך אין בעט, איז געקומען ערב שבת קודש, און דער צדיק האט געהאט איין דאגה, מען ברויך טוישן דעם העמד לכבוד שבת קודש, די גבאים האבן פראבירט צו אפרעדן דעם רבין, אבער דער צדיק האט זיך נישט געלאזט, ביז מען האט אים מיט שווערקייטן געטוישט דעם העמד.

אבער דאן האט די רבי געבעטן צו טוישן דעם הויזן לכבוד שבת קודש, און געזאגט, ווי אזוי קען מען גיין קעגן דעם שבת קודש אן א פרישע הויזן, און דאן האט ער פארלאנגט דעם בעקיטשע, און דערנאך זאגט ער יעצט ברויך מען דעם שטריימל, און אזוי האט דער הייליגער צדיק ליגענדיג ליידער על ערש דוי מיטן צורה פון רב הדומה למלאך, מקבל שבת געווען מיט א שמחה.

• • •

**די מעשה האט דאן גע'רעש'ט אין גאנץ רומעניע**, עס האט דאן פאסירט, אז א געוויסער איד האט זיך שווער פארזינדיגט פאר די קאמוניסטישע ממשלה, דער איד האט געוואוסט, אז אויב מען וועט זיך דערפון דערוויסן, וועט דאס אים זיין גאר שרעקליך, האט זיך דער איד גלייך אויסבאהלטן, און א ברודער זיינער איז ארומגעלאפן דערוויי צו אדוואקאטן, צו הערן פון זיי אויב עס איז דא וואס צו מאכן.

אבער אלע האבן אים אפגעשראקן, זאגנדיג, אז עס איז באמת נישט דא קיין וועג ארויס, ווייל דער חטא איז גאר גרויס, מען וועט דערפון זיך נישט קענען בשום אופן ארויסדרייען, עס איז פארן ברודער שווארץ געווארן פאר די אויגן, וואס טוט מען ווייטער, און זיי האבן באשלאסן צו גיין אינאיינעם זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן סקולענער רבי'ן זי"ע,ביידע זענען אריין געקומען צום רבי'ן, און מיט א שרעקליך געוויין האבן זיי פאר געשטעלט וואס דאס מיינט, זיי האבן פארציילט אז די אדוואקאטן זאגן, אז עס איז גארנישט פארהאן קיין עצה.

דער רבי האט מיט זיי מיט געוויינט, נאכער האט דער רבי אראפגעשטעלט דעם קאפ אויפן טיש עטליכע מינוט, און ווען דער רבי האט זיך אויפגעהויבן האט ער געזאגט, **איך מיין אז מארגן גאנץ פרי, זאל ער אריבערגיין זיך איבערגעבן צו די פאליציי אין די האנט אריין, און בעזר השם יתברך אויף עלף אזייגער פארמיטאג וועט ער שוין זיין באפרייט**.

די צוויי האבן זיך געוואונדערט אויף אזוינע ווערטער, און דער שולדיגער האט זייער געקווענקלט אויב ער זאל טאקע אזוי טאן, ווייל סוף כל סוף, זיך אליינס איבערגעבן איז דאך א

זיכערער טויט, אזוי איז אפשר נאך דא וואס צו האפן, אבער דער ברודער זיינער האט אים געזאגט, ווען מען הערט פון רבין אזעלכע דייטליכע ווערטער, טאר מען אוודאי נישט איבער קלערן, מען דארף אויספאלגן וואס דער רבי הייסט.

מיט שרעק איז דער באשולדיגטער צומארגנס אריבער צו די פאליציי, און זיך איבער געגעבן, פארשטייט זי אז די פאליציי האבן זיך צו אים צו געכאפט ווי צו א פעטן ביין, אזוי אומגערישט זאל דאס פישל אליינס אריינשווימען אין נעץ אריין, מען האט אים פארשלאסן אין א צימער, כדי אויסצואווארטן ביז מען וועט אים שטעלן צום געריכט.

דער איד האט אזוי געווארט בפחי נפש, די צייט ריקט זיך, אבער ער זעט נישט קיין ישועה, עס איז גאר געפערליך, אבער אפאר מינוט פאר עלף אזייגער זענען פלוצלינג אריין געקומען עטליכע פון די באאמטע, און אים געמאלדן זיין באפרייאונג, דער איד נישט גלייבענדיג וואס ער הערט, איז ער מיט די נשמה אין די האנט ארויס געלאפן צו זיך אהיים.

ווי עס האט זיך אים שפעטער דערוואוסט, אז די מעשה איז אזוי געווען, ווען ער האט זיך איבער געגעבן צו די פאליציי, האבן זיי באלד פאראדענט מען זאל אריבער ברענגען זיין באשולדיגונגס אקט וועלכע איז געלעגן ערגעצוואו אין אן אנדערן ביורא, און א שליח מיט א מאטאר ביציקל איז שנעל געפארן דאס אפנעמען.

אבער אויפן וועג איז דער שליח אריבער געפארן נעבן א טייך, פ**לוצלינג האט א צווייטער אויטא אין אים מיאוס אריינגעקלאפט, און אים אריינגעווישט אין טייך אריין, דער שליח איז געווארן דערטראנקען מיט אלע פאפירן**, דעריבער האט דאס אפגעווישט די גאנצע באשולדיגונג, מען האט אים נישט געקענט שטעלן צו געריכט, און אזוי איז דער איד געראטעוועט געווארן, מיטן פאלגן וואס דער צדיק האט אים געהייסן, און טאקע אויף 11 אזייגער איז דער איד שוין געווען באפרייט.

• • •

**דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע** האט דאך מחזיר בתשובה געווען הונדערטער און טויזנטער אידישע קינדער און זיי צוריקגעקערט לאבינו שבשמים, ער האט דאס באוויזן דורך זיין געוואלדיגע צוגעלאזנקייט צו יעדן, אפילו צו קינדער, און דורך זיין רייכן שפראך און איבערצייגנדע ווערטער, און דורך זיין כח הנגינה.

ס'איז ספעציעל באוואוסט דער שבת ניגון מיט אידישע ווערטער וואס ער האט געמאכט ספעציעל פאר די קינדער וועמען ער האט פרובירט אפצוהאלטן פון ווערן פאלנע גויים, ער האט געהאקט שטיקער אין זיי, אבער דווקא זיסע שטיקער, און האט זיכער געמאכט אז אויב וועלן זיי נאר אמאל טראכטן אפילו פון אפלאזן אידישקייט, זאל זיי אין די אויגן ארויפקומען זיין צורה, און דאן האבן זיי נישט געהאט דאס הארץ עס צו טון פאר אים.

• • •

**אינדערהיים אין רוסלאנד האט דער צדיק דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע** אסאך עוסק געווען אין פדיון שבויים, און ער פלעגט גיין שתדל'ען ביי די רשעים אז מ'זאל באפרייען די אידן, אסאך מאל האט ער אליינס באצאלט מיט ביטערע קלעפ, אבער אלעס האט זיך אים געלוינט אז צום סוף האט מען באפרייט יענעם איד.

ס'איז באקאנט אז אמאל ווען ער איז זיך געקומען בעטן ביי א הויכן באאמטן אויסצולייזן א איד, **האט אים יענער אראפ געווארפן אלע טרעפ און פאראהאקט די טיר**, דער צדיק וקדוש האט זיך גוט צעקלאפט, צעביילט און צעבלוטיגט, אבער דאס האט נאר געהאט אן אפעקט אויף זיין קערפער, אבער נישט אויף זיין אנטשלאסנקייט צו גיין העלפן דעם איד.

ער האט זיך אויף געהויבן נאכאמאל, און זיך ארויף געשלעפט אלע טרעפ ביז אויבן, אפילו זייענדיג א שוואכער איד, און דער צדיק האט נאכאמאל אנגעקלאפט, דער גוי דער רשע האט דעם צדיק געוואלט רח"ל הרג'ענען.

אבער דער צדיק האט נישט אויף געגעבן, און אפילו אראפ פליענדיג די טרעפ אפאר מאל, האט ער זיך ווייטער איינגעבעטן ביי דעם גוי, און צום סוף האט ער איינגעזען, **אז דער איד איז אן עקשן און ער וועט נישט אויפגעבן, האט ער מסכים געווען**

**צו באפרייען דעם באטרעפנדן איד, דאס איז געווען זיין געוואלדיגע מסירת נפש פאר א אנדערן איד.**

• • •

**אין אמעריקע איז געווען א מעיאר וואס מען האט געריפן "קאטשקע"** וואס איז ליידער געווען א איד, און ער האט דאן ארויסגעגעבן איינע פון די שרעקליכע חוקות הגוים, וואס האט אפילו נישט געפאסט פאר די גוים, דאס האט גאר שטארק ווי' געטון פארן הייליגען סקולענער רבי זי"ע, און דער צדיק האט זיך געזעצט שרייבן א שארפע בריוו פאר דעם רשע, אז ער זאך דעם חוק מבטל זיין, אבער דער רשע האט צוריק געשיקט א בריוו זייער נישט מיט כבוד, אז דער רבי זאל זיך נישט אריין שטעקן אין זיינע געשעפטן.

דער צדיק האט נישט נאכגעלאזט, און ער האט פארפירט אז ער וויל אליין אראפ גיין צו דעם רשע און פויעלען אז ער זאל נישט ארויס געבן דעם חוק, די מקורבים האבן זייער אפ גערעדט דעם רבין, אז ער זאל דאס נישט טון, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט נאך לאזן, ביז ער האט בדרך לא דרך פארשאפט אן אוידיענץביים מעיאר.

אבער ממש ווען עס איז שוין געווען די צייט אריבער צו גיין, האט דער צדיק געזאגט אז ער גייט נישט, האבן די מקורבים געפרעגט פונעם רבין, מתחילה מאי קסבר, פארוואס האט די רבי יעצט אפ געמאכט נישט צו גיין.

האט דער צדיק מיט זיין גרויסע מסירת נפש און אמתדיקייט געזאגט, אין רוסלאנד האב איך אויך געהאט אזא פרשה, און איך בין אריבער צום מושל און פראבירט עפעס צו פויעלען.

אבער ווען איך האב געזען אז עס גייט נישט, **האב איך יענעם מושל גיט אנגעפראסקעט, און איך בין דאן געגאנגען זיצן אין תפיסה פאר א שטיק צייט**, און איך ווייס אז אויב גיי איך אריבער צו דעם רשע, וועל איך מיך נישט קענען איינהאלטן און איך וועל דעם רשע קאטשקע גוט אנפראסקענען, אבער איך בין שוין אויף די עלטערע יארן און איך האב שוין נישט קיין כוח צו גיין זיצן אין תפיסה, און דערפאר האט דער צדיק נישט געוואלט גיין, דאס איז געווען זיין מסירת נפש אבער נאך גרעסער איז געווען זיין מידת האמת.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען הרה"צ רבי חיים בערגער אב"ד מישקאלץ זי"ע איז נישט געזונט געווען, האבן זיינע קינדער איין טאג באקומען א רוף פון סקולענער רבי'ן זי"ע'ס שטוב, און דער גבאי האט געפרעגט אויב מען קען אריבער פארן אין שפיטאל באזוכן דעם טאטן, און די משפחה האט געזאגט אז יא, אדרבה.

דערציילט דער זון הרה"ח רבי אלימלך, איך בין נאך דאן געווען א בחור, עס איז געווען אין די מיטעלע למ"ד יארן, האב איך צוריקגערופן צום סקולענער רבי'נס שטוב פרעגן, אויב איך קען מיך מיט כאפן מיטן רבי'נס קאר, ווייל איך וויל אויך פונקט באזוכן דעם טאטן, און נאכן באקומען א פאזיטיוון ענטפער, בין איך ארויף געגאנגען צום שטוב פון סקולענער רבי'ן, וואס האט זיך דאן געפונען אויף הופער סטריט ביי בעדפארד עוועניו, און געווארט ביז דער רבי איז גרייט צו פארן.

עס איז געווען א הייסע זומער טאג, בערך 95 דעגרי אויפן גאס, און די סקולענער רעבעצין האט מיר געבעטן, אז איך זאל משפיע זיין אויפן רבי'ן, אז צוליב זיין געזונט צושטאנד זאל ער אפשטופן די נסיעה אויף א קילערע טאג, איך האב טאקע פרובירט איבער צו געבן די ווערטער פארן רבי'ן.

אבער דער רבי האט מיר געענטפערט, אז זייענדיג מעוטר בטלית ותפילין, האט ער באשלאסן צו טוהן די מצוה פון גמילת חסד, און ער האט תיכף באשלאסן צו גיין באזוכן דעם מישקאלצער רב אין שפיטאל, **דערפאר טאר ער נישט אפשטופן די נסיעה, ווייל ער באטראכט דאס ווי א דבר טוב וואס ער האט זיך פארגענומען מיט טלית ותפילין, און מען פארט.**

אנקומענדיג אין שפיטאל, איז דער סקולענער רבי ארויפגעשטיגן אויף א בענקל נעבן דעם טאטן'ס בעט, ער האט זיך איבער געבויגן און געגעבן א קוש פארן טאטען אין שטערן, נאכדעם האט זיך דער רבי אינטערסירט אויף דעם געהילף וואס האט דארט באדינט דעם טאטען, און געפרעגט אויב די שטאט באצאלט דאס, און איך האב געזאגט, אז דאס האט די משפחה צו געשטעלט צוליב דעם וואס די שטאטישע נורסעס טוען נישט זייער פליכט בשלימות.

דער סקולענער רבי זי"ע האט זיך נאכגעפרעגט אויף די פרייז פונעם נוירס, און איך האב געזאגט אז דאס קאסט 140 דאלער א טאג, א הון רב בימים ההם, אנקומענדיג קיין וויליאמסבורג האט מיר דער רבי געהייסן ארויף קומען צו אים אין שטוב, און ער האט ארויס געצויגן א קאנווערט מיט געלט, און מיר געבעטן ארויס צו נעמען 140 דאלער וויבאלד דער רבי איז ל"ע געווען א סגי נהור אויף די עלטערע יארן.

און דער רבי האט ערקלערט, אז די עיקר מצוה פון ביקור חולים איז מבואר אין חז"ל, אז מען קוקט זיך אום אויף די געברויכן פונעם קראנקן און מען העלפט אים ארויס, על כן וויל ער מקיים זיין די מצוה בהידור און באצאלן דעם געהילף די געהאלט פון איין טאג ארבעט.

איך האב אים פרובירט אפ צו זאגען, און געזאגט אז איך בין מסכים דער רבי זאל לייגן דאס געלט אינעם חסד לאברהם קאסע, וואס איך האב געוואוסט אז זיי מוטשן זיך מיט געלט, **אבער דער רבי האט מיר אפירגעהאלטן פארוואס איך פארגין אים נישט מקיים צו זיין די מצוה בשלימות.**

• • •

**אין ספר נועם אליעזר ווערט געברענגט**, אז נאך די צווייטע וועלט מלחמה האט דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע גענומען צו זיך אין הויז אין בוקארעשט **הונדערטער יתומים** וואס זענען געבליבן אן עלטערן, ער מיט די רעבעצין האבן זיך געזארגט פאר זיי ווי פאר אייגענע קינדער, דער רבי האט ארויסגענומען פאפירן און געשריבן אויף זיין אייגענעם נאמען, אז די אלע קינדער זענען זיינע, כדי ער זאל זיי קענען ארויסשמוגלען פון די קאמוניסטן און זיי ברענגען צו א זיכער ארט, ווען מען האט אים געפרעגט צי ער האט נישט מורא פון די רעגירונג, האט ער געזאגט, "**איך קוק נישט אויף קיין פחדים ווען עס האנדלט זיך מיטן ראטעווען אידישע קינדער**".

• • •

**אין ספר נועם אליעזר ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע איז געווען אין רומניה, האט ער זיך אפט געמוזט דרייען אין די רעגירונגס אפיסעס פון די קאמוניסטן כדי צו פארהאנדלען איבער ענינים פון אהבת ישראל און פדיון שבויים, די אפיסעס זענען געווען פול מיט גויאישע פרויען און בילדער וואס זענען נישט געאייגענד פאר א ערליכען איד.

דער סקולענער רבי זי"ע האט זיך שטענדיג אפגעשטעלט ביי די טירן, פארמאכט די אויגן און זיך מתבונן געווען מיט א געוואלדיגע קדושה איידער ער איז אריין, איינמאל האט א הויכער קאמוניסטישער אפיציר אים געפרעגט מיט כעס, "**פארוואס פארמאכסטו די אויגן ווען דו רעדסט צו מיר**", האט דער הייליגער סקולענער רבי אים אן קיין שום מורא געענטפערט מיט פשוטע ווערטער, "**איך קוק נאר אויף זאכן וואס ברענגען אריין אין מיינע מחשבות קדושה און טהרה און ברענגט מיך נענטער צום באשעפער**", דער אפיציר איז אזוי נתרגש געווארן פון זיין אמת'דיקייט, אז ער האט אים מער נישט געשטערט.

• • •

**אין קובץ תפארת ישראל ווערט געברענגט**, אז אין די שווערסטע צייטן אין רומניה, ווען עס איז געווען א גזירה אנטקעגן דאווענען בציבור, האט דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע געמאכט א מנין אין א באהאלטן קעלער אונטער זיין הויז, חסידים דערציילן, אז ווען דער רבי האט געדאווענט, האט ער גארנישט געשפירט פון די קעלט אידרויסן אדער איבער די סכנה וואס האט געהערשט אין די ליפט.

איינמאל ווען די פאליציי האבן ארומגעזוכט ארום דעם רבין'ס הויז, זענען זיי פארבייגעגאנגען גאנץ נאנט צום באהאלטענעם ארט, די אלע מענטשן וואס זענען דארט געווען מיטן רבין האבן געציטערט פאר גרויס פחד אז מען גייט זיין ח"ו דערווישן, אבער דער רבי האט ווייטער געדאווענט מיט אזא קדושה און בדמעות שליש, און די פאליציי האבן גארנישט באמערקט און זענען אוועקגעגאנגען, נאכן דאווענען האט דער רבי געזאגט פאר די אידן דארט אין קעלער מיט א געוואלדיגע פשטות און אמת'קייט, "**ווען א איד דאווענט מיט זיין גאנצן הארץ צום באשעפער, קען קיין שום בייזע כוח אים נישט שלעכטס טאן**".

• • •

**אין ספר זכרון שלמה ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע איז געזעסן אין דער קאמוניסטישער תפיסה, האבן די וועכטער אים געצוואונגען צו טאן שווערע ארבעט אים

שבת, אבער דער רבי האט זיך מוסר נפש געווען פארן הייליגען שבת קודש און זיך ארויסגעדרייט פון טאן קיין שום מלאכה וואס איז מחלל שבת.

ער האט געטענה'ט צו די אפיצירן אז ער איז אלט און קראנק און קען נישט הייבן די שווערע זאכן, און ווען זיי האבן אים געסטראשעט מיט מכות און שטראפן, האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט מיט א רואיגקייט אבער דרייסטקייט, "**מיין גוף קענט איר איינשפארן, אבער מיין נשמה און מיין שבת געהערן נאר צום באשעפער**", די וועכטער'ס די רשעים האבן געזען זיין געוואלדיגע עקשנות און עזות דקדושה, און זיי האבן געזעהן אז דער צדיק מיינט דאס גאר ערענסט, האבן זיי אים טאקע אפגעלאזט און אים געגעבן גרינגערע ארבעט וואס האט נישט געהאט אין זיך קיין שום חילול שבת.

• • •

**אין ספר נועם אליעזר ווערט געברענגט**, אז איינמאל בשעת די קאמוניסטן האבן געהערשט אין רומניה, איז א איד ארעסטירט געווארן און מען האט אים געוואלט פאראורטיילן אויף דעט-פאנאליטי (טויט-שטראף) איבער א פאלשע מסירה אז ער האט ווידערגעשפעניגט אין דער רעגירונג.

דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע האט זיך דערוואוסט דערפון, און האט באשלאסן צו גיין אליין צום הויפט קאמוניסטישן גענעראל צו שתדל'ען פאר דעם איד, די חסידים האבן זייער געבעטן דעם רבין אז ער זאל נישט גיין, ווייל עס איז גאר מסוכן און מען קען אים אויך ח"ו ארעסטירן, אבער דער רבי האט זיך בכלל נישט צוגעהערט צו די חסידים, נאר ער איז אריין צום גענעראל אין אפיס און געזאגט, "**דער איד איז אומשולדיג, און אויב איר זוכט איינעם צו באשטראפן, נעמט מיר אנשטאט אים**", דער גענעראל איז געווארן אזוי איבערגענומען פון זיין גרויסער אהבת ישראל און זיין שטאץ זייענדיג באמת גרייט צו איבערנעמען דעם עונש אנשטאט דעם איד, און דער גענעראל האט באפרייט דעם איד.

• • •

**אינעם ספר זכרון שלמה ווערט דערציילט**, אז אינעם קאמוניסטישן תפיסה האבן די וועכטער געהאט א שטרענגן געזעץ אז מען מוז אפשערן די האר און אראפנעמען די בארד און פאות, פאר דעם רבי'ן איז דאס געווען א גזירה נוראה, ווייל ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר די דיקנא קדישא זיין גאנץ לעבן, און דער צדיק האט בשום אופן נישט געוואלט מוותר זיין אויף קיין שום אידישער מנהג און קדושה.

האבן דערציילט די וואס זענען געווען מיטן רבין אין תפיסה, אז יעדעס מאל ווען די וועכטער זענען געקומען מיט די שער קליפערס, **האט דער הייליגער סקולענער רבי זי"ע זיך אראפגעווארפן אויף דער ערד, און געוויינט מיט בכיות נוראות און זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט**, און ער האט געזאגט פאר די וועכטער'ס, "**איר קענט מיר הרג'נען, אבער מיינע פאות און בארד וועט איר נישט אראפנעמען**", און די וועכטער'ס זעענדיג זיין אומבאגרייפליכע עקשנות און מסירות נפש פאר זיין אידישן געשטאלט, האבן זיי אים צו סוף אפגעלאזט, **און ער איז געבליבן דער איינציגער ארעסטאנט אין גאנצן תפיסה מיט א פולע בארד און פאות**.

• • •

**אינעם קובץ תפארת ישראל ווערט דערציילט**, אז ביי די געהיימע אויספארשונגען דורך די קאמוניסטישע פאליציי, פלעגן די אפיצירן אראפווארפן די הוטן פון די ארעסטאנטן כדי זיי צו אונטערדריקן און משפיל זיין, ווען איינע פון די אפיצירן האט אמאל אראפגעווארפן דעם רבינ'ס קאפיל פון זיין קאפ, **האט דער רבי גלייך באדעקט זיין קאפ מיט ביידע הענט און זיך אפגעזאגט צו רעדן אדער ענטפערן אויף קיין איין איינציגע פראגע**.

דער אפיציר האט געשריגן און אים געסטראשעט מיט שווערע מכות, אבער דער רבי האט געהאלטן די הענט אויפן קאפ און געזאגט, "**לויט מיינע אמונה און הלכות טאר איך נישט שטיין אן קיין קאפ-דעקונג, און אן מיין קאפיל רעד איך נישט קיין איין ווארט**", ווערענדיג איבערראשט פון זיין פעסטקייט און זעענדיג אז די רבי וועט נישט נאכגעבן אויף קיין שום וועג און זיך ווייטער האלטן צו זיין תורה ומצוות, האט דער אפיציר אים צוריקגעגעבן דעם קאפיל.

**יארצייט ל׳ אב**

**הרה״ק רבי מרדכי ב״ר אלימלך מטאהש זי״ע, הי״ד (לאווי), אב״ד דעמעטשער**

ער איז געבוירן אין שטאט טאהש, **בשנת תרמ״ט**.

צו זיין טאטן הרה״ק **רבי אלימלך הסבא קדישא מטאהש** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי משולם פייש השרף מטאהש** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי מרדכי לאווי** זי״ע,
מגזע הגה״ק **בעל התוספות יום טוב אב״ד קראקא** זי״ע, ולמעלה בקודש ביז **רש״י הקדוש** זי״ע, און **התנא האלוקי רבי יוחנן הסנדלר** זי״ע און **דוד המלך ע״ה**.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פריידל** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי יצחק אייזיק ווייס בעל בית יצחק מסוואליווע** זי״ע,
בן הגה״ק **רבי אברהם ווייס ראב״ד מונקאטש** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי שמואל צבי ווייס שו״ב קאלוב** זי״ע.

ער איז געווען א גאון וצדיק און א עניו מאוד און א איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם אלס א מגיד נפלא וואס האט מקרב געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים, ער איז געווען א עובד השם גדול ונורא, ער האט געדאווענט מיט א געוואלדיגע אש קודש און בקדושה וטהרה מאוד נוסח טאהש, ער איז געווען א רודף צדקה וחסד אויף א גאר העכערע פארנעם, און מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקון המעשים מיט זיין גרויסע אהבת ישראל.

נאך פון אלס גאר יונג בחור האט ער שוין געדאווענט מיט א געוואלדיגע התלהבות און מתיקות און ער האט שוין דאן מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה.

די תפילות ימים נוראים איז צו געגאנגען מיט א מוראדיגע פחד, אז די אידן ארום זענען ממש צונימען געווארן, און מען דערציילט, אז ווען ער האט געזאגט דעם פיוט יום הקדוש ״**חטאנו צורנו סלח לנו יוצרנו**״, האט פאר יעדן אנגעכאפט א פחד און ער אליין איז ממש כמעט אויס געגאנגען פון פחד יום הדין, אויך פלעגט ער מיט א אש דקדושה בעפאר יעדע מצוה זאגן א לשם יחוד און געזאגט, ״**לעשות נחת רוח ליוצרי ובוראי יתברך שמו**״.

ער איז געווען גאר שטארק מקושר צו די צדיקי הדור ובתוכם.

הרה״ק **רבי פנחס נתן מרודניק** זי״ע,
הרה״ק **רבי אליעזר מקאמארנא** זי״ע,
הרה״ק **רבי חיים יעקב מקאמרנא** זי״ע,
הרה״ק **רבי יעקב משה מקאמארנא** זי״ע,
הרה״ק **רבי מאניש מקאמרנא** זי״ע,
הרה״ק **רבי מרדכי בעל מאמר מרדכי מנדבורנא** זי״ע,
הרה״ק **רבי יהוסף סג״ל ראטענבערג בעל בני שלשים מקאסאן** זי״ע.

ער האט שוין פון אלס קליין קינד זיך געפירט מיט א מוראדיגע קדושה און געווען באוויסט אלס א אפגעהיטענע קינד, ער איז איינמאל געפארן מיט זיין הייליגען טאטן הרה״ק **הסבא קדישא מטאהש** זי״ע צום הייליגער צדיק **רבי מרדכי׳לע מנדבורנא** זי״ע, אבער ווען מען איז אנגעקומען צום צדיק, האט דער קינד נישט געוואלט אריינגיין, און געזאגט, אז ער האט מורא אז די רבי וועט זעהן זיינע מעשים אויף זיין שטערן.

אלס בחור האט ער געלערנט אין די ישיבה פון זיין פעטער הרה״ק **רבי מנחם בראדי בעל באר מנחם מקאלוב** זי״ע, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט ממש געלערנט יומם ולילה און געווען אויסגעטון פון עולם הגשמי.

ביי די 15 יאר איז ער שוין געווען באוויסט אלס א חכם און בקי בש״ס ופוסקים, און ער האט באקומען סמיכה פון גדולי הדור, ובתוכם הגה״ק **רבי שמעון גרינפעלד אב״ד סעמיהאלי** זי״ע, און פון זיין רבין הרה״ק **רבי מנחם בראדי מקאלוב** זי״ע, און אלע גדולי רבנים בדורו זענען ממש ארויס פון התפעלות פון זיין גדלות בתורה, ער איז געווען פון די יונגסטע מורא הוראות בדורו.

איינמאל איז ער געזעצן נאך זייענדיג גאר יונג ביי א שווערע דין תורה צוזאמען מיט די גרויסע

גדולים הגה"ק **ר' שאול ראזענבערג בעל חמדת שאול מראצפערט** זי"ע, און אויך זיין רבי **דער קאלובער** זי"ע און מען האט אויס געהערט די טענות פון די בעלי דינים, און ווען עס איז געקומען ארויסצוגעבן דעם פסק דין, האט ער מיט זיין רבי דער קאלובער געהאלטן איין וועג, אבער דער גאון מראצפערט האט געהאלטן פארקערט.

ווען דער קאלובער האט געזען אז דא וועט נישט זיין קיין פסק דין, וויבאלד דער גאון מראצפערט האט נישט געוואלט אנעמען די פסק פון זיי צוויי, האט דער קאלובער זיך אראפגעזעצט מיטן ראצפערטער רב און מסביר געווען דעם גאנצן ענין און געבעטן ברחמים אז ער זאל זיך צושטעלן צו זיי, און ווען דער חמדת שאול האט איבער געטון דעם ענין נאכאמאל האט ער מודה געווען אז די צוויי זענען געווען גערעכט און מען האט ארויסגעגעבן דעם פסק דין.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רבקה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי ישראל מרדכי ארענשטיין אב"ד קערעסטיר** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אברהם ארענשטיין בעל דברי אברהם אב"ד בארדיוב** זי"ע.

בשנת תרע"ט ווען זיין רעבעצין איז נפטר געווארן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת צירל** ע"ה, (די מאמע פונעם **הייליגער טאהשער רבי דער עבודת העבודה** זי"ע),
בת הרה"ק **רבי יעקב פעקעטע בעל אמת ליעקב מו"ץ בנירבאטור** זי"ע, הנקרא **ר' יעקעלי דערזשער**,
בן הרה"ק **רבי משה יחיאל שווארטץ** זי"ע, הנקרא **ר' משה סאלמאדער**,
בן הרה"ק **רבי אברהם שווארץ** זי"ע, וואס דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט אויף אים געזאגט, "**המאור הגדול הצדיק**".

בשנת תר"ץ איז דער רבי מרדכי זי"ע געווארן רב אין שטאט **דעמעטשער**, אין דאן איז ער באוויסט געווארן מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און מיט זיין מוראדיגע קדושה, ער האט דארט מרביץ תורה געווען מיט א געוואלדיגע מסירת נפש, אסאך אידן זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות דורך דעם צדיק וקדוש.

ליידער בעפארן יו"ט שבועות **בשנת תש"ד**, האט מען דעם רבין מיט די גאנצע משפחה און אויך די שטאט מענטשן אוועק געפירט צום **געטא** אין **נירעדהאז**, און פון דארט האט מען זיי געפירט קיין **אוישוויץ**.

**ראש חודש אלול ל' מנחם אב בשנת תש"ד**, איז דער הייליגער צדיק מיט די משפחה ליידער אומגעקומען על קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש, הי"ד.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

דער הייליגער באשעפער האט אבער רחמנות געהאט אויפן דור יתום, און האט אונז איבער געלאזט דעם רבין'ס זון, **הרה"ק רבי משולם פייש בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע**, וואס האט נאך אסאך יארן נאך די מלחמה באלאכטען די וועלט מיט זיין תורה און קדושה, און געווען א גרויסע פועל ישועות.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר זכרון לבית טאהש ווערט דערציילט**, אז דער טאהשער רבי דער הייליגער עבודת עבודה זי"ע האט דערציילט, אז זיין טאטע הרה"ק רבי מרדכי זי"ע פלעגט דאווענען מיט א גרויסע דביקות און התלהבות אויפן טאהשער מנהג, אין די קאלטע ווינטער טעג אין אונגארן האבן די מענטשן אין בית המדרש אין דעמעטשער געווארט זיך צו שטעלן דאווענען שחרית.

דער טאטע רבי מרדכי איז געווען אין זיין חדר מיוחד און זיך צוגעגרייט צום דאווענען, די הכנה האט געדויערט שעה'ן לאנג מיט א גרויסע דביקות, ווען ער איז ענדליך ארויסגעקומען דאווענען פארן עמוד, איז די תפילה געווען מיט אזא ברענענדיגע אש קודש, אז אלע מתפללים האבן כמעט פארגעסן פונעם גרויסן קעלט וואס

איז געווען אין ביהמ"ד און יעדער האט דערפילט א גרויסע ווארימקייט און א קדושה.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי מרדכי דעמעטשער זי"ע איז געווען גאר גרויס מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל און פלעגט אייביג אנטלויפן פון מחלוקת, אין שטאט דעמעטשער איז געווען איינער וואס האט דעם צדיק זייער מצער געווען און געשטערט זיין רבנות, און די מענטשן פון שטאט האבן געוואלט דעם איד פארטרייבן און אים ארויסווארפן פון דעם ביהמ"ד.

ווען דער צדיק וקדוש רבי מרדכי האט דאס געהערט, האט ער געלאזט רופן די ראשי הקהילה און געזאגט, **אז ער בעט זיי ברחמים מען זאל יענעם גארנישט טון, ווייל ער איז דעם איד מוחל מיטן גאנצן הארץ און ער וויל נישט אז פאר זיינעטוועגן זאל א איד ליידן אפילו א קלייניקייט**, און דורכדעם וואס דער צדיק וקדוש האט דעם איד מוחל געווען במחילה גמירה מיטן גאנצן הארץ, האט יענער איד שפעטער חרטה באקומען, און איז געווארן פון זיינע גרעסטע און נאנטסטע חסידים.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה ווערט געברענגט**, אז דער זוהן דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע האט דערציילט, אז זיין טאטע רבי מרדכי זי"ע האט געהאט א מנהג, קיינמאל נישט צו עסן אדער טרינקען גארנישט אינדערפרי פאר ער האט געדאווענט שחרית, אפילו ווען ער איז געווען גאר שוואך אדער נישט געזונט, איינמאל אין א ווינטער איז ער געווען זייער אנגעשטרענגט און געווען זייער שוואך, און די מקורבים האבן אים געבעטן **ער זאל זיך אביסל דערכאפן דאס הארץ מיט אביסל הייס וואסער אדער טיי איידער ער הייבט אן דאס דאווענען**.

דער צדיק וקדוש רבי מרדכי האט בשום אופן נישט געוואלט מוותר זיין, און ער האט געזאגט **אז דאס דאווענען איז דער חיות פונעם מענטש, און מען דארף מקריב זיין די גאנצע בגשמיות פארן בורא יתברך שמו**, און ער האט זיך מוסר נפש געווען און געדאווענט מיט א גרויס התלהבות דקדושה, און גלייך נאכן דאווענען האט מען געזעהן, אז דער צדיק איז פלוצלונג צוריק געקומען צו די כוחות און זיין זארג איז פארשוואונדן געווארן, ווייל עבודת השם איז געווען ביים צדיק זיין גאנצע חיות און דאס האט דעם צדיק אויסגעהיילט און מחי' געווען.

• • •

**אינעם ספר שיח שרפי קודש טאהש ווערט געברענגט**, אז אין שטאט דעמעטשער זענען געווען אסאך ארימע אידן וואס האבן נישט געהאט קיין געלט אויף חתונה צו מאכן זייערע קינדער, דער צדיק רבי מרדכי פלעגט זיך אליין ארויסלאזן אויף די וועגן צו שאפן געלט פאר הכנסת כלה, איינמאל ווען ער איז געפארן צו א גביר אין א שכנות'דיגע שטאט, האט דער גביר אים געגעבן א גרויסע סכום געלט.

אויפן וועג אהיים האט דער צדיק רבי מרדכי באגעגנט אן ארימע אלמנה וואס האט געוויינט אז מען ווארפט איר ארויס פון הויז ווייל זי האט נישט קיין געלט צו באצאלן רענט, דער צדיק רבי מרדכי האט אן קיין שום ספק איר געגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט ערשט געזאמלט פאר די כלה, ווען מען האט אים געפרעגט וויאזוי ער האט דאס געקענט טון, האט ער געענטפערט, **אז ביים אייבערשטן איז נישט דא קיין חילוק וועלכע מצוה עס קומט ערשט, נאר ווען א איד איז אין צער דארף מען אים העלפן גלייך**.

• • •

**אין זכרונות מבית טאהש ווערט געברענגט**, אז דער זוהן דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע פלעגט אפט דערמאנען די הייליגע שבתים אין שטאט דעמעטשער, ער האט דערציילט, אז ווען זיין טאטע דער צדיק וקדוש רבי מרדכי זי"ע פלעגט מאכן קידוש פרייטאג צונאכטס, פלעגט זיין פנים לייכטן ווי א ליכט, די בני בית האבן דערפילט א נורא'דיגע קדושה אין שטוב, דער טאטע רבי מרדכי פלעגט זיצן ביי דעם שבתדיגן טיש שעהן לאנג און זינגען די זמירות מיט א נאסטאלגיע און דביקות, און ער פלעגט שטארק מעורר זיין די קינדער און די אורחים איבער דעם גרויסן מתנה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר די אידן וואס הייסט שבת קודש.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה פרק שקידת התורה**, שרייבט דער זוהן דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע, אז זיין טאטע הרה"ק רבי מרדכי זי"ע האט זיך

באמת געפלאגט אויף די תורה באופן נורא וואס מען האט זעלטן געזען, אין די יונגע יארן, און אויך שפעטער ווען ער איז שוין געווען רב אין שטאט דעמעטשער, האט ער זיך כמעט נישט געקענט באגיין אן א ספר, זיין טאג איז געווען אינגאנצן אנגעפילט מיט לערנען תורת הנגלה והנסתר, ער פלעגט לערנען ביז די שפעטע שעהן פון די נאכט, און אסאך מאל ווען די בני הבית זענען אויפגעשטאנען פארטאגס, האבן זיי אים געפונען זיצן ביים זעלבן גמרא ווי ער האט געלערנט די נאכט בעפאר, ער האט כמעט פארגעסן פון עניני העולם הזה ווייל זיין גאנצע חיות איז געווען נאר די קדושת התורה.

• • •

**אינעם קונטרס זכרונות מבית טאהש הנהגות בקודש ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי מרדכי זי"ע איז געווען באוואוסט מיט זיין גרויסע קדושה וטהרה, דער צדיק איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע אפגעהיטענקייט און געוואלדיגע שמירת עיניים, מען האט דערציילט, אז ווען ער פלעגט גיין אין גאס אין שטאט דעמעטשער צו עוסק זיין אין צרכי ציבור אדער גיין אין בית המדרש, האט ער אייביג געקוקט בלויז אויף דער ערד.

ער האט זיך אפגעהיטן די אויגן פון קוקן אויף עפעס וואס איז נישט קיין מצוה אדער קדושה, ווען מען האט אים געפרעגט וויאזוי ער קען זיך אזוי מסיח דעת זיין פון די סביבה, האט ער געענטפערט, **אז ווען א מענטש פילט זיין מח מיט הרהורי תורה און יראת שמים, האט די אויג אפילו נישט קיין צייט אדער חשק צו קוקן אויף ענינים גשמיים**.

• • •

**אין ספר שיח שרפי קודש טאהש ווערט געברענגט**, עס איז געווען א ידוע'דיגע הנהגה ביי רבי מרדכי אז ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין דברים בטלים, זיין שפראך איז געווען בלויז דיבורים פון תורה, תפילה, אדער העלפן א צווייטן איד, תלמידים האבן דערציילט אז אפילו ביים עסן די סעודות האט ער כסדר געלערנט אדער מהרהר געווען אין תורה, ער האט זיך געהאלטן גאר ווייט פון קלאנגען, נייעס אדער פאליטיק, און זיין גאנצע הויז איז געווען א מקום וואס האט געשפירט ווי א בית מדרש געהייליגט פארן אייבערשטן.

• • •

**אין ספר עבודת עבודה פרק מדות וחסד דערציילט זיין זוהן** דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע, אז דאס הויז פון זיין טאטן רבי מרדכי אין דעמעטשער איז געווען אן אפן הויז פאר אלע עניים און נצרכים ממש ווי אברהם אבינו'ס געזעלשאפט, עס איז נישט געווען קיין טאג וואס עס זענען נישט געזעסן ביי זיין טיש ארימע אידן, עוברים ושבים, און מענטשן וואס האבן נישט געהאט וואו צו נעכטיגן, דער טאטע רבי מרדכי פלעגט אליין משמש זיין די אורחים מיט א גרויסע שמחה, און ער האט געהאלטן, **אז געבן צו עסן פאר אן ארימע איד איז גארנישט ווייניגער פון א געהויבענע עבודה אין בית המדרש**.

• • •

**אין זכרונות מבית טאהש ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א באקאנטע זאך אין שטאט דעמעטשער, אז ווען א אלמנה אדער א יתום זענען געקומען וויינען צום צדיק רבי מרדכי אז זיי האבן נישט קיין געלט אויף חתונה צו מאכן אדער אויף חיונה, האט ער נישט געקוקט צי ער האט יא געלט אין קאסע צי נישט, ער פלעגט זיך אליין פארבאדן און נעמען גרויסע חובות אויף זיין אייגענעם נאמען כדי צו העלפן יענעם איד.

מערערע מאל זענען בעלי חובות געקומען און האבן צוגענומען גרויסע סכומים פון זיין אייגענע געלטער, אבער ער האט אייביג אנגענומען די יסורים מיט א שמחה, זאגנדיג, **אז עס איז אים א גרויסער כבוד צו זיין אין חובות, כדי צו ראטעווען אן אנדערן איד פון בושה**.

• • •

**אין שיח שרפי קודש טאהש ווערט געברענגט**, אז אפילו אין די שווערע יארן פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען די מצב הפרנסה אין אונגארן איז געווארן גאר שווער און עס האט געפעילט כסדר עסן ביי יעדן אין שטוב, האט דער צדיק רבי מרדכי זיך נישט אפגעשטעלט פון זיין מידת החסד, ער האט כסדר געזארגט פאר פליטים וואס זענען אנטלאפן פון פוילן און אנדערע ערטער, ער האט זיי באהאלטן, זיי געשאפן פאלשע פאפירן, און זיך געזארגט זיי צו פיטערן אפילו פון זיין אייגענעם ארעמע ברויט, מפקיר זייענדיג זיין אייגענע געזעלשאפט און זיכערקייט כדי צו ראטעווען אידישע נפשות.

• • •

**אינעם ספר עבודת עבודה פרק ישועות ורפואות ברענגט זיין זוהן** דער הייליגער טאהשער רבי זי"ע, אז א איינוואוינער פון שטאט דעמעטשער איז געקומען צו זיין טאטן דער צדיק רבי מרדכי מיט גרויס געוויין, זאגנדיג אז זיין קליין קינד איז גאר שווער קראנק געווארן און די דאקטוירים האבן זיך שוין רח"ל מייאש געווען פון זיין לעבן, און דער איד האט געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף דער מצב פון זיין קינד, און ער האט געבעטן דעם טאטן אז ער זאל אים וואונטשן א ברכה פאר א רפואה.

דער צדיק רבי מרדכי האט מיט זיין גרויסע אהבת ישראל געבעטן פון דעם איד זיין נאמען, **דאן איז דער טאטע רבי מרדכי אריין אין זיין חדר מיוחד, און אנגעהויבן מתפלל זיין מיט א געוואלדיגן ברען און מיט בכיות נוראות**, נאך א ווייל איז ער ארויסגעקומען מיט א שמייכל און געזאגט פארן פאטער, **אז ער זאל גיין אהיים מיט אן אמונה פשוטה, ווייל דער אייבערשטער האט מקבל געווען די תפילות**, ווען דער פאטער איז אנגעקומען אהיים, האבן די דאקטוירים מיט וואונדער געזען, ווי דער פיבער איז פלוצלונג געפאלן און דאס קינד איז געווארן אינגאנצן געזונט.

• • •

**אין זכרונות מבית טאהש ווערט דערציילט**, איבער א סוחר וואס איז געווען אויף די ברעג פון א צוזאמבראך און ער האט כמעט פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן און געלט, ער איז געקומען צום צדיק רבי מרדכי מדעמעטשער זי"ע בעטן א ברכה אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה, דער צדיק רבי מרדכי האט אים געגעבן א ברכה און אים אנגעזאגט א ספעציעלע הנהגה אין צדקה וואס ער זאל מקבל זיין אויף זיך, און ער האט אים געזאגט, **אז ער זאל גיין אויפן מארק אין א געוויסע שטאט**, דער איד האט געפאלגט דעם צדיק, און פלוצלונג האט ער באגעגנט א סוחר **וואס האט אים אפגעקויפט זיין גאנצע סחורה פאר א גאר הויכע פרייז, וואס האט אים נישט נאר געראטעוועט פון זיינע חובות, נאר אים אויך געברענגט א גרויסע עשירות**.

• • •

**אין שיח שרפי קודש טאהש ווערט געברענגט**, אז אין די יארן פאר די מלחמה האבן די אונגארישע רעגירונג געמאכט פארשידענע צרות און גזירות אויף די אידישע קהילות, איינמאל האט מען געוואלט פארמאכן די מקווה און די חדר אין שטאט דעמעטשער, רבי מרדכי האט זיך פארהאלטן אין זיין חדר און מעורר רחמים געווען פארן בורא יתברך, יענעם זעלבן טאג איז דער אפיציר וואס האט אונטערגעשריבן די גזירה פלוצלינג אפגעזאגט געווארן פון זיין אמט דורך די רעגירונג, און דער נייער באאמטער האט גלייך מבטל געווען אלע גזירות און געגעבן ערלויבניש פאר די אידן פארצוזעצן זייערע אידישע הנהגות אן קיין שטערונג.

**יארצייט א' אלול**

**הרה"ק רבי חנוך העניך דוב ב"ר שמואל זי"ע**
**(מייער)**
**בעל לב שמח, ראש שושלת אלעסק**

ער איז געבוירן אין שטאט בעלזא, **בשנת תק"ס**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי שמואל מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמאי' מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מאיר גאטליב מבעלזא** זי"ע, הנקרא **ר' מאיר הקדוש**, מתלמיד הבעש"ט הקדוש זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יצחק האלעקער אב"ד בעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמואל שמש מבעלזא** זי"ע,
וואס די זיידע רבי שמואל זי"ע האט צוליב א מעשה וואס איז פאר געקומען אין שטאט בעלזא מיטן ב"ח זי"ע, באקומען א ברכה פונעם הייליגען ב"ח זי"ע, **אז ער וועט האבן קינדער בנים מאירים בתורה**.

ער איז געווען א קדוש מרחם אמו, ער איז געווען א איש אלוקים קדוש ונורא מאוד, און א עובד השם במסירת נפש ממש, ער איז געווען איינע פון די צדיקי הדור וואס האבן משפיע געווען אויף אידישע קינדער תורה און קדושה, ער איז געווען מפורסם אלס א בקי וחריף נפלא בש"ס ופוסקים און א גאון הגאונים יחיד בדורו ממש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש נפלא מאוד.

ער האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה און זיך נישט אוועק געריט פון די ד' אמות של הלכה כל ימיו, ער איז געווען ספעציעל מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מידות השמחה עד אין לשער, נעבן דעם צדיק האט קיינמאל נישט געהערשט קיין עצבות נישט קיין חילוק די מצב, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש און שעפן תורה ויראת שמים פון דעם צדיק, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ורבים הלכו לאורו.

שוין פון זיין יוגענט אן האט זיך דער צדיק וקדוש מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור וואס אלע כאיש אחד האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין אויסער געווענליכע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן, ובתוכם האט ער זיך גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקים.

הרה"ק **רבי אורי השרף מסטרעליסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישראל מרוז'ין** זי"ע.

אלס קינד האט ער נאך זוכה געווען צו זייןביים צדיק הדור הרה"ק **בעל החוזה מלובלין** זי"ע, צוזאמען מיט זיין טאטן און ברודער הרה"ק **רבי מאיר אב"ד נאווריא** זי"ע, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט זיך מיט די צוויי קינדער זייער משתעשע געווען, און דאן האט דער חוזה געבענטשט די קינדער, אבער לפלא האט ער איבער געדרייט די הענט אזוי ווי ביי יעקב אבינו ע"ה, און ער האט געלייגט די רעכטע האנט אויפן יונגערן ברודער דער הייליגער לב שמח זי"ע, און געזאגט בזה"ל, "**ידעתי בני ידעתי, גם הוא יהיה לעם וגם הוא יגדל, ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו**".

אויך ווערט געברענגט, אז ביי די אכט יאר אלט איז דער הייליגער לב שמח זי"ע געווען אין לובלין ביים הייליגען חוזה זי"ע, און ווי דער מנהג איז געווען ביים הייליגען חוזה זי"ע, אז די קינדער פון א בנש"ק האבן געהאט די זכי' צו קומען זאגן די ברכות השחר פארן חוזה, און ער פלעגט נאך זאגן אמן, און דאן האט ער אהין געגעבן פארן קינד אפאר פרוטות אלס שכר, אויך דער צדיק דער לב שמח האט זוכה געווען צו דעם, אפילו ווען זיין טאטע איז נישט געווען קיין רב אין א שטאט.

אבער א ספעציעלע קרבה יתירה האט דער צדיק געהאט ביים צדיק דער הייליגער **שר שלום מבעלזא** זי"ע, און שוין פון גאר יונג וואוינענדיג אין שטאט בעלזא, האט ער זוכה געווען צו זיין פון די באי ביתו ביים הייליגען בעלזא רב זי"ע, און דער שר שלום האט פאר דעם קינד ארויס געוויזן א געוואלדיגע חביבות.

ווערט דערציילט, אז דעם טאג ווען דער לב שמח איז געבוירן געווארן, האט דער שר שלום מבעלזא זי"ע געזאגט פאר זיינע תלמידים בזה"ל, "**דעו נא, כי כעת ירדו מהעולם העליון לעלמא הדין,**

**שתי נשמות קדושות שבכוחם להאיר את העולם**", און שפעטער האבן די תלמידים מברר געווען, אז יענעם טאג איז דער הייליגער לב שמח זי"ע געבוירן געווארן.

מען דערציילט, אז ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע איז געפארן קיין לובלין צו זיין הייליגען רבין דער חוזה מלובלין זי"ע, כדי צו פרעגן לגבי א שידוך פאר זיין טאכטער די צדקת מרת פריידא ע"ה, האט אים דאן דער חוזה געענטפערט גאר אן אינטערסאנטע ענטפער בזה"ל, "**זיווגה של בתך הלא הוא מאיר מאוד בעיני, ועוד תקחו אותו בעגלה שלכם**", וואס מיינט, אז די זיווג פון דיין טאכטער שיינט זייער אין מיינע אויגן, און די וועסט אים נאך נעמען אויפן וואגן מיט דיר.

לפלא אפאר טאג שפעטער, ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע איז נאכאמאל געפארן קיין לובלין, האט ער פלוצלונג געזען דעם לב שמח אויף זיין וואגן, און ווען ער האט אים געפרעגט ווי ער פארט, האט ער געזאגט, אז ער פארט אויך קיין לובלין, און דאן האט זיך דער שר שלום דערמאנט אין די ווערטער פונעם חוזה, "**אז די וועסט אים נאך טראגן אין דיין וואגן**".

יענעם ערב פסח י"ג ניסן, ווען דער הייליגער שר שלום איז ארויס שעפן מים שלנו פאר די ערב פסח מצות, האט ער נאכאמאל געטראפן דעם יונגען בחור דער לב שמח, און ער האט אים זייער מקרב געווען און איין געזען זיין חכמה און קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, און ווען ער איז אהיים געקומען האט ער מבשר געווען פאר די רעבעצין, **אז די טאכטער איז א כלה מיט א חשובע בחור**.

די רעבעצין האט זיך פראבירט ארויס צו דרייען אז עס איז דאך ערב פסח, און מען ברויך זיך דאך גרייטן אויפן יו"ט, איז דאך נישט דא קיין צייט יעצט צו ענדיגן דעם שידוך, אבער דער שר שלום האט דווקא געוואלט ענדיגן בעפאר פסח דעם שידוך, ווייל ער האט דאך געזאגט, **אז אזא חתן איז דאך א מציאה ממש, און פאר א מציאה לאזט מען נישט ווארטן, און טאקע ערב פסח נאך בעפארן יו"ט האט מען געשלאסן שידוך**.

גאר יונג האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פריידא** ע"ה,

בת הרה"ק **רבי שלום השר שלום מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלעזר מבראד** זי"ע,
נכד הגה"ק **רבי אלעזר רוקח בעל מעשה רוקח מאמסטרדם** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **המקובל רבי נפתלי הכהן בעל סמיכת חכמים מפרנקפורט** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי צבי הירש אשכנזי בעל חכם צבי** זי"ע.

נאך די חתונה איז ער געבליבן זיצן אויף קעסט ביי זיין הייליגען שווער דער שר שלום זי"ע, און ער האט זוכה געווען צו קונה זיין גאר אסאך תורה ועבודת השם פון זיין שווער, ער האט יענע צייט עוסק געווען יומם ולילה בתורה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה.

אויך האט ער דאן שוין געלערנט תורת הנסתר און חכמת הקבלה בדרך סוד, וואס דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א בקי נפלא בתורת הנסתר ובתורת הקבלה, אמאל האבן די חסידים געפרעגט דעם לב שמח זי"ע, אויב עס איז אמת, אז דער שווער דער שר שלום זי"ע איז אויף געווען טויזנטע נעכט און עוסק געווען בתורה, האט דער לב שמח מיט זיין עניוות געזאגט, "**איך אליין בין אויף געווען מער ווי דריי טויזענט נעכט מיטן שווער, און עוסק געווען בתורה צוזאמען**".

מען קען זיך נישט פארשטעלן דאס גרויס אהבה וואס דער שווער האט ארויס געוויזן פאר זיין גרויסן איידעם, ער האט זוכה געווען צו לערנען און מקבל זיין גאר אסאך תורה סיי בנגלה און אויך בתורת הנסתר פונעם גרויסן שווער, די קינדער פונעם שר שלום האבן מעיד געווען, אז די טאטע האט מיטן איידעם עוסק געווען אין זאכן, **וואס ער האט נישט געלערנט אפילו מיט די אייגענע קינדער**.

אויך האט דער הייליגער לב שמח זי"ע זוכה געווען צו אראפ שרייבן גאר אסאך פון די דברי תורה פונעם שווער, וואס איז שפעטער געדריקט געווארן פונעם הייליגען שר שלום זי"ע, סוף ימיו ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע איז ל"ע געווען א סגי נהור, פלעגט ער גיין צו סידור קידושין'ס נאר אויב דער איידעם האט אים באגלייט, און אויב דער איידעם איז נאכנישט דארט געווען, האט ער נישט געלאזט אנהייבן די חופה.

דער הייליגער צדיק דער לב שמח מאלעסק זי"ע שרייבט מיט זיין גרויס עניוות אין די הקדמה פון זיין סידור "**לב שמח**" בזה"ל, "**וגם ליהוי ידוע דשורש תורה שלי הוא מה שקיבלתי ממו"ח מו"ה שלום, והגם שיש כמה דיבורים מה שהאיר השם בדעתי מ"מ הוא נצמח מאתו וכו', וכך מעין זה כל הצדיקים המניחים בנים ותלמידים, אז זה האור התורה בעצמו הוא מאיר מהצדיק הקודם אפילו מה שחידש מחלקו מ"מ הרב הוא הגורם כמו משה ליהושע, מעין זה שורש הדיבורים שלי נצמח ממו"ח הק' זלה"ה כאילו דיברתי בשבילו**".

(**איר זאלט וויסן אז מיין תורה האב איך מקבל געווען פון מיין שווער מו"ה שלום, און אויך דאס וואס דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן אין מיין אייגענעם געדאנק, איז אויך פון אים דער שורש, און דאס זעלבע איז ביי אלע צדיקים וואס לאזן איבער קינדער און תלמידים, איז אויך די תורה וואס די קינדער און תלמידים זענען מחדש בשרשו פון רבי'ן, אזוי איז עס אויך געווען ביי משה רבינו מיט יהושע**).

גאנץ אנפאנג האט דער צדיק דער הייליגער לב שמח געדינט אלס רב אין שטאט **סטיאנוב**, וואס דער שטאט איז געווען א קליינע שטאט ווי עס האבן געוואוינט אסאך אידן ארימעלייט, אבער דער צדיק האט טאקע וועגן דעם גענומען די רבנות, ווייל ער האט געוואלט רוב פון טאג זיצן און עוסק זיין בתורה ועבודת השם, אבער די שטאט האט נישט געקענט באצאלן קיין גרויסע שכר רבנות פארן רב, אבער דאס האט אים נישט אפ געהאלטן פון עוסק זיין אין די צרכים פונעם שטאט מיט א נאמנות.

בשנת תר"ח איז ליידער נפטר געווארן די רעבעצין די צדקת **מרת פריידא** ע"ה די טאכטער פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע.

דאן האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיטן טאכטער פון הרה"ק **רבי משולם זלמן אשכנזי מקאליש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מרדכי אשכנזי מבורשטין** זי"ע,
חתן הרה"ק **רבי אליעזר ליפא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי לוי יצחק בעל הקדושת לוי מבארדיטשוב** זי"ע.

כ"א אלול בשנת תר"י ווען דער צדיק הרה"ק **רבי דוב בעריש מאלעסק** זי"ע איז נסתלק געווארן, איז דאן פריי געווארן דאס רבנות אין שטאט אלעסק, איז מען דאן געקומען פרעגן דעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע וועמען זיי זאלן אויף נעמען אלס רב ביי זיי אין שטאט, מען האט פאר געלייגט פארן שר שלום אפאר נעמען פון גרויסע גאונים בדורו.

דאן האט דער הייליגער שר שלום זיי געזאגט בזה"ל, "**וואס פעלט אייך אין מיין איידעם רבי העניך'ל**", פארשטייט זיך אז הערענדיג די ווערטער האבן די שטאט מענטשן גלייך מסכים געווען צו אויף נעמען דעם לב שמח אלס רב ביי זיי אין שטאט, די אידן פון שטאט האבן דאן געפרעגט דעם שר שלום, אז וויבאלד דער לב שמח איז שוין דאן געווען גאר שטארק מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין קדושה, וועט ער דאך אנהייבן פירן רבנות, און נישט נאר זיין רב פון שטאט, וועט דאך די הוצאות זיין גאר גרויס, און זיי האבן מורא געהאט צו נעמען אויף זיך אזאנע גרויסע הוצאות.

האט דער הייליגער שר שלום זיי געזאגט, עטס ברויכטס נישט זארגן פאר דעם, **ווייל דער צדיק דער לב שמח האט א גרויסע כח, און ער וועט נאך משפיע זיין פאר ענק גאר גרויסע השפעות און פרנסה**, און מיט די ווערטער האט מען אויף גענומען דעם לב שמח אלס רב אין שטאט אלעסק, און דארט האט דער צדיק געדינט **אלס רב פאר 32 יאר כמנין ל"ב**.

די חידוש דאן איז געווען אסאך גרעסער, ווייל דער לב שמח איז שוין דאן נישט געווען אפילו קיין איידעם ביים שר שלום, ווייל די רעבעצין איז נפטר געווארן צוויי יאר בעפאר, אבער דער הייליגער שר שלום האט דעם לב שמח גאר שטארק מקרב געווען און אים געבליבן ריפן "**מיין איידעם**" אפילו נאכן חתונה האבן בזיווג שני, ווייל דאס איז געווען זיין דביקות אין זיין גרויסן רבין זיין רבו מובהק, זיין חסידות האט ער אבער נאר אנגעהויבן פירן **בשנת תרט"ו**, ווען זיין רבו מובהק דער שר שלום זי"ע איז נסתלק געווארן.

דער צדיק איז דאן געווארן מפורסם אלס איינע פון די גרויסע גאונים וגדולים בדורו אין

גאנץ אוקרינה און פולין, טויזענטער אידן יראים ושלימים זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, זיין עבודת הקודש איז געווען מפורסם אז עס איז געווען מיט א געוואלדיגע אש קודש און מיט א גרויסע דביקות, ער איז דאן געווארן באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות דורך א ברכה פון דעם צדיק.

ער האט דארט אין שטאט גאר אסאך אויף געטון פארן שטאט, ער האט געפירט זיין רבנות מיט א געוואלדיגע שטארקייט און מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה ותיקון המעשים און מקרב געווען טויזענטער אידן לאהבת השם און אמונה שלימה אינעם גרויסן באשעפער, דער שטאט איז דאן געווארן מפורסם אלס א עיר ואם בישראל, ער איז געווען באוויסט אלס א איש קדוש מאוד און א עובד השם באמת ובקדושה.

אויך איז דער צדיק געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע שמחה דקדושה, ביים צדיק האט אייביג שורה געווען א שמחה למעלה מדרך הטבע ממש, יעדער וואס איז נאר אריין געקומען אדער געקומען אין בארירונג מיט דעם צדיק איז געווארן בשמחה, ער האט ממש נישט צו געלאזט צו זיך א מענטש וואס איז געווען בעצבות נאר אויב יענער איז געווארן בשמחה האט מען געקענט קומען, ער האט יעדן איד מקבל געווען בסבר פנים יפות און מיט א צהלות פנים.

ער האט כסדר געזאגט דעם פסוק (תהילים ק' ב') **עִבְדוּ אֶת ד' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה**, און ער האט כסדר גע'חזר'ט מיט זיינע תלמידים און חסידים, אז מיט שמחה קען מען אנקומען אויף גאר הויכע מדרגות, אויך ביים טון א מצוה איז דאס צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע שמחה של מצוה, און ווי מען קען זען אז דער צדיק האט מחבר געווען און געריפן זיינע הייליגע חיבורים מיטן נאמען "**לב שמח**", ווייל דאס איז געווען זיין עיקר עבודה אין לעבן צו אריין ברענגען שמחה אין אידישע קינדער.

אלע צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע הנהגה בקדושה וטהרה, הרה"ק **רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב** זי"ע און אויך **דער הייליגער דברי חיים מצאנז** זי"ע פלעגן שיקן חולים וואס האבן געברויכט גרויסע ישועות, צום צדיק וקדוש דער לב שמח זי"ע, זאגענדיג **אז דער לב שמח האט די שליסל פאר רפואה**.

גאר אסאך צדיקי הדור זענען געקומען זיך מסתופף זיין ביים הייליגען לב שמח ובתוכם.

הרה"ק **בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהוסף ראטטענבערג בעל בני שלישים מקאסאני** זי"ע,
הרה"ק **בעל הקדושת יו"ט מסיגוט** זי"ע.

אויך ווען דער צדיק הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זי"ע איז ליידער שטארק קראנק געווארן, האט ער געשיקט זיך מזכיר זיין ביים הייליגען לב שמח פאר א רפואה.

הרה"ק רבי יקותיאל יהודה בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע האט מעיד געווען, **אז דער הייליגער לב שמח איז געווען גאר גרויס אין תיקן נפשות און תיקן נשמות**.

ער האט מחבר געווען זיינע הייליגע חיבורים.

**סידור לב שמח,**
**ספר לב שמח, על התורה,**
**ספר לב שמח, על הגדה של פסח ושיר השירים,**
**קונטרס דרך התפילה.**

ער האט געהאט זיינע הייליגע קינדער.

בנו בכורו **הינוקא יואל** ע"ה, (וואס האט געהייסן נאך הגה"ק **רבי יואל סירקיש בעל הב"ח** זי"ע, אבער ליידער איז דער קינד נפטר געווארן **ביי די 7 יאר אלט**),
בנו הרה"ק **רבי יצחק מאלעסק** זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק **רבי יוסף יוסקא הלוי העללער מלאשקאוויץ** זי"ע, נכד הגה"ק **בעל תוספות יו"ט מקראקא** זי"ע,
בנו הרה"ק **רבי שלמה מסאסוב** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי צבי ארי' לאנדא מפעלשטין** זי"ע, נכד **ר' מרדכי מקרעמניץ** זי"ע,

חתנו הרה"ק **רבי חיים אליהו הלוי הורוויץ מזאלקוואו** זי"ע,

חתנו הרה"ק **רבי צבי הירש רוקח** זי"ע, נכד **השר שלום מבעלזא** זי"ע,

חתנו הרה"ק **רבי אשר אנשיל אשכנזי מסטאניסלאוו** זי"ע, בן הרה"ק **רבי יואל אשכנזי מזלאטשוב** זי"ע,

חתנו הרה"ק **רבי משה זילבערמאן** זי"ע, נכד הרה"ק **רבי פנחס מקאריץ** זי"ע.

פונעם ניסוח פון די מצבה קען מען זען, דאס גדלות און קדושה פון דעם צדיק דער לב שמח זי"ע, ווי מען האט געלייגט די מורא'דיגע שבחים, **"אדמו"ר הרב הצדיק הקדוש הגאון הגדול המפורסם, אוהב ישראל, סבא קדישא, מופת הדור, פועל ישועות, עמוד החזק פטיש הימיני, בקי בנגלה ובנסתר בעל מחבר סידור לב שמח"**.

נסתלק לגנזי מרומים **ערב שבת קודש פרשת שופטים א' אלול בשנת תרמ"ד, זייענדיג 84 יאר אלט כמנין "חנו"ך"**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **אלעסק**.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווערט געברענגט**, אז גאנץ אנפאנג איז דער **הייליגער ב"ח** זי"ע געווען א עני ואביון, ער האט נישט געהאט וואס צו עסן ביי זיך אין שטוב, און דאן איז ער געווען רב אין שטאט בעלזא, און ווינטער ווען עס איז געווען גאר קאלט, פלעגט ער גיין צום שענק פון שטאט, כדי זיך צו דער ווארעמען אביסל, און געקויפט א קליינע משקה אין געשעפט, כדי זיי זאלן אים לאזן לערנען דארט.

די תושבי העיר האבן נישט געוויסט, אז דער ב"ח גייט דארט נאר כדי זיך צו ווארעמען, און זיי האבן געמיינט אז ער גייט דארט טרינקען יעדע נאכט, האבן זיי אפ געשמיסט, **אז מען גייט אים אפזאגן פון דאס רבנות**, האבן די ראשי קהילה אפ געשריבען א כתב מופטר פון די רבנות, און געהייסן דעם שמש הגה"ק רבי שמואל מבעלזא זי"ע זאל עס גיין טראגען פארן ב"ח.

עס איז געווען ערב שבת קודש, און דער שמש רבי שמואל האט נישט געוויסט וואס צו טון, פון איין זייט האט ער נישט געוואלט פארלירן זיין ארבעט אלס שמש, אבער פון די צווייטע זייט האט ער נישט געוואלט מצער זיין דעם ב"ח ערב שבת, האט ער אפ געמאכט, אז ער איז גרייט צו פארלירן זיין ארבעט, און ער וועט ווארטען ביז נאך שבת.

ערב שבת קודש, ווען דער הייליגער ב"ח איז אריין אין ביהמ"ד, האבן די תושבים און די ראשי קהילה אים געוואלט גלייך ארויס שיקען פון שוהל, האט דער שמש גלייך געזאגט פאר זיי, אז ער האט נאכנישט איבער געגעבן דעם מכתב, און זיך איינגעבעטן אז זיי זאלן אים נאך לאזן בלייבן אין שטאט ביז נאך שבת.

מוצאי שבת קודש האט דער ב"ח צוגערופען דעם שמש און געזאגט, **איך האב נאך פאר שבת געוויסט פון דעם מכתב, אבער בשכר וואס די האסט דאס צוריק געהאלטן ביז נאך שבת, נאר כדי מיר נישט צו שטערן דעם שבת קודש, וועסטו זוכה זיין צו א קינד וואס וועט באלייכטען די וועלט**, און כך הוה דער שמש האט זוכה געווען צו א קינד, וואס איז שפעטער געווען דער גאון הגה"ק **רבי יצחק אב"ד בעלזא** זי"ע, און פון דעם צדיק איז ארויס געקומען דער אייניקעל הרה"ק **רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק** זי"ע.

יענעם ערב שבת קודש ווען די הייליגער ב"ח איז ארויס אונעם חצר זיך צו וואשען דעם פנים לכבוד שבת קודש, זענען געקומען פייגעלעך און געטשיפשעט העכער דעם ב"ח, ווען ער איז צוריק אריין געקומען האט ער געזאגט פארן זיין רעבעצין, **גרייט אן לכבוד שבת פאר דריי אורחים וואס קומען פאר שבת קודש פון קראקא**.

ווען די רעבעצין האט געזאגט אז עס איז נישט דא קיין געלט אין שטוב מיט וואס צו גרייטן לכבוד שבת, האט ער געהייסן די רעבעצין אז זי זאל גיין בארגען, און טאקע נאנט צום כניסת השבת, זענען די אורחים אנגעקומען **מיט דעם כתב רבנות פארן ב"ח צו ווערן רב אין קראקא**.

• • •

**צו פארשטיין דאס צדקות און קדושה און די גרויסע עניוות** פונעם זיידן הרה"ק רבי יצחק אב"ד

בעלזא זי"ע, ווערט דערציילט, אז איינמאל איז איינע פון די איינוואוינער'ס פון שטאט בעלזא אריין געקומען אין שטוב פון רבי יצחק, און דער איד האט דארט געזען, ווי איינער א זקן מיט א גאר לעכטיגע צורה זיצט און לערנט מיטן צדיק תורה.

אויפן פראגע פון דעם איד ווער דער גאסט איז, האט דער זיידע געפרעגט מיט וואונדער, "**צו אייך קומט ער נישט**", און דאס איז געווען **אליהו הנביא ז"ל**, און דער זיידע מיט זיין גרויס תמימות האט באמת געמיינט, **אז דאס איז א געווענליכע זאך ביי יעדן אין שטאט**.

• • •

**אין ספר לב שמח ווערט געברענגט די מעשה**, אז ווען דער הייליגער לב שמח זי"ע איז נאך געווען יונג נאך די חתונה, איז ער אמאל געפארן צום יריד קיין לעמבערג, כדי צו איינקויפן ספרים וואס ער האט געברויכט צו לערנען, די רעבעצין וואס איז געווען מפורסם מיט איר גרויס צדקת, **אז צדיקים האבן מעיד געווען אז זי האט געקענט נעמען קוויטלעך**, אבער וויבאלד זי האט געוואלט אז איר מאן זאל קענען עוסק זיין בתורה די גאנצע טאג, האט זי זיך באשעפטיגט מיטן ברענגען פרנסה אין שטוב.

האט זי געבעטן דאן פון די מאן, אז וויבאלד ער פארט סיי ווי צום יריד, זאל ער דארט איינקויפן עפעס סחורה פארן געשעפט, און זי האט מיט געגעבן פארן מאן די סכום געלט צו קענען אלעס איינקויפן, דער מאן דער הייליגער לב שמח זי"ע איז געפארן קיין לעמבערג, און ער האט אלעס איינגעקויפט וואס ער האט געברויכט, און ער איז געבליבן איבער נאכט אין א גאסט הויז, אבער צופרי ווען ער איז ארויס געקומען צום וואגן, **האט ער געזען אז דאס גאנצע סחורה וואס ער האט איינגעקויפט איז נעלם געווארן**.

דער צדיק האט געהאט גרויס עגמת נפש דערפון, אבער ער האט גלייך געזאגט פארן בעל עגלה, אז ער זאל קיינעם נישט דערציילן וועגן די גניבה, און דער צדיק האט זיך געבארגט פון פריש געלט און איינגעקויפט נאכאמאל די סחורה פאר די רעבעצין, און ווען ער איז אהיים געקומען האט ער גארנישט דערציילט פאר די רעבעצין וועגן די גניבה.

אבער לימים איז אנגעקומען א איד צום שווער דער שר שלום מבעלזא זי"ע, און ער דערציילט פארן צדיק, **אז די לעצטע פאר טאג האט זיך אים אנגעהויבן ווארפן די גאנצע גוף רח"ל, און דער איד איז מודה ומתוודה פארן בעלזא רב זי"ע, אז דאס האט פאסירט זייט ער האט ליידער זיך נישט געקענט גובר זיין, און ער האט געגנב'ט סחורה פון איינע פון די משפחה פונעם רב**, און דאן איז דער שווער געוואר געווארן וואס האט פאסירט מיטן איידעם.

דער הייליגער בעלזא רב האט באוואונדערט דאס גדלות פונעם איידעם, אז ער האט גארנישט דערציילט אין שטוב וועגן די גניבה, אבער ער האט גלייך געהייסן דעם איד, אז ער זאל אריבער גיין צום איידעם, און אים בעטן מחילה אויף די גניבה, און דאן וועט ער געהאלפן ווערן מיט א ישועה.

פארשטייט זיך דער איד האט איבער געבעטן דעם לב שמח און ער האט אים מוחל געווען, און גלייך איז דער איד צוריק געזונט געווארן.

• • •

**צו זעהן דאס געוואלדיגע חביבות פונעם גרויסן שווער** דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע צו זיין גרויסן איידעם דער לב שמח זי"ע ווערט דערציילט, אז איינמאל ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע איז געפארן פאר צרכי רפואה קיין לעמבערג.

און וויבאלד דער שר שלום איז דאך געווען פון די צדיקי הדור, זענען אסאך גדולים פון גאליציה און אויך אסאך אידן חסידים יראים ושלמים געקומען קיין לעמבערג, און מען האט געבעטן דעם צדיק צו אפ רעכטן דעם הייליגען שבת קודש צווישן די חסידים.

האט דער הייליגער שר שלום זי"ע געזאגט, **אז ער וועט נישט פירן דא דעם שבת קודש, צוליב זיין חלשות הגוף און אויך צוליב זיין חלשה אין די אויגן**, און אפילו נאכדעם וואס אפאר צדיקי הדור ובתוכם הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע, הרה"ק רבי אברהם מסטרעטין זי"ע, הרה"ק רבי יקותיאל שמעלקא מסאסוב זי"ע, הרה"ק רבי אברהם חיים ממיקאלייב זי"ע האבן זיך געבעטן צום צדיק אז

ער זאל יא פירן דעם שבת, האט דער צדיק נישט מסכים געווען.

אבער ווען מען איז געקומען זאגן פאר הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע, **אז זיין איידעם דער הייליגער לב שמח מאלעסק זי"ע וועט קומען קיין לעמבערג פאר שבת קודש**, האט דער הייליגער צדיק דער שר שלום געזאגט, **אויב דער צדיק דער לב שמח איז אויך דא פאר שבת, וועל איך לכבודו פירן טיש שבת**, דאס איז געווען זיין געוואלדיגע הערצה צום הייליגען לב שמח זי"ע.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז עס האט אמאל אויס געבראכן א גרויסע שריפה אין שטאט אלעסק ר"ל, און עס האט געדראעט א סכנה אויפ'ן בית הכנסת פארברענט צו ווערן, איז דער רבי דער הייליגער לב שמח זי"ע געלאפן צום בית הכנסת צו ראטעווען די ספרי תורה, אנקומענדיג האט ער געטראפן אסאך מענטשן שטייען ארום דעם בית הכנסת, ווייל פון די ארומיגע הייזער האט מען שוין געהאט ארויס געראטעוועט די כלים, אבער פונעם בית הכנסת האט מען נאכנישט געראטעוועט די ספרי תורה און כלי קודש, האט זיי דער רבי געפרעגט די אורזאך דערפון, האבן זיי געענטפערט, **אז דער בית הכנסת איז פארשפארט, און נאר דער משמש האט די שליסלען, און מען טרעפט אים נישט**.

דער צדיק דער לב שמח מאלעסק זי"ע איז גלייך צו געגאנגען צום טיר פון בית הכנסת, און אויס געשריגן מיט א הויך קול, "**פתחו שערים**", און לפלא גלייך האבן זיך געעפנט די דלתות ההיכל, דער רבי איז גלייך צו געגאנגען צום ארון קודש, דארט האבן זיך געפונען אסאך ספרי תורה, ער האט אליין גענומען פיר ספרי תורה אין זיינע הענט, און מיט זיי ארויס געלאפן, און ער האט באפוילן די מענטשן אינדרויסן צו ראטעווען די איבריגע ספרי תורה.

דער רבי דער הייליגער לב שמח זי"ע איז געגאנגען מיט די ספרי תורה ביז צו זיין שטוב, דורך א שמאלן קורצן געסל וואו דאס פייער האט שוין דארט געברענט פון ביידע זייטן, און נאכדעם וואס מען האט ארויס גענומען אלע ספרי תורה פון בית המדרש, האט דאס פייער דערגרייכט דאס בית המדרש, און עס איז ליידער פארברענט געווארן ביז'ן יסוד.

נאכן שרעקליכען שריפה, האט דער לב שמח אנגעהויבן מאכן הכנות צום אויפבוי פון א נייעם פראכטפולן בית המדרש, אויפן דרך וואס ער האט צו געזען און געלערנט ביי זיין שווער דער שר שלום מבעלזא זי"ע, ער האט פאר דעם צוועק צוזאמען גענומען א גרויסן סכום געלט, און דער הייליגער לב שמח זי"ע איז אליין געשטאנען דערבייביים בויען, **און געזאגט מזמורי תהלים, און די גאנצע ערשטע שורה פונעם יסוד האט ער אליין געלייגט מיט זיינע הייליגע הענט**.

• • •

ווי דערמאנט, האט דער הייליגער לב שמח מאלעסק זי"ע נאכן שרעקליכע שריפה פונעם ביהמ"ד אין שטאט אלעסק, געלאזט בויען א הערליכע גרויסע שיינע שול אין אלעסק, אזוי ווי ער האט געלערנט פון זיין הייליגן שווער דער שר שלום פון בעלזא זי"ע, בשעת מען האט געבויעט די שול, און מען האט שוין געהאט געבויעט ביז צו די פענסטער, איז געשען א מעשה, אז דער גלח וואס איז געווען א גרויסער שונא ישראל, האט גע'דרש'נט פאר די גוים און זיי געזאגט, "**קוקטס, דער רב איז אן ארימאן, און מיט דעם אלעם בויט ער אויף אזא הערליכע שול, און איר שווייגט**".

האבן די גוים אפגעמאכט צווישן זיך, אז זיי זאלן אויפבויען א גרויסע שיינע "**תיפלה" רח"ל**, וואס זאל זיין פונקט קעגן איבער די שול, און זיי האבן צווישן זיך אפגערעדט, אז מען מוז זען אז די תיפלה זאל זיין "**העכער**" ווי די שול וואס דער רב בויעט יעצט, און תיכף האבן זיי געדינגען בויערס און ארבייטער, און זיי האבן אנגעהויבן צו בויען מיט א שנעלן טעמפא, אז שוין אינעם ערשטן טאג האבן זיי אויפגעבויעט כמעט דעם גאנצן יסוד.

ווען דער בויער פון די הייליגע שול האט דאס געזען, איז ער געקומען צום "לב שמח" און אים דערציילט, אז די גוים גרייטן זיך צו מיט גרויסע כוחות צו בויען קעגן איבער די שול א גרויסע תיפלה, האט אים דער הייליגער לב שמח געענטפערט, קום צו מיר מארגן אינדערפרי.

ווען עס איז געווארן אינדערפרי, האט דער הייליגער לב שמח גענומען מיט זיך דעם בויער, און זיי זענען געקומען צום ארט וואו מען בויעט די נייע פראכטפולע שול, ער איז געגאנגען אויף דעם

בנין ביי די וואנט, און ער האט זיך אנגעלענט אויפ'ן פענסטער קעגן איבער דאס ארט פון די תיפלה, און ער איז געווען דבוק אין זיינע הייליגע רעיונות, און נאך א שטיקל צייט זאגט דער הייליגער אלעסקער פאר בויער בזה"ל, "**איך זעה נישטא גארנישט**", און ער איז צוריק אהיים געגאנגען.

תיכף ווען ער האט געענדיגט קוקן אויפ'ן ארט פון די תיפלה, איז געשען אן אויסטערלישע זאך, **דער "יסוד" האט אנגעהויבן איינצוזינקען צוביסלעך אין די ערד, ביז מען האט שוין נישט געזען קיין בנין בכלל**, די גוים האבן פרובירט פארשידענע פאטענטן און זיי האבן גערופן גרויסע מבינים, צו זען וואס מען קען טוען, אבער זיי האבן גארנישט אויף געטוען, **און דאס ארט איז געווארן א גרויסער זומפ, און דאס ארט איז געבליבן פוסט**, און עס איז מקויים געווארן די רייד פון חז"ל (רש"י תולדות), "**כשזה קם זה נופל**", אז ווען די קדושה הייבט זיך, פאלט די טומאה, און די קדושה האט זיך געשטארקט.

• • •

**אין די שטאט ראדחוב וואס געפונט זיך נאנט צום שטאט אלעסק**, האט געוואוינט א מלמד מיטן נאמען ר' מיכל, וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם הייליגן צדיק דער לב שמח מאלעסק זי"ע, די דארטיגע מתנגדים פלעגן אים שטענדיג מצער זיין איבער זיינע נסיעות קיין אלעסק צום צדיק דער לב שמח זי"ע.

די פרוי פונעם מלמד איז אמאל געווארן פאראליזירט ל"ע, און דער מלמד האט כסדר מזכיר געווען זיין ווייב ביים רבי'ן פאר א ישועה, אבער זי האט דערוויל נאכנישט געהאט קיין ישועה, האבן די מתנגדים געהאט דורך דעם א פתחון פה אים נאכמער מצער צו זיין, וויזענדיג, **אז זיין גרויסע רבי וואס ער האלט און איין רעדן פון זיין גדלות און כח צו פועל'ן ישועות, קען דאך בכלל נישט העלפן**.

ווען דער מצב האט זיך פארערגערט, און זי האט שוין געהאלטן נאנט צו א מצב פון גסיסה ר"ל, האט ר' מיכל געשיקט א בריוו צום רבי'ן מיט בקשות און תחנונים, ער זאל זיך אויף אים מרחם זיין, און זאל מתפלל זיין פאר זיין פרוי זי זאל האבן א רפואה במהרה, און ער האט צו געשריבן, "**אז עס וועט דערפון ארויס קומען א גרויסע קידוש השם, ווייל די מתנגדים וועלן זעהן אז די חסידישע רבי'ס האבן יא א כח צו העלפן**".

ווען דער רבי האט אפגעלייענט דעם בריוו, האט ער געזאגט בזה"ל, "**קנאתי בהוללים**", (מיינענדיג דערביי די מתנגדים וואס לאכן אפ פון אים), און דער רבי האט צוריק געשריבן פאר זיין חסיד בכתב יד קדשו בזה"ל, "ב"**ה, ידידי החסיד ר' מיכל נ"י, מכתבו הגיעני, התפללתי עליה כתפילת משה על מרים, והכתיבה יהיה לה לשמירה, חנוך העניך אב"ד אלעסק**".

דער בריוו איז אנגעקומען צו ר' מיכל דאנערשטאג פארנאכטס, און מען האט דעם בריוו **גלייך געלייגט אונטער'ן קאפ פון די חולנית**, און נאך עטליכע שעה האט זי געזאגט פאר איר מאן, ער זאל איר געבן מילך צו טרינקען, ער האט איר געגעבן, און זי האט זיך אנגעהויבן צוביסלעך אויפזעצן אויפ'ן בעט, דעמאלט האט ער געזען אז עס האט זיך אנגעהויבן די ישועה, און צוביסלעך איז איר בעסער געווארן, ביז זי האט געזאגט מען זאל איר געבן אירע קליידער, ער האט איר געפרעגט, פארוואס זי ברויך די קליידער, האט זי געזאגט, ווייל זי פילט זיך שוין גוט, און זי וויל אנגרייטן דעם שבת.

פארשטייט זיך אז פון די ישועה חוץ לדרך הטבע איז געווארן א גרויסער רעש אין די שטאט, ובפרט צווישן די מתנגדים, און זיי זענען געקומען פרעגן אין שטוב פון דעם חסיד, ווי אזוי דאס האט פאסירט, האט ער זיי געזאגט, אז דער רבי האט אים געשריבן א בריוו, און ער האט עס געלייגט אונטער'ן קישן, און פון דעם איז איר בעסער געווארן, האבן די מתנגדים צווישן זיך גערעדט, אז זיכער איז די בריוו עפעס א קמיע.

אבער דארט איז דאן אנגעקומען א באוואוסטער רב א גרויסער בעל מקובל, איז ער געגאנגען צו ר' מיכל צו זעהן דעם בריוו פעסט צו שטעלן אויב מען קען פון דעם נוסח צוזאמשטעלן א קמיע, אבער ווען ער האט זיך גוט מתבונן געווען אינעם בריוו, האט ער נישט געזען דערין קיין שום שמות, האט ער דערפון געזען, אז דער אלעסקער רבי איז אן איש אלקים, און דער רב האט געקושט

דעם בריוו פון גרויס התעוררות און אהבה, ר' מיכל איז געפארן קיין אלעסק, און אלעס דערציילט דעם רבי'ן, דעמאלט האט אים דער רבי דער הייליגער לב שמחה זי"ע געזאגט, "**זאלסט וויסן אז בלויז מיין נאמען איז מסוגל איך זאל דערמיט פועל'ן ישועות ורפואות**".

• • •

**די צווייטע טעג סוכות שמיני עצרת און שמחת תורה**, איז די עבודה ביים הייליגען לב שמחה זי"ע געווען עד להפליא, ובפרט ביי די הקפות זענען זיינע ריקודין געווען מיט גרויס מסירת נפש, און אפילו לעת זקנתו האט ער נישט משנה געווען זיין עבודה, איין יאר שמחת תורה ביינאכט, איז דער שטאטישער ריכטער געקומען אין בית הכנסת כדי צו זעהן דעם רבי'נס עבודה, פון וואס ער פלעגט הערן פלאות, ער האט אבער נישט געקענט גלייבן, אז אזא זקן זאל קענען פראווען אזא גרויסע עבודה, האט ער זיך געוואלט אליין איבערצייגן צי וואס מען זאגט איז ריכטיג, ער איז דארט געשטאנען אין בית הכנסת ביז נאך די הקפות.

נאכדעם ווען דער הייליגער לב שמחה האט גענדיגט זיין הייליגע עבודה פון טאנצן די הקפות און איז אהיים געגאנגען, איז דער ריכטער אויך געגאנגען צום רבי'ן אין שטוב, און מען האט אים דארט מכבד געווען מיט משקה.

אבער איידער ער האט געטרונקען האט ער געזאגט פארן רבי'ן, איך בין געווען ביי די הקפות, און אויב איך וואלט עס נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, וואלט איך עס נישט געגלייבט, ווייל די עבודה איז חוץ לדרך הטבע, און איך וואלט מייעץ געווען דעם רבי'ן, אז יעצט ווען דער רבי איז שוין אלט, זאל דער רבי איבערגעבן די שווערע עבודה פאר די קינדער, על כל פנים די הקפות פון ביינאכט זאל דער רבי איבערגעבן פאר די קינדער, און דער רבי אליין זאל פראווען נאר בייטאג.

דער הייליגער לב שמחה האט דעם ריכטער געענטפערט מיט גרויס התרגשות, "**השי"ת דארף מען דינען בייטאג און ביינאכט, און ווען מען איז יונג און ווען מען איז אלט**", ווען דער ריכטער האט געהערט די דיבורים אשר יצאו מפי כהן גדול בקדושה וטהרה, האט דעם ריכטער אן געכאפט אזא ציטער, אז זיין גלעזל מיט משקה איז אים אראפ געפאלן פון די הענט, און ער אליין איז אראפ געפאלן פון די באנק.

און דער שופט האט נאכדעם געזאגט פאר די מענטשן אינדרויסן, "**גייט נישט יעצט צום רבי'ן, ווייל ער איז זעהר פארפלאמט פון זיין עבודה, און עס איז א סכנה צו שטיין נעבן אים יעצט**", דאס איז געווען זיין גרויסע כח דקדושה, אז אפילו פאר א פשוטע ריכטער, האט דער צדיק געקענט ברענגען אזא גרויסע פחד מיט זיין עבודת הקודש.

• • •

**הרה"ח ר' בן ציון לונגער ז"ל**, וואס איז געווען א בן בית פונעם הייליגן סאסובער רבי'ן רבי שלמה'לי, דער זון פונעם הייליגען לב שמחה זי"ע, דערציילט אין זיין ספר מעולפת ספירים, **אז מען פלעגט ברענגען דיבוקים פאר'ן לב שמחה, און ער האט זיי אויס געהיילט דורך זיינע תפלות**, און ער האט דערציילט, אז אין די שטאט גארליץ האט געוואוינט א חסידישער איד מיטן נאמען רבי אברהם עלמאן, וועלכער פלעגט געבן סגולות און פארשפרעכן לחשים פאר קראנקע וואס זענען געקומען צו אים.

אין א געוויסן טאג אין יאר תרמ"ד, עטליכע וואכן פאר א' אלול וואס דעמאלט איז דער לב שמחה נסתלק געווארן, איז געברענגט געווארן צו דעם רבי אברהם א מענטש, אין וועמען עס איז אריין א דיבוק ל"ע, און ער האט אנגעהויבן שפרעכן אויף אים ווי זיין שטייגער.

אבער דער דיבוק האט געעפנט זיין מויל און געזאגט, "**ר' אברהמ'לי הערט אויף מיט אייערע אנשפרעכונגען, מען דארף פארן מיט מיר קיין אלעסק צום צדיק רבי העניך, און דארט וועל איך האבן א תיקון, אבער וויסן זאלט איר אז עס איז שוין נישטא קיין סאך צייט, ווייל אין עטליכע וואכן ארום וועט דער צדיק אוועקגיין פון דער וועלט, און איך דארף זיין ביי אים, ווייל איך האב אים אמאל פארשעמט, און ווילאנג איך וועל אים נישט איבער בעטן, וועל איך נישט האבן קיין תיקון**".

און דער דיבוק האט דערציילט, "**אז דאס האט שוין פאסירט מיט גאר א לאנגע צייט צוריק, נאך אין די צייטן פון די חכמי המשנה, וואס דעמאלט איז דער אלעסקער צדיק געווען א תנא, און איך האב**

**אים פארשעמט, און ביז יעצט בין איך געווען מגולגל אין תוהו ובוהו, און איך האב נישט געהאט די מעגליכקייט אים איבער צו בעטן, אבער יעצט האב איך באקומען רשות זיך צו באהעפטן אין א מענטש, און איך האב א געלעגנהייט אים איבער צו בעטן, צוליב דעם זאל מען פארן מיט מיר גלייך קיין אלעסק**", מען האט טאקע אזוי געטוען ווי דער דיבוק האט געזאגט, און לפלא דארט אין שטוב פונעם צדיק דער לב שמח זי"ע, איז דער מענטש גלייך אויס געהיילט געווארן.

• • •

**עס האט דערציילט אן אייניקל פון הייליגען צדיק דער לב שמח מאלעסק זי"ע**, וואס איז געווען פון די משמשים בקודש אין יענע צייט, אז עטליכע טעג פאר די פטירה פונעם זיידן, איז אנגעקומען אויף שב"ק מיין קרוב דער קאלישער דיין הגה"ק **רבי משה דוד אשכנזי** זי"ע, זונטאג האט ער זיך געוואלט געזעגענען, און ער האט אן געשריבן א לאנג קוויטל מיט פיל בקשות, איך האב אים געזאגט, אז ווי עס קוקט אויס לויט דעם שווערן מצב פונעם זיידן וואס איז נעבעך אזוי שוואך, טאר מען אים נישט צו שטארק מטריח זיין מיט לאנגע בקשות, נאר שרייבט אפ די נעמען און אויב עס וועט מעגליך זיין ביים געבן דעם קוויטל, וועט איר זאגן אייערע בקשות.

ער האט מיך טאקע געפאלגט, און אן געשריבן אן אנדערן קליינעם קוויטל, וואס האט אנטהאלטן נאר די נעמען, און ווי אפגעשמועסט האט ער דערלאנגט דאס קוויטל זונטאג נאכמיטאג פארן הייליגען לב שמח זי"ע, דערציילט ווייטער דאס אייניקל דער משמש בקודש, איך בין געשטאנען אונטער די שטול פונעם זיידן, זעה איך ווי מיין קרוב דערלאנגט זיין קוויטל פארן זיידן, און דער זיידע נעמט אים ענטפערן אויף יעדן איינציגן פרט פון זיינע בקשות וואס ער האט געשריבן אין לאנגן קוויטל, און דאס האט מיך זעהר פארדראסן, ווייל מיר האבן דאך אפ געשמועסט ער זאל נישט מטריח זיין דעם זיידן, איז פארוואס האט ער יא געגעבן דעם לאנגן קוויטל.

שפעטער ווען איך בין ארויס געקומען, האב איך פאר געווארפן פאר מיין קרוב, "**פארוואס האט איך מיך נישט געפאלגט, און יא געגעבן דעם לאנגן קוויטל פארן זיידן**", נעמט מיין קרוב ארויס פון טאש דעם לאנגן קוויטל, און ווייזט עס מיר זאגנדיג, "**די לאנגע קוויטל ליגט ביי מיר, איך האב דאס נישט געגעבן, דערלאנגט פאר'ן זיידן האב איך נאר דעם קורצן קוויטל, וואו עס איז געשטאנען בלויז נעמען, און קיין שום בקשה**", אבער דער זיידע מיט זיין רוח הקודש האט אים גענומען ענטפערן אויף אלע בקשות וואס איז געשטאנען אין דער קוויטל וואס ער האט אפילו נישט באקומען, ער האט געלייענט דאס קוויטל מיט די נעמען און געוואוסט פונקטליך אלע בקשות.

• • •

**אמאל האט פאסירט**, אז דער הייליגער לב שמח זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן, האט גאר שטארק געליטן פון א מיחוש אויף די לינגען, אז ער האט ממש געשפיגען בלוט, זיין רעבעצין די צדקת מרת פריידא ע"ה איז דאן אריין צו איר מאמע די צדקת מרת מלכה ע"ה, די רעבעצין פונעם הייליגען שר שלום פון בעלזא זי"ע, און זי האט זייער געבעטן די מאמע.

אז זי זאל בעטן דעם טאטן דער שר שלום, אז ער זאל זייער בעטן דעם איידעם דעם לב שמח, וואס איז געווען דער בעל תפילה אינעם שוהל פונעם שווער, אז וויבאלד ער איז אזוי נישט געזונט, זאל ער יעצט נישט דאווענען פארן עמוד, וויבאלד דאס איז זייער נישט גוט פאר זיין געזונט, ווייל דאס שטרענגט גאר שטארק אן זיינע לינגען, און די רעבעצין די צדקת מרת מלכה ע"ה איז אריין צום שר שלום און געזאגט, "**פריידאלע בעט מען זאל זאגן אונזער רבי העניך, אז ער זאל נישט דאווענען פארן עמוד, צוליב זיין מצב הבריאות**".

האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע געזאגט פאר די רעבעצין בזה"ל, "**מלאכים ושרפים זענען משתוקק צו די תפילות פון אונזער רבי העניך, איז ווי אזוי קען איך אים הייסן נישט דאווענען**", אבער האט דער הייליגער שר שלום געזאגט, ער וועט אי"ה בקרוב זיין געזונט און שטארק.

אפאר וואכן שפעטער איז דער הייליגער לב שמח זי"ע געווען מיט זיין שווער דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע, ביי הרה"ק רבי אורי השרף מסטרעליסק זי"ע, און ביים טיש איז דער שר שלום געזעסן נעבן דעם שרף מסטרעליסק,

און דער לב שמח איז געשטאנען אונטער זיין שווער.

און ווי באוויסט אז דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע האט געהאט א מנהג, אריינצולייגן אין די זופ אלע זאלץ און פעפער וואס איז געלעגן אויפ'ן טיש, און ער האט פון דעם געגעסן עטליכע לעפל, און נאכדעם האט ער געגעבן דעם שיסל פאר איינעם פון די אנוועזענדע, און יענער האט געדארפט אויף עסן דאס איבער געבליבענע ביז צום סוף.

יענע וואך האט דער הייליגער שרף מסטרעליסק געגעבן פארן לב שמח דעם טעלער זופ, און דער לב שמח האט דעמאלט גאר שטארק געליטן פון דעם שעדליכער מיחוש, אז ער פלעגט שפייען בלוט ר"ל, און עסענדיג די זופ האט ער געפילט אז דאס עסן שאדט אים ממש, אז ער קען עס מער נישט אויסהאלטן, און די ווייטאגען האבן אים געריסן ביים הארץ.

זיין שווער דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט אים אבער געמוטיגט, און געזאגט, "**אויב דער סטרעליסקער גיט דיר דאס, וועט קומען פון דעם די רפואה**", טאקע אזוי ווי דער שר שלום זי"ע האט געזאגט, אזוי איז טאקע געווען, ער האט נאכדעם זוכה געווען צו אריכות ימים, און פון דעמאלט האט ער קיינמאל מער נישט געליטן, נישט אויפ'ן הארץ און נישט אויף די לונגען.

• • •

**די רעבעצין פונעם הייליגן קדושת יו"ט מסיגוט זי"ע, הרבנית הצדקת מרת חנה ע"ה**, בת הרה"ק רבי יואל אשכנזי אב"ד זלאטשוב זי"ע, איידער זי האט חתונה געהאט מיט אים, איז זי געווען זעהר צובראכן, זייענדיג א גרושה און ליידנדיג אסאך צרות, איז זי זיך געגאנגען אויסרעדן דאס הארץ צום הייליגן לב שמח זי"ע, וואס איר ברודער הרה"ק רבי אשר אנשיל זי"ע איז געווען אן איידעם ביים הייליגען לב שמח.

ווען זי איז ארויס געגאנגען, האט דער הייליגער אלעסקער אויף איר געזאגט, "**איך זעה אויף איר אן אור גדול**", דעמאלט האט זיך דארט געפונען הרה"ק רבי משה'לי ראזוואדובער זי"ע, וואס איז געווען אן איידעם ביים הייליגען ייטב לב מסיגוט זי"ע, און ווען ער האט געהערט די ווערטער פונעם הייליגן אלעסקער, האט ער זיך נאך געפרעגט, ווער עס איז געווען די פרוי, אויף וועמען דער צדיק פון אלעסק זעט אן אור גדול.

האט מען אים געזאגט אז זי איז די טאכטער פון הרה"ק רבי יואל אשכנזי אב"ד זלאטשוב זי"ע, וואס איז געווען א ברודער פון די רעבעצין פונעם ייטב לב זי"ע, הערנדיג דאס האט דער רבי משה מראזוואדוב זי"ע אן געטראגן פאר זיין שווער דעם ייטב לב זי"ע דעם שידוך פאר זיין זון דער קדושת יו"ט בזיווג שני, און פון דעם זיווג זענען ארויס געקומען די שני המאורות הגדולים, **הרה"ק המפורסם בעל עצי חיים מסיגוט זי"ע, און הרה"ק המפורסם רבינו יואל מסאטמאר זי"ע**.

• • •

**אין די שטאט לעמבערג האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' משה שמואל**, און דער ר' משה שמואל איז געווען א חשוב'ער איד א חסיד און א גביר, ער איז געווען א גרויסער נדבן, קיין ארימאן איז פון זיין שטוב קיינמאל נישט ארויס ליידיג, זיין גאנץ פארמעגן פלעגט ער טיילן פאר צדקה, און מען האט אויף אים געזאגט אז עס נעכטיגט נישט איבער ביי אים קיין איבריגע פרוטה.

ר' משה שמואל האט געצויגן זיין פרנסה פון א געוויסן פריץ, ער האט פארוואלטעט אויפ'ן פריץ'ס גיטער, און אנגעפירט מיט אלע פארמעגנס פונעם פריץ, וואס פון דעם האט ער געצויגן זיין פרנסה, האבן זיך געטראפן שלעכטע מענטשן אומפארגינערס, וועלכע האבן נישט געקענט צוזען ר' משה שמואל'ס הצלחה, און זיי האבן גענומען פאר'מסר'ן פאר'ן פריץ, אז ר' משה שמואל איז נישט קיין ערליכער און מען קען אים נישט געטרויען, ווייל ער גנב'ט געלט פונעם פריץ'ס פארמעגן.

צוביסלעך האבן די מסירות ענדליך געווירקט אויפ'ן פריץ, און האבן אריין געברענגט א שנאה אין זיין הארץ קעגן ר' משה שמואל'ן, איין פארנאכט ווען ר' משה שמואל איז אריין געקומען צום פריץ, האט אים דער פריץ אן געשריגן און אן געווארנט, אז אויב ער וועט אים נאך איינמאל זען ביי זיך אין שטוב, וועט ער אים שיסן מיט זיין רעוואלווער, ר' משה שמואל האט זיך פרובירט פאר ענטפערן, אז

ער איז גארנישט שולדיג, און אז די מסירות וואס זיינע פיינט האבן אויף אים דערציילט איז פאלש, עס האט אבער גארנישט געהאלפן, דער פריץ האט אים אפילו נישט געוואלט אויסהערן.

ווען ר' משה שמואל איז ארויסגעקומען פון פריץ'ס הויז, איז ער געווען שטארק צובראכן, דא האט ער ביז היינט געהאט אזוי שיין פרנסה פון זיין האנדלען מיט'ן פריץ, און יעצט איז ער פלוצלונג געבליבן אן קיין פרנסה, איז ער אנשטאט אהיים צו גיין, גלייך פונעם פריץ'ס הויז, צו געגאנגען צו די באן סטאנציע, און איז געפארן מיט די באן קיין אלעסק, צו זיין רבי'ן הרה"ק רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק זי"ע, צו וועמען ער איז געווען גאר שטארק מקושר און ער פלעגט שטענדיג פארן.

קיין אלעסק איז ר' משה שמואל אנגעקומען אינמיטן די נאכט, און ער האט אנגעקלאפט אויף די טיר ביים רבין אין שטוב, דעם אלעסקער רבינ'ס אן אייניקל, הגה"צ רבי משה דוד אשכנזי זי"ע, איז פונקט יענע נאכט געשלאפן ביים זיידן, און ווען ער האט געהערט קלאפן אין די טיר, איז ער געגאנגען עפענען, און ר' משה שמואל האט אים געזאגט אז ער וויל אריינגיין צום רבי'ן, ווייל ער האט עפעס א וויכטיג ענין דורך צו רעדן.

איז ר' משה דוד אריין געגאנגען צום זיידן און אים דערציילט, אז ר' משה שמואל פון לעמבערג שטייט אינדרויסן און ער פרעגט צי ער קען אריין קומען צום זיידן, האט דער רבי געהייסן אים אריינלאזן, און ר' משה שמואל האט דערציילט פאר'ן רבי'ן וואס עס האט יעצט פאסירט, ווי דער פריץ מיט וועמען ער פלעגט ביז יעצט האנדלען, האט אים ארויס געווארפן פון שטוב, און ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, "**זאל דער רבי וויסן, אז איך האב נישט קיין געלט אין שטוב אפילו נאר אויף שבת צו מאכן**", דערביי האט ער גאר שטארק געקרעכצט אויף זיין שווערן מצב.

האט אים דער אלעסקער רבי געזאגט, "**פארוואס קרעכצסטו, דו ברויכסט אינגאנצן נישט מורא האבן, השי"ת וועט העלפן**", דאן האט ער באפוילן ער זאל שוין בלייבן דא אין אלעסק אויף איבער שבת, ר' משה שמואל האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז ער האט נישט מיט זיך די בגדי שבת, האט דער רבי אים געזאגט, אז ער זאל זיך בארגן פון איינעם בגדי שבת און ער זאל דא בלייבן אויף שבת, פארשטייט זיך אז ר' משה שמואל האט אזוי געטוען און איז געבליבן אין אלעסק אויף שבת.

פרייטאג האט ער געבערענגט פאר'ן רבי'ן א פלעשל וויין אויף קידוש צו מאכן, האט אים דעמאלט דער רבי געזאגט, "דו ווייסט דאך אז איך זיץ גאר לאנג ביי שלש סעודות, דו זאלסט אבער נישט ווארטן אויף מיר, נאר גלייך ביים זמן פון מוצאי שבת קודש, זאלסטו דאווענען מעריב, מאכן הבדלה און אהיים פארן".

ר' משה שמואל האט זיך גאר שטארק געוואונדערט, ווייל דא הייסט אים דער רבי ער זאל בלייבן אויף שבת, און יעצט הייסט ער אים אז גלייך ביים זמן זאל ער זיך איילן, איבער לאזן דעם רבי'נס שלש סעודות און אהיים פארן, ער האט אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים אזוי געטוען, און גלייך ווי נאר עס איז געווארן דער זמן, איז ער צוריק אהיים געפארן קיין לעמבערג.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין שטוב, זאגט אים זיין ווייב, "**גוט אז דו ביסט געקומען, ווייל דער פריץ האלט אין איין שיקן שליחים צו דיר, אז דו זאלסט גלייך קומען צו אים אין פאלאץ**", ר' משה שמואל האט צו זיך געטראכט, "**וואס דארף איך שוין אריבער גיין צו אים, זאל ער ווארטן ביז מארגן צופרי**", ער האט געגעסן מלוה מלכה און זיך געלייגט שלאפן, זונטאג אינדערפרי איז נאכאמאל געקומען צו אים אין שטוב א שליח פון פריץ, אז דער פריץ בעט ער זאל גלייך אריבער קומען צו אים אין פאלאץ.

ווען ר' משה שמואל איז אריין געקומען צום פריץ, האט אים דער פריץ געפרעגט, "**וואו ביסטו געווען נאכדעם וואס איך האב דיך ארויס געווארפן פון הויז**", האט אים ר' משה שמואל געענטפערט, "**אזוי ווי איר האט מיר אן געזאגט איך זאל מער נישט צו אייך אריינקומען, בין איך געפארן קיין בראד מיר צו זוכן עפעס אנדערע געשעפטן**", דער פריץ האט זיך אבער נישט געלאזט, "**דו זאגסט מיר ליגנט**", האט ער געזאגט צו ר' משה שמואל'ן, "**דו ביסט נישט געווען אין בראד מאכן געשעפטן, ווייל איך ווייס אז דו ביסט געווען ביים ראבין אין אלעסק**".

האט דער פריץ ווייטער געזאגט, "**דער ראבינער איז גאר א שלעכטער, ווייל ער האט מיך געוואלט הרג'ענען**", האט אים ר' משה שמואל געזאגט, "וואס רעדט איר, דער ראבין איז די גאנצער צייט געווען אינדערהיים ביי זיך אין שטוב, ווי קען זיין אז ער האט אייך געוואלט הרג'ענען", האט אים דער פריץ געענטפערט, "**איך האב טאקע קיינמאל דעם ראבין נישט געזען פערזענליך, אבער איך זאג דיר אז ער האט מיך געוואלט הרג'ענען, איך וועל דיר אפילו פארשטעלן ווי אזוי ער זעט אויס**", און דער פריץ האט אים דאן געשילדערט די הייליגע צורה פון רבי'ן, זיינע פיאות און זיין בארד, טאקע פונקטליך ווי אזוי ער האט ווירקליך אויסגעזען.

דאן האט דער פריץ געזאגט פאר ר' משה שמואל'ן, אז ער קען ווייטער בלייבן ביי זיינע געשעפטן, ווייטער אנפירן מיט זיינע גיטער און אנדערע מסחרים, און ר' משה שמואל איז געבליבן ביים פריץ, און געמאכט מיט אים געשעפטן לאנגע יארן, ביז צו די הסתלקות פונעם צדיק דער הייליגער לב שמח מאלעסק זי"ע, נאכדעם וואס דער רבי איז נסתלק געווארן, האט אים דער פריץ מיט עפעס א תירוץ פארשיקט פון די געשעפטן.

• • •

**צום צדיק הרה"ק רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק זי"ע** איז אמאל אריין געקומען א איד זיך מזכיר זיין, אז היות ער וואוינט אין א דארף וואו ער האט א שענק און פארקויפט ברוינפן, אויך האלט ער דארט די מיל וואס דערפון ציט ער זיין פרנסה, אבער יעצט האט זיך דארט באזעצט א גוי א שונא ישראל, וועלכער וויל אים אויסכאפן זיינע פרנסות, האט דער רבי ר' העניך א זאג געטוען צו אים בזה"ל, "**איך ווייס נישט וואס דו ווילסט, אין דיין דארף וואוינט בכלל נישט דער גוי פון וועמען דו רעדסט, עס געפינט זיך נישט דארט אזא גוי וואס זאל דיך קענען שלעכטס טוען**".

הערענדיג די ווערטער איז דער דארפסמאן מיט זיין גרויס אמונת צדיקים אהיים געפארן, דארט האט אים שוין אפ געווארט דאס ווייב מיט א בשורה טובה, אז דער גוי האט איינגענומען א מיתה משונה, און ווען מען האט אויס גערעכנט, האט מען געטראפן, אז דאס האט פאסירט ממש יענע רגע ווען דער רבי האט געזאגט די ווערטער, אז עס געפינט זיך נישט דארט אזא גוי וואס זאל אים קענען שלעכטס טוען, ממש יענע רגע האט דער גוי גע'פגרט.

• • •

**עס איז געווען א איד וואס האט אמאל א טובה געטוען פארן הייליגען לב שמח זי"ע**, וועגן דעם האט אים דער לב שמח געזאגט, אז ווען ער וועט זיין אין א נויט, זאל ער וויסן זיין אדרעס, מיט א צייט שפעטער איז דער זון פון דעם מענטש זייער שטארק קראנק געווארן ר"ל, און די דאקטוירים אין לעמבערג האבן אויף געגעבן אויף זיין לעבן, האט ער זיך דערמאנט וואס דער לב שמח האט אים געזאגט, אבער וויבאלד עס איז שוין געווען נאכן הסתלקות פונעם הייליגען לב שמח, האט ער אפ געמאכט צו פארן צום ציון פונעם לב שמח זי"ע.

האט ער זיך אויף געהויבן און איז געפארן קיין אלעסק צום ציון הקדוש פון דעם צדיק, און ווען ער איז צוריק געקומען נאך צוויי אדער דריי טעג, האט ער געטראפן אז זיין זון איז אויסגעהיילט געווארן, און ווי דער דאקטאר האט זיך אויס געדרוקט, **אז ער האט געהאט א גליקליכע אפעראציע**.

און זיין זון דער חולה האט אים דאן דערציילט, **אז ער האט געזען אין זיין חלום אן אלטער איד, ווי ער איז צו געגאנגען צו אים, און ער האט אים געגעבן א קלאפ אויף זיין בויך, און ער האט ארויס גענומען פון דארט עפעס א זאך און אוועק געווארפן**, און נאכן אראפ מאלן די צורה פון יענעם איד, האט דער טאטע דערקענט, אז דאס איז געווען דער הייליגער לב שמח זי"ע, וואס איז געקומען מעולם העליון איין צו האלטן זיין צוזאג פאר דעם איד.

די מעשה האט דערציילט, הגה"צ **רבי העניך פאדוווא גאב"ד לאנדאן** זי"ע, פאר **כ"ק אדמו"ר רבי משולם אשכנזי** זי"ע **סטאניסלאווער רבי פון לאנדאן**, וואס איז א אייניקל פונעם לב שמח, ווען ער איז געלעגן אויפ'ן קראנקן בעט, ווייל ער האט געהאט **שטיינער אין די נירן**, און נאכדעם וואס דער רב האט דערציילט די מעשה, זענען די שטיינער באלד ארויס, האט דער סטאניסלאווער רבי אן געמערקט, אז דורכדעם וואס דער רב האט דערציילט די מעשה, **האט אים געהאלפן אז ער האט געהאט א ישועה**.

**יארצייט ב׳ אלול**

**הרה"ק רבי אליעזר ב"ר ישראל זי"ע, (האגער)**
**בעל דמשק אליעזר, אב"ד ווישניץ**

ער איז געבוירן אין שטאט ווישניץ, **כ"ב שבט בשנת תרנ"א**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי ישראל בעל אהבת ישראל מוווישניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ברוך בעל אמרי ברוך מוווישניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל צמח צדיק מוווישניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי חיים בעל תורת חיים מקאסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל אהבת שלום מקאסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יעקב קאפיל חסיד** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת הינדא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי מאיר הורוויץ בעל אמרי נועם מדזיקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם מענדל מלינסק** זי"ע.

ביים ברית האט מען פארן קינד א נאמען געגעבן נאכן זיידן הרה"ק **רבי אליעזר מדזיקוב** זי"ע, און שוין פון אלס קינד האבן צדיקי הדור מעיד געווען, אז דאס קינד וועט אויס וואקסן א גדול ומנהיג ישראל.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון וגדול בתורה, שוין פון ווען ער איז געווען גאר יונג האט ער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, גאר אסאך אידן האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און געקומען שעפן תורה און יראת שמים און א דרך אין עבודת השם,

ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל און ער האט מקרב געווען יעדן איד מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער איז געווען מפורסם מיט זיין לעכטיגע צורת קדשו, און אפילו גוים זענען געשטאנען אויפן גאס, און באטראכט דעם הייליגען צורה פונעם צדיק.

זיין טאטע דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע חביבות צו זיין קינד אליעזר, גאר אסאך תורה און עבודת השם האט דער קינד מקבל געווען פון זיין טאטן, דער טאטע האט כסדר גערעדט פון די גדלות בתורה פונעם זון, אויך האט דער טאטע גאר שטארק מפליא געווען אין זיין התנהגות בקדושה וטהרה.

דער טאטע האט זיך אמאל אויס געדריקט בזה"ל, "**כאשר ישאלו אותי בעלמא דקשוט, מי אני, אשיב להם, כי אני אביו של אליעזר'קה, ויתנו לי מיד להכנס**", ווען איך וועל ארויף קומען אויפן עולם האמת און מען וועט מיך פרעגן ווער איך בין, וועל איך זאגן, אז איך בין די טאטע פון מיין אליעזר'קה, און מען וועט מיך גלייך אריין לאזן.

די התמדת התורה פונעם הייליגען דמשק אליעזר איז נישט צום באשרייבן, ער איז שוין זייענדיג א יונגער בחור געווען מפורסם אלס א למדן נפלא בתורה, ער האט ממש עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה.

גאנצע נעכט איז דער צדיק געזעצן און עוסק געווען בתורה דעם גאנצע נאכט מיט זיין גרויסע ברודער הרה"ק **רבי חיים מאיר בעל אמרי חיים מוווישניץ** זי"ע, און ווען דאס מידעקייט האט אביסל אנגעכאפט, האט זיך איין ברודער געלייגט דעם קאפ אויפן טיש, און דערווייל האט דער אנדערער עוסק געווען בתורה כדי מען זאל נישט מפסיק זיין פון עוסק זיין בתורה, אויך האט זיך געקענט מאכן ביי די צוויי ברודער'ס, **אז מען האט פארגעסן אויס צו טוהן די שבת'דיגע מלבושים משבת לשבת**.

די צוויי ברודער'ס זענען נסמך געווארן להוראה פון די גדולי וגאוני הדור וואס האבן ממש מפליא געווען דעם גדלות בתורה פון די צוויי גאונים בתורה ובתוכם.

הגה"ק **רבי שלום מרדכי הכהן בעל מהרש"ם מברעזאן** זי"ע,

הגה"ק **רבי שמואל ענגיל בעל שו"ת מהר"ש מראדומישלא** זי"ע,
הגה"ק **רבי אברהם מנחם הלוי שטיינברג בעל מחזה אברהם מבראדי** זי"ע,

בשנת תרס"ז האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חוה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל ממעזיבוז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משולם זוסיא ממעזיבוז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

נאך די חתונה האט דער גאון ווייטער עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט זיך ממש אריין געווארפן אין תורה און נישט געוויסט גארנישט אויסער תורה און עבודת השם, גדולים און גאונים בתורה האבן זיך מפלפל געווען מיט דעם גאון בתורה און גאר שטארק מעריץ געווען זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע התנהגות דקדושה.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה, איז דער צדיק אנטלאפן צוזאמען מיט זיין גרויסן שווער פון שטאט **קאפיטשניץ**, און זיי האבן זיך דאן געצויגען קיין וויען וואס איז געווען ווייט פון די געגענט פון די מלחמה, דארט האט ווייטער דער גאון עוסק געווען בתורה מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, דעם ערשטן טאג ראש השנה בשנת תרצ"ו איז דארט נסתלק געווארן זיין שווער הרה"ק **רבי יצחק מאיר** זי"ע.

בשנת תרפ"ב איז ער געווארן מוכתר אלס רב אין שטאט **ווישניץ**, און א יאר שפעטער בערך בשנת תרפ"ג האט ער אויף געשטעלט זיין גרויסע ישיבה אין שטאט ווישניץ, וואס דארט זענען געקומען בחורים גדולים און גאונים בתורה לערנען פונעם גרויסן גאון, תורה און עבודת השם בקדושה.

דער צדיק האט זיך פרעזענליך אפ געגעבן מיט די בחורים, און זיכער געמאכט אז מען פירט זיך אויפן ריכטיגען וועג, דעם דרך ישראל סבא וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, ער האט געהאט א ספעציעלן צו געלאזנעם דרך מיט זיינע תלמידים, ער האט יעדן בחור אויף גענומען בסבר פנים יפות, און דורך דעם משפיע געווען תורה און יראת שמים פאר זיינע תלמידים.

אפילו ווען ער האט געברויכט מוסר זאגן פאר א תלמיד, איז דאס געווען במתינות און מיט א גאר קלוגע וועג, אז דער בחור זאל ח"ו נישט פארשעמט ווערן, און טאקע וועגן דעם זענען זיינע ווערטער אייביג נתקבל געווארן ביי די תלמידים, וואס האבן צו געזען אז די רבי מיינט אלעס באמת נאר לשם שמים.

דער טאטע דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע האט זיך סוף ימיו אוועק געצויגען פון ווישניץ כדי זיך צו ראטעווען פון די רוסישע מיליטער, און דאן האט זיך דער טאטע באזעצט ביז צו זיין פטירה אין שטאט **גרויסווארדיין**, און דארט האט דער טאטע געפירט זיין קהלה קדושה ווישניץ ביז צו זיין פטירה.

ב' סיון בשנת תרצ"ו ווען זיין גרויסע טאטע איז נסתלק געווארן, האט דער זון רבי אליעזר אנגעהויבן פירן רביסטעווע בחצר ווישניץ, ער האט די קהלה געפירט מיט א געוואלדיגע שטארקייט און נישט געלאזט זיך נויגען פון דעם אויס געטרעטענעם וועג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, ער איז געווען מפורסם אלס א געוואלדיגע עניו.

בשנת ת"ש אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה, איז דער צדיק אריבער פון ווישניץ וואס איז געווען אונטער די רוסישע הענט, און ער האט זיך דאן באזעצט אין שטאט **טעמעשוואר**, און בשנת תש"ד כ"ז ניסן איז דער צדיק ארויף **קיין ארץ ישראל**, און דארט איז ער געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

דער צדיק איז געווען געבענטשט מיט א געוואלדיגע **מידת השמחה**, אויך זיין עבודת הקודש און זיין עבודת התפלה איז געווען גאר געהויבען, דאס דאווענען איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע מתינות און מתיקות, ער האט ממש צעניכמען יעדן איד וואס איז געווען במחיצתו בשעת דאס דאווענען, אויך זיינע הייליגע טישן די

שולחן הטהור איז געווען מיט א געוואלדיגע ווארעמקייט און מיט א ברען צום קדושת השבת, אבער אלעס איז געווען מיט א שמחה רבה.

סוף ימיו שוין אין ארץ ישראל האט ער געוויילט א שבת קדוש אין שטאט תל אביב, יענעם שבת איז געווען איינע פון די וואכן פון ימי בין המצרים, און ווי זיין מנהג איז געווען, האט דער צדיק געפירט טיש מיט א געוואלדיגע שמחה,

איז דארט געווען א פרעמדע איד וואס האט נישט געקענט דעם רבין'ס מנהג, און ווען ער האט געזען ווי דער צדיק איז אזוי שמחה דעם גאנצן טיש, האט ער געפרעגט דעם צדיק, אז היתכן עס איז דאך די ימי בין המצרים, וואס מען טרויערט דאך אויפן חורבן בית המקדש, איז ווי אזוי קען די רבי זיין אזוי בשמחה דעם שבת.

האט דער צדיק מיט זיין גרויס חכמה און מידת האמת געזאגט פאר דעם איד, אז דער הייליגער זיידע דער אהבת שלום מקאסוב זי"ע האט דאך געזאגט, אז חז"ל זאגן אז דער שבת קדוש איז א מתנה פאר די אידן, ווי עס שטייט אין די גמרא (שבת י':) "**אמר ליה הקב"ה למשה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל**", און אויך זאגט די גמרא (בבא מציעא ק"ח:) "**מתנה לית בה משום דינא דבר מצרא**", אז ביי א מתנה וואס איינער געט פאר א אנדערן, איז נישט דא דער דין פון "**בר מצרא**", קומט דאך אויס, אז וויבאלד שבת קודש איז א מתנה, **איז נישט שייך דער דין פון "בין המצרים"**.

לגבי די צורת קדשו פונעם צדיק, וואס צדיקי הדור האבן מעיד געווען אז אפילו נישט אידן זענען ממש נתפעל געווארן נאר מיט א בליק טון אויף זיין הייליגע צורה, ווערט אויף דעם דערציילט, אז איינמאל איז א טאכטער פונעם הייליגען אמרי חיים זי"ע זייער נישט געזונט געווארן, און מען האט געברויכט א דאקטאר וואס זאל איר קומען אונטער זיכן, האט דער אמרי חיים געבעטן דעם ברודער רבי אליעזר, אויב ער קען אים ערלעדיגן אז דער דאקטאר "**אשרמן**" זאל אריבער קומען.

ווען ער האט געריפן דעם דאקטאר, האט דער דאקטאר געזאגט, אז ער גייט זיך יעצט שוין לייגן, און ער קען יעצט נישט אריבער קומען, האט דער צדיק רבי אליעזר גענומען זיין גבאי הרה"ח ר' בערל וואלצער ז"ל, און ער איז אריבער צום דאקטאר אין שטוב, און ווען דער צדיק איז אנגעקומען צום שטוב פון דעם דאקטאר, האט די פרוי פונעם דאקטאר אויף געמאכט די טיר.

וויבאלד זי האט געזען דעם צורת קדשו פונעם רבין, איז זי גלייך אריין געלאפן צו איר מאן דער דאקטאר, און האט אים געריפן און געזאגט, **דו ברויכסט אראפ גיין צום ראבינער וואס איז געקומען צו דיר**, דער דאקטאר האט אבער געזאגט פאר זיין פרוי, איך האב דיר דאך אן געזאגט, **אז מען זאל מיך נישט קומען שטערן, און אפילו אויב א מלאך קומט, זאל מען מיך אויב נישט שטערן, ווייל איך ברויך מיך צו לייגן**,

האט די פרוי געזאגט פאר איר מאן, "**דער מאן איז קיין מלאך נישט, דער איז דער רבונו של עולם אליין בכבודו בעצמו**", דאס איז געווען דעם גרויסן יראת הכבוד וואס מען האט געהאט צו דעם צדיק.

ליידער האט דער צדיק נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער גאר אסאך דברי תורה האט ער געשריבן בחייו, אבער ליידער איז א גרויסע חלק פארלוירן געווארן ביי די צווייטע וועלט מלחמה, און דאס איבער געבליבענע דברי תורה, זענען געדריקט געווארן אינעם **ספר דמשק אליעזר**.

נסתלק לגנזי מרומים **ב' אלול בשנת תש"ו**, ומנחתו כבוד איז אויפן **הר הזיתים אין ירושלים**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט זיך דער צדיק רבי אליעזר מווישניץ זי"ע געטראפן מיטן גרויסן גאון הגה"ק **רבי מאיר שפירא פון ישיבת חכמי לובלין** זי"ע, און דער צדיק רבי אליעזר האט געזאגט פאר רבי מאיר, אז ער איז אים זייער מקנא מיט די תלמידים המצויינים און תלמידי חכמים פון זיין ישיבה וואס זיצן אין לערנען די גאנצע טאג תורה און וואקסן אויס גרויסע תלמידי חכמים.

האט דער גאון וקדוש רבי מאיר שפירא זי"ע געזאגט פארן צדיק רבי אליעזר, איך בין אייך אסאך מער מקנא, ווייל ביי אונז אין ישיבה נעמען מיר אן בחורים ירא שמים, און מען לייגט אריין תורה און יראת שמים אין די בחורים, ביז זיי שטייגן אין תורה ועבודת השם.

אבער ביי אייך אין ישיבה נעמט מען אריין פשוטע בחורים, און מען לייגט אריין תורה און יראת שמים ביז זיי שטייגן אויף גאר א געהויבענע מדרגה אין תורה ועבודת השם, איז אייער ישיבה אסאך מער חשוב פון מיין ישיבה.

• • •

**הרה"ח ר' שלמה זלמן מוזס ז"ל האט בשנת תש"ו געהאלטן 9 יאר נאך די חתונה** און האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, איז דער חסיד רבי שלמה זלמן אריין זאת חנוכה צוזאמען מיט א קבוצה פון זיינע חברים, ובתוכם הרה"ח ר' שמשון וולצר ע"ה הרה"ח ר' בערל וולצר ע"ה, אין שטוב פונעם צדיק רבי אליעזר בעל דמשק אליעזר מוויזניץ זי"ע, און זיי האבן געלאזט וויסן פארן רבין, **אז זיי גייען נישט ארויס פון שטוב, ביז די רבי פועל'ט נישט אויס א ישועה פארן חבר ר' שלמה זלמן**.

דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות האט גלייך געזאגט פאר די אידן, וואס ווילט איר פון מיר, פון ווי זאל איך האבן די כוח צו צו זאגן אזא זאך, האט הרה"ח ר' שמשון וולצר געזאגט פארן רבין, אז אין זכות וואס די רבי האט זיך ממש מוסר נפש געווען ביי די מלחמה צו מציל זיין אידישע קינדער, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק ממש געטון אלעס כדי צו ראטעווען אידן ביי די מלחמה, און אפילו א זייגער פון דעם הייליגען אוהב ישראל מאפטא זי"ע וואס דער צדיק האט געהאט בירושה, האט דער צדיק אוועק געגעבן צו ראטעווען אידן, און מיט דעם זכות קען די רבי זיכער וואונטשן א ברכה און ברענגען א ישועה.

האט דער צדיק במתק לשונו געזאגט, **שמשון, מציל זיין אידן איז א זכות אדער חובה, זיכער איז מציל זיין א איד א חובה, איר סטראשעט אז איר גייט נישט ארויס ביז איך זאג צו א ישועה, איך האב דא נישט געגוג בעטן פאר אייך אלע**, אבער דאן האט דער צדיק געבעטן דעם קוויטל, און נאכן לייענען די קוויטל האט דער צדיק געזאגט, **"מרים" וואס דאס איז געווען די נאמען פון זיין מאמע איז ר"ת מ'ה ר'בו מ'עשיך ד'.**

און דער צדיק האט זיך געוואונדן מיט זיין גרויס עניוות צו ר' שלמה זלמן און געזאגט, **"געהאלפענער שלמה זלמן, געהאלפענער שלמה זלמן"**, עס וועט זיכער מקיים ווערן וואס דער הייליגער בני יששכר זאגט, אז דעם טאג זאת חנוכה איז א טאג מסוגל פאר ישועות, און זכות אבות האב איך דאך אויך, און טאקע אין די זכות פון מיינע עלטערן וועסטו האבן א ישועה בקרוב, און טאקע יענעם יאר איז דער חסיד ר' שלמה זלמן געהאלפן געווארן מיט א קינד.

• • •

**הרה"ח ר' נפתלי הירץ שפירא ע"ה וואס איז געווען א בן יחיד ביי זיין טאטן האט דערציילט**, אז ווען ער איז געפארן צוזאמען מיט זיין טאטע אין ישיבה פון הרה"ק רבי אליעזר בעל דמשק אליעזר מוויזניץ זי"ע, איז ער נאך געווען דאן בעפאר די בר מצוה, און זיין טאטע האט געזאגט פארן צדיק רבי אליעזר זי"ע, **אז ער בעט דעם רבין אז ער זאל האלטן אן עינא פקיחא אויף זיין זוהן ווייל ער איז א בן יחיד**.

האט דער צדיק געזאגט, **איך האב ביי מיר אין ישיבה 120 בן יחידים, ווייל יעדער בחור איז געווען ביים צדיק א בן יחיד און ער האט זיך שטארק אומגעקוקט אויף יעדן תלמיד און געזאגט, אויב א טאטע געטרויט מיר א קינד, איז ער ביי מיר ווי א בן יחיד**.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר דמשק אליעזר ווערט געברענגט**, אז אין די יארן ווען ער האט געפירט די ישיבה אין שטאט **ווישניץ**, זענען פילע פון די בחורים געווען ארעמע יתומים אדער בחורים פון ווייטע שטעטלעך וואס האבן נישט געהאט קיין געלט פאר זייערע נצרכים ווי קליידונג אדער שיך, און אפילו נישט פאר פשוטע עסן.

דער רבי דער הייליגער דמשק אליעזר זי"ע האט נישט נאר אכטונג געגעבן אויף זייער **לימוד התורה**, נאר ער האט זיך אפגעגעבן מיט זיי **ווי א טאטע צו זיינע קינדער**, ער פלעגט אליין גיין צו די שוסטערס און שניידערס אין שטאט, באשטעלן

פאר די ארימע בחורים נייע קליידער און נעמען דעם חוב אויף זיין אייגענעם נאמען, ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער נעמט אויף זיך אזעלכע גרויסע חובות, האט ער געענטפערט, "**ווי אזוי קען א בחור לערנען תורה מיט א רואיגקייט ווען די שיך דריקט אים און ער איז קאלט**".

• • •

**אינעם ספר זכרון אליעזר ווערט געברענגט**, אז בשעת די צווייטע וועלט מלחמה, ווען טויזענטער פליטים אידן זענען אנטלאפן פון פוילן און אונגארן קיין ראמעניע, האט דער הייליגער דמשק אליעזר אויפגעשטעלט א גאנצע קאמיטע זיי צו ראטעווען, האט אמאל פאסירט אין א נאכט, ווען די פאליציי האט ארומגערינגלט די גאסן צו כאפן פליטים וואס האבן נישט קיין פאפירן, דער רבי האט געוואוסט אז עס באהאלטן זיך א גרופע אידן אין א געוויסן קעלער, אן קיין שום מורא פאר די רעגירונגס-סאלדאטן, איז ער אליין ארויס אין די שפעטע נאכט שעהן, זיך באהאלטן צווישן די הייזער, און ער האט אנגעפירט די פעולה צו באפרייען די אידן און זיי אריבערפירן צו א זיכערן ארט, זיין גאנצע חיות איז געווען צו ראטעווען נאך א אידישער נפש.

• • •

**אין ספר מאיר החיים ווערט דערציילט**, איבער די גרויסע זהירות אין קדושה וואס דער דמשק אליעזר האט געהאט פון זיין יוגנט אן, ווען ער פלעגט גיין אין גאס, האט ער כמעט נישט אויפגעהויבן די אויגן, ער פלעגט שטענדיג גיין אראפגעבויגן מיט א געוואלדיגע קדושה, און זיינע מחשבות זענען די גאנצע צייט געווען אריינגעטיפט אין תורה און חסידות, איינמאל האט אים איינער פון די מקורבים געפרעגט, ווי אזוי ער קען זיך אזוי אפהיטן אין די גרויסע שטעט וואו עס איז דא אזויפיל נסיונות, האט ער געענטפערט בזה"ל, "**ווען א מוח פון א איד איז כסדר פארטון אין די הייליגע תורה און אהבת השם, האט א איד פשוט נישט קיין ארט אין מח אריינצוברענגען עפעס אנדערש**".

• • •

**אין ספר דמשק אליעזר ווערט געברענגט**, אז ווען דער צדיק רבי אליעזר מווישניץ זי"ע איז שוין געווען אין ארץ ישראל אין זיינע לעצטע יארן, פלעגן מאסן אידן קומען צו אים נאך ברכות, בפרט אידן וואס זענען ליידער געווען צעבראכן און צעהאקט פון די קריג, איינמאל איז אריינגעקומען א איד וואס האט זייער געוויינט אז זיין ווייב איז גאר שווער קראנק און די דאקטוירים האבן זיך שוין מתיאש געווען צו טרעפן א רפואה פאר זיין ווייב.

דער הייליגער דמשק אליעזר האט ארויסגענומען זיין איין-איינציגן קליינעם תהילים'ל וואס ער האט מצליח געווען מיטצונעמען דורך די גאנצע מלחמה, האט אנגעהויבן צו וויינען מיט ביטערע טרערן, און געזאגט פארן איד, "**נעם דעם תהילים, לייג דאס אונטער איר קישן, און השי"ת וועט שיקן א רפואה שלימה**", די פרוי איז בדרך נס געזונט געווארן, און שפעטער האט דער צדיק דאס מסביר געווען מיט זיין גרויס עניוות, "**אז די פרוי איז געזונט געווארן נישט דורך א מופת פון אים, נאר דורך דעם וואס ער האט באמת מיט געפילט די צער פון די פרוי, און דורך דעם איז די רפואה געקומען**".

• • •

**אין ספר תפארת אליעזר ווערט דערציילט**, אז די התמדת התורה פון דעם צדיק דער הייליגער דמשק אליעזר זי"ע איז געווען לשם ולתפארת, עס ווערט דערציילט דורך זיין ברודער, דער מקור ברוך מסערעט-ווישניץ זי"ע, אז אין זיין יוגנט פלעגט ער זיצן און לערנען שעה'ן על גבי שעה'ן אן קיין שום הפסק.

איינמאל אין א קאלטן ווינטער נאכט האט ער זיך אריינגעזעצט לערנען אין בית המדרש, דער אויוון האט זיך אויסגעלאשן און די קעלט אין ביהמ"ד איז געווען אומדערטרעגליך, ביז די טינט אויפן טיש איז פארפרוירן געווארן, ווען מען איז צופרי אריינגעקומען אין בית המדרש, האט מען אים געפונען זיצן **אנגעטאן אין זיין מאנטל, צוגעבונדן א פאטשיילע ארום די אויערן, און ער איז געווען אזוי פארטיפט אין א קשה'דיגע סוגיא אין מסכת בבא קמא, אז ער האט אפילו נישט באמערקט ווי די צייט איז אדורך און ווי קאלט עס איז געווען**.

• • •

**און הקדמת ספר דמשק אליעזר ווערט דערציילט**, אז איידער ער איז געווארן רב אין ווישניץ, האט זיין גרויסער פאטער דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע, אים געשיקט מקבל זיין היתר

הוראה פון די גדולי הדור, ער איז געפארן צו דעם גרויסן גאון **רבי מאיר אריק אב"ד טורנא** זי"ע צו נעמען היתר הוראה פון דעם גרויסן גאון.

דער גאון רבי מאיר אריק האט אים פארהערט אויף גאנץ חושן משפט און יורה דעה, און נאכן פארהערן שעה'ן לאנג אין טיפקייט פון די הלכות, איז דער גאון רבי מאיר אריק **ממש ארויס פון התפעלות פון די גאונות פון דעם צדיק**, און האט זיך אויסגעדריקט פאר די ארומיגע, "**דער יונגער וויזשניצער אייניקל איז נישט נאר א צדיק און א בן קדושים, ער איז א גאון עצום וואס קען די גאנצע תורה ווי אויף די פינגער**", און ער האט אים געגעבן א היתר הוראה מיט גרויסע שבחים.

• • •

**און קונטרס בית וויזשניץ ווערט דערציילט**, אז אלס רב אין שטאט ווישניץ האט ער געפירט די ישיבה "**בית ישראל ודמשק אליעזר**", וואו עס האבן געלערנט גאר אסאך בחורים גדולים וגאונים בתורה, און טראץ זיינע גרויסע עול פון די רבנות און די עסקנות פאר דער גאנצער שטאט, האט ער קיינמאל נישט מוותר געווען אויף זיינע שיעורים.

ער פלעגט פארזאגן די שיעור עיון פאר די בחורים יעדן טאג מיט א גרויסן חיות, די תלמידים האבן דערציילט, אז ווען דער רבי איז אריינגעקומען זאגן דעם שיעור, האט זיך זיין גאנצע צורה געביטן, ער האט פארגעסן פון אלע זיינע דאגות און חובות, און ער איז געווארן אינגאנצן איבערגענומען אין די "**פלפולא דאורייתא**", ער פלעגט לערנען מיט די בחורים ביז די שפעטע שעהן פון דער נאכט, און ער האט געהאט א מורא'דיגן גאנג אין מסביר זיין די שווערסטע סוגיות אויף א פשוטן און קלארן אופן.

• • •

**אין ספר דמשק אליעזר ווערט דערציילט**, אז אין זיינע לעצטע יארן אין ארץ ישראל, ווען ער איז שוין געווען גאר שוואך און קראנק, האבן די דאקטוירים אים אנגעזאגט אז ער מוז זיך אפרוהען און ער טאר זיך נישט איבערשטרענגען מיט שווערע זאכן, אבער דער רבי האט נישט געקענט לעבן אן די הייליגע תורה, זיין גבאי האט דערציילט, אז ווען דער רבי האט נישט געקענט האלטן קיין שווערן ספר אין די הענט פון גרויס שוואכקייט, פלעגט ער ליגן אויפן בעט מיט פארמאכטע אויגן און חזר'ן בעל פה גאנצע פרקים משניות און גמרא, ווען מען האט אים געבעטן ער זאל זיך אפרוהען, האט ער געענטפערט מיט א שמייכל, "די **תורה איז דאך מיין גאנצע חיות, ווי אזוי קען א מענטש אטעמען אן קיין חיות**".

• • •

**אין ספר תפארת אליעזר ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום הייליגען דמשק אליעזר זי"ע א ארימאן אין שטאט ווישניץ, און אים דערציילט זיין ביטערע הארץ-ווייטאג, ער דארף חתונה מאכן זיין טאכטער און ער האט נישט קיין פרוטה אויף די הוצאות החתונה, און די חתונה דארף שוין אט אט זיין, דער דמשק אליעזר האט אים אויסגעהערט מיט א מורא'דיגע רחמנות און מיטגעפיל, ער האט גלייך געעפנט זיין קאסע, אבער ער האט דארט אינעם קאסע שוין נישט געהאט קיין געלט ווייל ער האט שוין אלעס פארטיילט פאר אנדערע נצרכים.

זעענדיג אז ער קען אים נישט העלפן מיט קיין גרויסע סומע געלט אויף דער מינוט, איז דער רבי צוגעגאנגען צום ארון הקודש, געעפנט די טירן, **און זיך צעוויינט מיט אים צוזאמען ווי א קינד**, און ער האט געזאגט, "**רבונו של עולם, דו ביזט דאך דער באשעפער פון די וועלט וואס פירט די גאנצע וועלט, העלף דעם איד ער זאל קענען חתונה מאכן זיין טאכטער בדרך כבוד**", דער איד איז ארויס פון רבי'נ'ס שטוב מיט גרויס חיזוק, און נאך איידער די וואך איז דורך, איז געקומען א גביר פון אן אנדערע שטאט, **און האט איבערגעגעבן א גרויסע סומע געלט פארן רבי'ן צו פארטיילן פאר הכנסת כלה, און דער רבי האט דאס גלייך איבערגעגעבן פאר דעם ארימאן**.

• • •

**און קונטרס בית וויזשניץ ווערט דערציילט**, אז נאך די הסתלקות פון זיין גרויסן פאטער, דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע בשנת תרצ"ו, האבן פילע וויזשניצער חסידים געוואלט אים אויפנעמען אלס רבי און אים געוואלט געבן קוויטלעך, טראץ דעם וואס ער איז געווען א גאון און א צדיק מפורסם, האט ער זיך אפגעזאגט און נישט געוואלט פירן קיין רביסטעווע בשום אופן, ער האט זיך עקשנות'דיג אפגעזאגט און געזאגט פאר די חסידים, אז זיי זאלן גיין צו זיינע עלטערע ברודער'ס, און דער צדיק פלעגט כסדר זאגן, "**אז**

**זיין גאנצע חיות איז נאר צו לערנען תורה מיט די בחורים אין ישיבה און העלפן די ארטיגע אידן מיט זייערע געברויכן, איך זוך נישט קיין כבוד און קיין רביסטעווע**", זיין ענוה איז געווען א שם דבר צווישן אלע גדולי הדור.

• • •

**און ספר מאיר החיים ווערט געברענגט**, אז ווען ער איז שוין געווען אין תל אביב אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן, איז זיין געזונט-צושטאנד געווען גאר שוואך, די רפואות און ספעציעלע אנווייזונגען וואס די דאקטוירים האבן פארגעשריבן פאר אים זענען געווען גאר שווער צו באקומען אין די דעמאלטדיגע יארן אין ארץ ישראל.

איינמאל האט זיין גבאי באזארגט פאר אים **א קאנע מיט פרישע מילך וואס איז געווען גאר וויכטיג פאר זיין רפואה**, אביסל שפעטער איז אריינגעקומען א צעבראכענער איד א איבערלעבער פון די ביטערע מלחמה, וואס האט געליטן פון גרויס הונגער און שוואכקייט, דער דמשק אליעזר האט אן טראכטן א רגע געהייסן דעם גבאי אריינברענגען די פרישע מילך און עס אנגעגאסן פאר דעם איד, ווען דער גבאי האט אים געזאגט, אז דער דאקטאר האט געווארנט אז דער רבי מוז דאס טרינקען פאר זיין אייגענעם געזונט, האט דער רבי געענטפערט, "**אן אנדערן אידן צו דערקוויקן די נפש איז די בעסטע רפואה פאר מיין גוף**".

• • •

**אין ספר שיחות חיים ווערט דערציילט**, אז דער רבי דער הייליגער דמשק איעזר זי"ע איז געווען א מוראדיגער מדקדק אין **דיני ממונות**, ווען ער פלעגט פארן אויף מקומות הקדושים אדער פארן צוזאמען שטעלן געלט פאר די ישיבה, האט ער געהאט א באזונדערע פאפיר וואו ער האט פארשריבן יעדן איינציגן פרוטה וואס ער האט אויסגעגעבן.

איינמאל האט ער געדינגען א פערד און וואגן צו פארן ערלעדיגען עפעס א דבר מצווה, אינמיטן וועג דורך פארענדיג אין א געוויסע שטאט, האט זיך דער וואגן אנגעקלאפט אין א געוויסע מויער ארום א הויז, דער רבי האט גלייך געהייסן דעם בעל עגלה אפשטעלן דעם וואגן, ער איז אראפגעגאנגען און געזוכט דעם בעל הבית פון דעם הויז, צו זען אויב עס איז געווארן עפעס א שאדן, און ער האט אים צוגעזאגט צו באצאלן די הוצאות אויב עס איז פארהאן א חשש היזק, און דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "**מען קען נישט גיין טאן א מצוה פון אהבת ישראל ווען עס איז פארהאן אפילו א קליינער ספק פון היזק פאר אן אנדערן איד**".